STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08325

YIDISHKAYT UN ANDERE PROBLEMEN

Leibush Lehrer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישקייט
און אַנדערע פּראָבלעמען

פון

לייבוש לעהרער

פארלאג
מ ת נ ו ת
נ״יו יאָרק, 1940

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

Copyright, 1940,
by
LEIBUSH LEHRER
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

פּאָזי־שאָולזאָן פּרעס
19 װעסט 21סטע גאַס
ניו־יאָרק, נ. י.

255

אינהאַלט:

●

הקדמה .... 5 —10

I. רעליגיע און יידישקייט .... 11—96

1. די איצטיקע לאַגע אין דער יידיש־וועלטלעכער סביבה.... 13—15
2. רעליגיע און קריסטנטום.......................... 15—22
3. פאַרשיידענע פּראָבעס צו דעפינירן יידישקייט .... 23—30
4. רעליגיע און לעבנס־שטייגער .... 30—46
5. די רעפאָרם באַוועגונג און די „יידישע רעליגיע" ...... 46—51
6. סעקולאַריזם און יידישע וועלטלעכקייט .... 51—68
7. דער בליק אַז יידיש איז דער תמצית פון יידישקייט... 68—79
8. רעזולטאַטן פון „יידיש־סעקולאַריסטישע" עקספּערימענטן 79—83
9. וועלטלעכע און קולטוריסטישע יידישקייט .... 83—93
10. די סכנה פון דער פאָרמולע „לינגוויסטיש־סעקולאַריסטיש" 94—96

II. מיטלען און צילן .... 97—154

1. לעבן און טראַכטן .... 98 —102
2. די באַגריפן „מיטלען" און „צילן" .... 103—108
3. די געבונדנקייט צווישן מיטלען און צילן .... 108—111
4. היסטאָרישע ביישפּילן דאָס צו באַווייזן .... 111—125
5. ביישפּילן פון אינדיווידועלן פּסיכישן לעבן .... 125—132
6. פּראָבלעמען פון סאָציאַלן אַנאַליז .... 132—139
7. מיטלען און צילן אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן ..... 139—152
8. די סכנה פון צעשפּאַלטן די אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן מיטלען און צילן .... 152—154

III. יידן וועגן יידן .... 155—208

1. די נעגאַטיווע באַציאונג פון יידן צו יידן .... 155—161
2. אַן אויספאָרשונג אין פינף געשעפטן וועגן די אייגנשאַפטן פון יידישע קונים .... 161—186
3. אַן אויספאָרשונג פון מיינונגען וואָס יידן האָבן וועגן יידישע און גויאישע קונים, און אַ פאַרגלייך צווישן די אָביעקטיווע פאַקטן און די סוביעקטיווע מיינונגען ... 186—196
4. אַנאַליז פון די רעזולטאַטן .... 196—205
5. סך הכל .... 206—208
6. טאַבעלעס — 17, דיאַגראַמען — 9.

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך באַשטייט פון דריי אַרבעטן וואָס זענען לכתחילה ניט געשריבן געוואָרען אַז זיי זאָלן האָבען וועלכע עס איז טעמאַטישע שייכות צווישן זיך. דאָך וועט יעדער אויפמערקזאַמער לייענער באַמערקן אַן אינערלעכע, כאָטש ניט קיין אינהאַלטלעכע, קרובה'שאַפט וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין באַשטימען דעם כאַראַקטער פון בוך. די דאָזיקע נאָענטקייט נעמט זיך, אין דער ערשטער שורה, פון דעם וואָס אַלע דריי זענען אינטים פאַרבונדן מיט די באַזונדערע אויפברויזן פון געדאַנק און געפיל אין דער איצטיקער פּחדימ'דיקער צייט. די פּראָבלעמען וואָס ווערן דאָ באַהאַנדלט, — סיי די וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן, סיי די וואָס רירן אָן ברייטערע וועלט־ענינים — זענען קינדער פון זעלביקן צייט־שטורעם, כאָטש זיי האָבן אויך אין פאַרשיידענע פריערדיקע צייטן און אויף פאַרשיידענע אופנים באַאומרואיקט דאָס יידישע און דאָס מענטשלעכע געמיט.

אַחוץ דעם איז פאַראַן אַן אינערלעכע שייכות צווישן די דריי אַרבעטן וואָס זעט זיך אָן גאַנץ בולט. אַלע האָבן זיי צו טאָן מיט איבערשאַצן ווערטן, מיט אָנווייזן אויף קאָנקרעטע יידישע און מענטשלעכע סכנות וואָס רינגלען אונדז אַרום און מיט זוכן אַן אויסוועג סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש. אָבער ווי וויכטיק די דאָזיקע שייכותן זאָלן ניט זיין זענען זיי בלויז אַן אַלגעמיינע ראַם וואָס באַשטימען דאָס פּנים און דעם טאָן פון בוך. קומען מיר צו יעדער אַרבעט באַזונדער האָבן מיר פאַר זיך אַן אָפּהאַנדלונג וואָס איז גאַנץ און אומאָפּהענגיק אין זיך אַליין, באַוועגט זיך אין איר אייגן ווינקל און באַוואָפנט זיך מיט כוחות וואָס שטאַמען פון דער אייגענער ספערע. דאָ ווייזן זיך אויך אַרויס ניט בלויז טעמאַטישע אונטערשיידן נאָר אויך אַזעלכע וואָס האָבן צוטאָן מיט צוגאַנג און מעטאָדע.

אין „רעליגיע און יידישקייט" ווערט באַהאַנדלט די איצטיקע בלאָנדזשעניש און צעשויבערטע אויפגערודערטקייט פון גייסטיקן יידישן לעבן. אַן אַנאַליז פון טעאָרעטישע אויפפאַסונגען און צעשייד־ליניעס פון

ריכטונגען ברענגט מיך צום געדאַנק אַז אין דער איצטיקער גייסטיקער צעמישעניש איז אַ סך שולדיק דער פאַקט וואָס יידישקייט איז אויפ־געפאַסט געוואָרן ווי אַ „יידישע רעליגיע", ממילא דאַרף מען פאַרשטיין דאָס אַלטע יידישע קולטור־לעבן פון שטאַנדפונקט פון אַ רעליגיע. אַזאַ בליק אויפן יידישן שטייגער מוז פירן צו פאַטאַלע קאָנסעקווענצן.

„רעליגיע" איז אַ באַגריף וואָס איז געבוירן געוואָרן און איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר די ספּעציעלע תנאים פון דער קריסטלעכער קולטור־ספערע. דאָס יידישע לעבן איז אַזוי ווייט אַנדערש אַז דער עצם באַ־גריף „רעליגיע" — אַזוי ווי ער ווערט געוויינטלעך פאַרשטאַנען אין דער גאַנצער מערב'דיקער וועלט — פּאַסט זיך אַהין ניט אַריין. גייען מיר איבער פון באַגריף „רעליגיע", וואָס מען האָט ניט לאַנג צו אונדז גע־בראַכט, צום באַגריף „יידישקייט", פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, דעמאָלט איז דאָס מחייב גאָר אַן אַנדער אויפפאַסונג פון גאַנצן גייסטיקן יידישן לעבן. עס בייטן זיך ניט בלויז טראָפּ, און בליק, און צעשייד־פּונקטן, און קעגנשטעלונגען, אד"ג, נאָר עס פירט אויך צו געוויסע פּראַקטישע טעטיקייטן לטובת דעם קיום פון יידישן פאָלקס־לעבן.

בלויז דער פרעמדער באַגריף, „רעליגיע" האָט געקענט פירן צו אַ פרעמדער „וועלטלעכקייט" וואָס האָט מיט אונדז קיין שייכות ניט, ווייל יידישקייט האָט אַנדערש צעטיילט, אַנדערש אונטערגעשטראָכן און אַנדערש גרופּירט די ווערטן וואָס זענען ביי אונדז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. בקיצור, ווען מיר זאָגן זיך אָפּ פון קריסטלעך מערב'דיקן באַ־גריף רעליגיע ווי אַ באַזונדער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן באַקומט זיך אַ בליק אויפן יידישן סאָציאַלן געוועב וואָס איז, ווי מיר דאַכט זיך, אַ קלאָרערע אָפּשפּיגלונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ווירקלעכ־קייט, און שאַפט אויך ממילא בעסערע געלעגנהייטן זיך צו אָריענטירן אין אונדזערע איצטיקע גייסטיקע פּראָבלעמען.

די טעמע פון דער צווייטער עסעי ווערט קלאָר אויסגעדריקט אינ'ם נאָמען. היינטיקע צייטן אַז מען זאָגט „מיטלען און צילן" פאַרשטייט יעדער איינער וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דאָס איז דאָך פאַקטיש די וויכטיקסטע גייסטיקע פּראָבלעם וואָס באַאומרואיקט איצט דאָס געוויסן פון דער וועלט. זאָל אָבער גלייך פאַרשטאַנען ווערן אַז די ווערטער „מיטלען" און „צילן" ווערן דאָ ניט באַנוצט אויף אויסצודריקן צופעלי־

קע קאָנפליקטן פון דער היינטיקער צייט, נאָר ווי טערמינען וואָס דריקן אויס אַ באַשטימטן בליק אויף מענטשלעך לעבן בכלל און אויף מאָראַלע פּראָבלעמען בפרט. מיטלען און צילן זיינען אויף אַזאַן אופן גאַנץ באַשטימטע אַספּעקטן פון פּסיכישן לעבן וואָס באַלייכטן דעם גאַנג און די אַנטוויקלונג פון מענטשלעכער טעטיקייט.

אין משך פון פופצן יאָר צייט איז מיר אויסגעקומען צו אַנטוויקלען דעם באַגריף „שייכות־סיסטעמען", אַ באַגריף וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען די אַרבעט־אופנים פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. אַ שייכות־סיסטעם איז אייגנטלעך אַן אָרגאַניזאַציע פון סוביעקטיווע און אָביעקטיווע עלעמענטן וואָס באַשטייט פון פּאַראַנענע צילן און אָנגענומענע מיטלען זיי צו דערגרייכן. אין מיינע פריערדיקע שריפטן ווערן שייכות־סיסטעמען אַוועקגעשטעלט אין דער ראַם פון אינדיווידועלן לעבן. דאָ ווערט דער דאָזיקער באַגריף אויסגעברייטערט כדי ער זאָל אויך קענען איינשליסן סאָציאַלע דערשיינונגען. ממילא, כאָטש די דאָזיקע אַרבעט קומט צו אויספירן וואָס דריקן אויס אַ שטעלונג צו מאָראַלע פּראָבלעמען אין דער איצטיקער וועלט־סיטואַציע, איז אָבער דער אויסגאַנג־פּונקט אַן אַלגעמיין טעאָרעטישער, און „מיטלען" און „צילן" ווערן באַנוצט ווי אַ באַזונדער אַנאַליטישער צוגאַנג צו מענטשלעך לעבן בכלל.

אמת, אין טעקסט גופא ווערן אויסגעמיטן אַלע מער־דערווייטערטע טעאָרעטישע קאָמפּליקאַציעס, אָדער מער־פאַרשפּיצטע אַנאַליטישע פּרטים, און די פאַרבינדונג מיטן פריערדיקן באַגריף „שייכות־סיסטעם" ווערט אפילו ניט דערמאָנט. דאָס נעמט נאַטירלעך אַוועק אַ וויכטיקן טעאָרעטישן פונדאַמענט וואָס דאַרף שטיצן די גאַנצע קאָנצעפּציע. אָבער דאָס ווערט געטאָן מיט דער אויסדריקלעכער כוונה ניט צו שטערן די פּליסיקייט און פּאָפּולערקייט פון סטיל און אינהאַלט. וואָס מער איך האָב זיך אַריינגעלעבט אין דעם בוך אַלץ מער איז אויך דאָס געוואָרן מיין ציל. בנוגע דער טעמע פון „מיטלען און צילן" איז דאָס סוף כל סוף אַן ענין וואָס רירט אָן, אָדער דאַרף אָנרירן, יעדן איינציקן אין דער היינטיקער אומגליקלעכער צייט. האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אַז, ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך, זאָלן אויסגעמיטן ווערן צו ספּעציאַליסטישע טעכנישע טערמינען, אָדער געדאַנקלעכע קאָמפּליקאַציעס, אָדער דערווייטערטע אַבסטראַקציעס. עס איז בלויז געלאָזן געוואָרן דאָס וואָס אָן דעם, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, קען מען ניט קלאָר אַרויסברענגען דעם אַלגעמיינעם געדאַנק.

דאָס איז, אגב, אויך געווען די כוונה פון דער ערשטער עסעי „רע־ליגיע און יידישקייט״, און טאַקע צוליבן זעלביקן טעם. איך האָב דעריבער איןביידע עסעיען אויסגעמיטן די וויסנשאַפטלעכע אַפּאַראַטור פון ביבליאָגראַפיעס און באַמערקונגען. איך האָב זיך אויך ניט אָפּ־געהאַלטן פון אָפענע סענטימענטן, עמאָציאָנעלע שטעלונגען און געפיל־ווערטער, וואָס מען מיידט געוויינטלאַך אויס ווען מען האָט בלויז וויסנ־שאַפטלעכע כוונות. דאָס לעצטע האָב איך טאַקע אין זינען ווען איך באַצייכן ביידע אַרבעטן אויך מיטן וואָרט „עסעיען״.

ווען מיר קומען צו דער דריטער און לעצטער אַרבעט, „יידן וועגן יידן״ איז דאָס אַן אויפגאַבע פון גאָר אַן אַנדער מין. דאָס איז אַן אַר־בעט וואָס איז לחלוטין אַנדערש מעטאָדאָלאָגיש, ממילא אויך אין גאַנצן באַוויזן מאַטעריאַל. דאָס איז אַן עקספּערימענטאַלע אויספאָרשונג וואָס מוז זיך באַנוצן מיט אָביעקטיווער אַכטגעבונג, ציפערן, און מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס. דערמיט ווערט שוין געשטערט דער מער פּאָפּולערער גאַנג פון די פריערדיקע צוויי אַרבעטן, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז ליידער ניט געווען. אויך דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פּראָבלעם וואָס איז באַזונדערס פאַרשפּיצט געוואָרן צוליב די גרוילן פון דער היינטיקער צייט. דער ציל איז דאָ פעסטצושטעלן וואָס יידן טראַכטן וועגן יידן, און וואָס יידן זיינען אין דער אמתן.

עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין נחת צו הערן ווי יידן רעדן אַזוי אָפט, און מיט אַזאַ זיכערקייט, וועגן כל'ע מינים יידישע חסרונות. אָבער צי דאָס געפעלט אונדז צי ניט, עס וואָלט אוממעגלעך געווען אויסצו־מיידן — און אפשר וואָלט טאַקע בעסער געווען ווען מען מיידט עס ניט אויס — ווען עס וואָלט געווען אמת. די הויפּט־פראַגע איז דערי־בער: איז דאָס אַן אומקוואַליפיצירטער אמת? איז דאָס בכלל אמת? עס וואָלט ממש געווען אַ זינד ווען מיר זאָלן צו אַזאַ קריטישן ענין צוגיין בלויז מיט מיינונגען און איינדרוקן. אין אַזעלכע פאַלן מוז מען זיך לאָזן אויף אַ וועג וואו אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע מיטלען, עקספּערימענטאַלע אַכטגעבונג, ציפערן און דיאַגראַמען, פאַרנעמען דעם אויבן אָן. דאָס איז מחייב אַ צוגאַנג וואָס איז אפשר צו טעכניש און ספּעציאַליסטיש, איך האָב אָבער אַ רעכט זיך צו טרייסטן אַז אויך די דאָזיקע אַרבעט וועט פאַר קיינעם ניט דאַרפן בלייבן קיין פאַרזיגלט בוך. אפילו די וואָס זענען ניט געאיבט אין אַזאַ סאָרט צוגאַנג וועלן אָבער לייכט קענען באַנעמען אַסך טיילן פונ'ם טעקסט און דעם אויס־

פיר. דער ענין גופא ,און די פאַקטן וואָס ווערן דאָ אַרויסגעבראַכט, זענען, מיין איך, אומגעהייער וויכטיק פאַרן גאַנצן מאָראַלן צונויפהאַלט פון אונדזער אינווייניקסטן לעבן.

איך בין שולדיק אַ וואַרעמען יישר כוח מיין פריינד ,דעם שריפט־שטעלער מרדכי קאָסאָווער. ער האָט געלייענט אין מאַנוסקריפּט די ערשטע עסעי „רעליגיע און יידישקייט", און געמאַכט וויכטיקע באַמער־קונגען און אָנווייזונגען. גאָר אַ באַזונדערן דאַנק קומט די אייגנטימער און די אָנגעשטעלטע פון די פינף געשעפטן וואָס אויף זייער הילף איז געבויט די אויספאָרשונג פון דער לעצטער אַרבעט. זיי האָבן אַרויסגע־וויזן אַזאַ וואַרעמען אינטערעס און אַריינגעלייגט אַזוי פיל מי און צייט אין דער דאָזיקער עקספּערימענטאַלער אונטערנעמונג, אַז אַ דאַנק קען קוים אויסדריקן וואָס איך בין זיי שולדיק.

רעליגיע און יידישקייט

1

אונדזער דור איז געקומען אַהער פון אַ לאַנד וואו דאָס יידישע לעבן איז געווען פאַרוואָרצלט אין אייגענע גרענעצן, און אונדזערע מדריכים האָבן אונדז צוגעוואוינט צו טראַכטן און זאָרגן וועגן דעם מאָרגענדיקן יידישן טאָג. אָט די צוויי עלעמענטן: פירן אַן אייגן לעבן און זאָרגן וועגן דעם נאַציאָנאַלן מאָרגן, דאָס שאַפט דאָך דעם שטאָף פון באַוואוסט־זיניקן יידישן קיום. אַזוי האָבן די פרומע יידן זיך פאַרלאָזן אויף זייער טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער און אויף ימות המשיח. ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך געגערט מיט יידישע קולטור־ווערטן און געהאָפט אויף אַן אייגן לאַנד. פאָלקיסטן און סאָציאַליסטן האָבן געהאָפט אויף אַ פרייער וועלט וואו דער יידישער קיום וועט באַזאָרגט ווערן דורך אויטאָנאָמע אָרגאַנען. אַנדערע, וואָס ביי זיי איז די „פרייע וועלט" געווען דער עיקר, זענען פונדעסטוועגן געווען יידיש גענוג זיך צו פאַרלאָזן אויף דער גליקלעכער צוקונפט אָן ספּעציעלע פּלענער. זאָל נאָר די וועלט פרייער ווערן, זאָל נאָר „אויפשיינען די זון פון סאָציאַליזם" וועלן שוין ממילא אַלע פעלקער אויפגעריכט ווערן און צווישן זיי אויך די יידן.

זענען מיר געקומען אַהער אין אַ לאַנד וואו די סאַמע פונדאַמענטן פון אונדזער אָרגאַניזירטן לעבן זענען צעטרייסלט געוואָרן, וואו אונדזער שפּראַך האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן מורא'דיקע אַסימילירנדיקע כוחות און אונדזער לעבנס־שטייגער האָט זיך גענומען ברעקלען און פיצלען אַזוי ווי עס וואָלטן אויסגעטרוקנט געוואָרן זיינע אינערלעכע זאַפטן. האָט יעדער פון אונדז גענומען לעבן מיט געבליבענע רעשטלעך פון אַמאָליקע גוטע צייטן, און די גליקלעכסטע צווישן אונדז זענען געווען די וואָס האָבן פאַרמאָגט צוקונפט־פּלענער און פּראַקטישע מיטלען זיי דורכצופירן. בנוגע דעם היינט פון יידישן קיום האָבן מיר זיך אַלע באַנוגנט מיט אָפּגעריסענע, געבליבענע צויטן. דער „יידיש און יידישע קולטור" פון איין ווינקל האָט פאַרמאָגט אין זיך ניט מער זיכערקייט און קרעפטיקייט ווי געוויסע פאָרמען ימים נוראים יידישקייט פון אַן אַנדער ווינקל. דאָך זענען די

אילוזיעס געווען גרויסע, גראַנדיעזע. דאָס דורכגעטריבענע, קלוגע פאָלק האָט זיך אַזוי שנעל ניט געכאַפּט.

דער גרעסטער פאַרלירער איז געווען דער נאַציאָנאַלער פליגל פון ראַדיקאַלן לאַגער. ווארים דאָ איז צוגעקומען אַ מורא׳דיקע פאַרבלענדעניש, אַ טראַגישע אַפּנאַרעריי פון וועלכע קיין אַנדער באַוואוסטזיניקע טייל פון פאָלק האָט אַזוי ניט געליטן. איך האָב דאָ אין זינען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע.

די משיחישע הבטחות פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק האָבן ממש פאַרקלונגען די הימלען מיט זייער ברייטקייט און זיכערקייט. יידישע געריכטן, יידישע שולן, יידיש טעאַטער, יידישע ליטעראַטור, אַלץ אויפן חשבון פון דער מלוכה — „מיין ליבכען וואָס ווילסט דו נאָך מער?״ אמת, דאָס יידישע לעבן איז ניט אָרגאַניזירט אין צענטראַליזירטע אויטאָנאָמישע אָרגאַנען, אבער אפשר איז דאָס נאָך בעסער, איר זעט דאָך. אמת, דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט געליטן מורא׳דיקע קלעפּ: די דיקטאַטור האָט אומגעבראַכט יעדן סימן פון נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער פירערשאַפט; ציוניזם איז פאַרבאָטן — וואָס אפילו יעדער ווייטזעענדיקער אַנטי־ציוניסט קען לייכט פאַרשטיין דאָס נאַציאָנאַלע אומגליק פון אַזאַ לעגאַלן פאַרבאָט; די סאָוויעטישע יידן זענען מיט געוואַלט אָפּגעריסן געוואָרן פון אַלע איבעריקע יידן פון דער וועלט. אָבער דאָס, האָט מען אונדז באַרואיקט, איז מסתמא בלויז אַ דערווייליקע זאַך. היינט־מאָרגן וועט די רעוואָלוציע זיך אַביסל איינשטילן און אַלץ וועט שוין ווערן גוט. אמת, העברייאיש איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער רובריק פון קאָנטער־רעוואָלוציע; יידישע געשיכטע איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די שולן; דער טראַדיציאָנעלער יידישער שטייגער, כאָטש ניט לעגאַל פאַרבאָטן, איז מיטן גאַנצן סאָציאַלן דרוק, און מיטן הסכם פון דער מלוכה, אַזוי פאַרשפּיגן געוואָרן, אַזוי צעטראָטן געוואָרן, אַז אַלע פאַרגאַנגענע יידישע דורות זענען שיר ניט אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער קאַטעגאָריע פון פאַרברעכער. דאָס איז טאַקע אַלץ ריכטיק, אָבער סוף כל סוף, האָט מען גע׳טענה׳ט, איז דאָך דאָס בלויז אַן אויסדרוק פונם קאַמף קעגן רעליגיע, וואָס דאַרף אונדז אַנגיין די יידישע רעליגיע?

די באָלשעוויסטישע פאַרבלענדעניש האָט פאַראַליזירט דאָס נאָך־געבליבענע יידישע באַוואוסטזיין, האָט אָפּגענומען הענט און פיס ביים נאַטירלעכן פאַרלאַנג זיך צו פאַרטיידיקן. אַזאַ שונא האָט נאָך די גאַנצע

יידישע געשיכטע ניט אַרויסגעשטעלט קעגן אונדז. אַ כוח וואָס באַקעמפט אַנטיסעמיטיזם, שאַפט יידישע אויטאָנאָמע ראַיאָנען, בויט אינסטיטוציעס פאַר יידיש, מיט יידיש, דורך יידיש, און אין דערזעלביקער צייט גראָבט ער אונטער יעדע מעגלעכקייט פאַר קיום האומה, אַזאַ שונא האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. פאַר אַזאַ סובטילער פאָרם פון כסדר׳דיקער צעשטערונג, וואָס ווערט נאָך דורכגעפירט מיט דער הילף פון אינווייניקסטע, פון אייגענע. גייך, פאַר דעם האָבן מיר קיין שוץ־פאַנצער ניט געשאַפן. אויב מיר קענען זיך קעגן דעם ניט באַשיצן מיט עקשנות׳דיקער טראַדיציאָנעלער פרומקייט, איז יעדער אַנדער אינסטרומענט ניט גענוג סענסיטיוו אונדז באַצייטנס צו ווייזן ווי גרויס די סכנה איז.

אָבער אַז עס גייט אַוועק גענוג צייט, און דאָס וואָסער דערגרייכט דעם האַלדז, קענען שוין אַלע דערפילן וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. איצט האָבן אויגן־שטעכנדיקע פאַקטן אַראָפּגעריסן דעם שלייער און עס שטאַרט אַרויס אין איר גאַנצער נאַקעטקייט די מורא׳דיקע טראַגעדיע פון סאָוועטישן יידישן ישוב. דער וועלטלעכער קרייז פון פוילישן ישוב האָט אונדז אויך קיין סך יידישן נחת ניט פאַרשאַפן. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אַריינגעריסן אַ הייזעריקייט אין אונדזער היגן געשריי „יידיש און יידישע קולטור״. מיר האָבן דערפילט אין אונדזער יידישקייט עפּעס אַ פאַלשן קלאַנג וואָס זיין הוילקייט וואַרפט אָן אַ פחד. אונדזער טענה אַז די יידישע רעליגיע גייט אונדז ניט אָן, און דאָס באַהאַלטן זיך הינטער „וועלטלעכקייט״, האָט אונדז דערפירט צו אַ טויטער וואַנט און עס זעט זיך ניט קיין אויסוועג.

מיר דאַכט זיך אַז דער ערשטער שריט דאַרף זיין זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון די טעאָרעטישע שטריק מיט וועלכע מיר האָבן זיך געבונדן. ווען מיר וועלן זיך באַפרייען פון דער נעגאַטיווער ירושה פון דער „יידיש־וועלטלעכער״ טעאָריע וועט אונדז זיין לייכטער צו באַמערקן דעם אבן נגף, און ממילא צו געפינען כאָטש אַ ריכטונג פון אַן אויסוועג.

2

רעליגיע — עס איז גאָר ניט לייכט צו זאָגן וואָס דאָס איז אַזוינס. טויזנטער דעפיניציעס פון גרויסע דענקער און געלערנטע האָבן קיין צופיל קלאָרקייט ניט אַריינגעבראַכט. אָבער וואָס רעליגיע זאָל ניט זיין איז זי אַלץ אַ סומע פּסיכישע איבערלעבענישן אויסגעדריקט אין דער

פאָרם פון געוויסע מנהגים, און דאָס אַלץ ווערט געהאַלטן צוזאַמען מיט דער הילף פון געוויסע אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס.

דער ערשטער פונקט — די סומע פּסיכישע איבערלעבענישן — ווערט אָפט גענומען ווי דאָס איינציקע וואָס דאַרף פאַרקערפּערט ווערן אין אַ דעפיניציע. אַזוי זאָגט למשל עדוואַרד סאַפּיר: „רעליגיע איז דעם מענטשנס אייביקע באַמיאונג צו געפינען אַ וועג צו גייסטיקער רו צווישן די בלאָנדזשעניש און סכנות פון טאָג־טעגלעכן לעבן”. פאַראַן אַן אומגעהייער גרויסע צאָל דעפיניציעס וואָס לייגן דעם טראָפּ אויפן זעלביקן פונקט. רעליגיע, קומט אויס, איז אין דער ערשטער שורה אַ ריין פּריוואַטע איבערלעבעניש. די מנהגים און די אינסטיטוציעס פון דער רעליגיע, דאָס, ווייזט אויס, איז שוין ניט דער עיקר. וואָרים סוף כל סוף איז דאָך דער צוועק אַז יעדער מענטש זאָל געפינען אינער־לעכע מנוחה אינם צעטרייסלענדיקן ים פון געשעעניש. ענלעכע גע־דאַנקען וועגן רעליגיע געפינען מיר ביי וויליאַם דזשעימסן ווען ער זאָגט אַז „רעליגיע דאַרף באַטייטן פאַר אונדז די געפילן, האַנדלונגען און דערפאַרונגען פון יחידים אין זייער איינזאַמקייט, אויף וויפיל זיי באַנעמען זיך ווי אַזעלכע וואָס געפינען זיך אין שייכות צו דעם וואָס זיי האַלטן פאַר געטלעך.” עס איז זיכער כאַראַקטעריסטיש וואָס דער קריסטלעך־רעליגיע־זער דזשעימס שטרייכט אונטער די „יחידים אין זייער איינזאַמקייט.” אָבער מיר וועלן זיך אויף דעם ניט אָפּשטעלן. סוף כל סוף זענען אַנדערע דעפיניציעס — למשל, סאַפּירס, — אויך כולל אין זיך דעם דאָזיקן מאָמענט אפילו ווען זיי דריקן דאָס אָפן ניט אויס.

עס איז קיין חידוש ניט פאַרוואָס דענקער זאָלן אונטערשטרייכן די דאָזיקע פונקטן. דאָס נעמט זיך ניט בלויז פון דעם וואָס זיי ווילן אין געדאַנק אָפּרייסן דעם רעליגיעזן עיקר פון יעדן קאָנקרעטן צוּוואוקס, — וואָס דאָס וואָלט געווען נאַטירלעך בעת מען וויל אויפשטעלן אַן אַלגעמיינע דעפיניציע, — נאָר דערהויפּט צוליב דעם וואָס זיי שטאַמען אַלע פון דער קריסטלעכער ספערע, און דאָרט איז רעליגיע טאַקע באמת קודם כל אַ סומע פּריוואַטע איבערלעבענישן. אַפילו אונדזער אייגענער עדוואַרד סאַפּיר האָט געלעבט אין דער קריסטלעכער ספערע, און זיכער געהאַט בלויז קריסטלעכע אידייען־פאַרבינדונגען, בעת דער באַגריף רעליגיע איז אים געקומען אויפן געדאַנק. ווען מיר פּרובירן אָנווענדן סאַפּירס אָדער דזשעימסעס דעפיניציע אויף דער אַלטער יידישער טראַדיציע באַמערקט מען גלייך אַז עס האָט פּשוט קיין שייכות ניט, אַז עס קלעפּט זיך ניט.

ווארים אונדזער טראַדיציע האָט קודם כל ניט צו טאָן מיט מענטשן בכלל נאָר מיט איין איינציק פאָלק. זי איז ניט קיין אויסדרוק פון פריוואַטע געפילן נאָר אַ קאָדעקס וואָס דאַרף רעגולירן דאָס לעבן פון יידן ווי יידן. זי זוכט ניט צו פאַרזאָרגן דעם יחיד מיט גייסטיקער רו נאָר אין דער ערשטער שורה, צו פאַרשאַרפן דאָס באַוואוסטזיין פון אונדזער אָנגעהעריקייט צו אַ היסטאָרישער גרופּע. דערצו דאַרף מען נאָך מוסיף זיין אַז די יידישע טראַדיציע האָט קיין שום זינען ניט ווען מען רייסט זי אָפּ פון די אָרגאַניזירטע פאָרמען אין וועלכע זי האָט פונקציאָנירט, ווייל ביז גאָר ניט לאַנג צוריק זענען אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געלעגן אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע האָפענונגען און די זאָרג פאַר אונדזערע רעכטלעכע אינטערעסן, דער גאַנצער קאַמף פאַר יידיש און מענטשלעך לעבן אין גלות. די דאָזיקע פיר פונקטן זענען גענוג איינצוזען אַז ס׳איז אפשר גאָר קיין פּלאַץ ניטאָ אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער לעבנס־ספערע פאַרן עצם באַגריף רעליגיע, ווי דער טערמין ווערט געוויינטלעך פאַרשטאַנען.

די גאַנצע סיסטעם פון דער קריסטלעכער אמונה איז לכתחילה געבויט געוואָרן אַזוי אַז זי זאָל אַלץ מער זיך ארומהילן מיטן דינעם פאַרהאַנג פון אַלגעמיינע מענטשלעכע איבערלעבענישן, און זיך וואָס ווייניקער בינדן צום היסטאָרישן מזל פון די פעלקער ביי וועלכע זי האָט פונקציאָנירט. דער קוואַל פון דער קריסטלעכער אמונה איז אַ לעגענדע וואָס טראָגט ניט אין זיך קיין שום נאַציאָנאַלן אָדער עטנישן חותם. איר צענטער איז אַן איינציקע פיגור, — אַ מענטש־גאָט אָדער אַ גאָט־מענטש — וואָס זיין יידישער אָפּשטאַם איז עפּעס ווי אַ צופאַל. ער האָט געלעבט אין אַ צייט ווען אַ פרעמדער הערשער האָט געדריקט זיין פאָלק, אָבער אויף אים האָט דאָס קיין איינדרוק ניט געמאַכט; ווען אויף זיין פאָלק האָט געלויערט דער שאָטן פון לעצטע טעג, פון חורבן, אָבער ביי אים האָט זיך דאָס גאָרניט אָנגעזען. ער ווערט באַזונגען און געמאָלן ווי אַ „מענטש בכלל“. זיינע רייד און געדאַנקען האָבן געשוועבט אין די הימלען פון אַלגעמיינער מאָראַל. אַזוי ער, אַזוי זיינע תלמידים און אַלע הייליקע פון דער קירך. זיי קומען פון פאַרשיידענע עטנישע און סאָציאַלע גרופּעס. אָבער דאָס קאָנקרעטע לעבן פון די דאָזיקע גרופּעס, זייער היסטאָריש מזל, די פרייד און דער צער פון זייער לעבן און זייערע האָפענונגען, דאָס אַלץ האָט מיט זיי קיין שייכות ניט געהאַט.

אין זיינע „היבער פּאָרטראַגן איבערן איינפלוס פון רוים אויפן קריסטנטום" באַמערקט רענאַן, אַז גלייך אין אָנהייב האָבן די קריסטן ניט געהאַט קיין וואַרעמע באַציאונג צו יהודה בכלל אָדער דעם גליל בפרט, זיי איז לחלוטין ניט אָנגעגאַנגען דאָס מזל פון גריכנלאַנד אדער רוים. דער דייטש פאַן אייקען, אין זיין „געשיכטע און סיסטעם פון מיטלאַלטערלעכן וועלט־בליק" ווייזט אָן אַז ווען די קירך איז געוואָרן אַ גרויסער פּאָליטישער כוח, אומאָפּהענגיק פון דער מלוכה, איז זי געוואָרן אַ זיכערער שונא פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן. ער ציטירט אַ יעזואיטישן גענעראַל פון זיבעצנטן יאָרהונדערט וואָס ביי אים איז געטריישאַפט צום אייגענעם פאָלק „אַן אומגליק, און דער זיכערסטער טויט פון קריסטלעכער ליבע".

ווען פון דער קריסטלעכער אמונה איז געוואָרן אַ קירך וואָס האָט זיך געניטיקט אין קאָנקרעטע אויסדרוק־פאָרמען האָט זי גענומען איר ריטואַל ביי די היידנישע גריכן, איר אָרגאַניזאַציאָנעלן איינשטעל ביי די מיליטערישע רוימער און אירע עטישע אידייען פון דער יידישער קולטור־ספערע. אייגן איז ביי איר בלויז געבליבן די דאָגמע וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון אַן אָפּגעזונדערט געשטאַלט, אַן איינזאַמער פיגור אין דער וועלט, אַ „מענטש בכלל".

אין דער צייט ווען דאָס קריסטנטום איז פאַרשפּרייט געוואָרן האָבן די אייראָפּייאישע באַפעלקערונגען קיין עטניש באַוואוסטזיין ניט פאַרמאָגט, זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון קולטורעלע דיפערענצירונגען. אַזעלכע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן זענען געווען אַ פּרוכ־פערדיק פעלד פאַר האָפענונג, גלויבן און קולט וואָס האָבן אַפּעלירט דער עיקר צו די פּריוואַטע רעגונגען, צו די אַלגעמיינע געפילן און אימפּולסן וואָס וואָרצלען אין דער מענטשלעכער נשמה. אזוי, למשל, דערקלערט די קאַטוילישע ענציקלאָפּעדיע אינם אַרטיקל „נאַציאָנאַליזם" אַז: „אין דער היידנישער וועלט האָבן פאָלק און רעליגיע פאַרנומען דעם זעלביקן שטח. די גרענעצן פון שטאַט זענען אויך געווען די גרענעצן פון דער אמונה. אפילו די יידישע דיספּענסאַציע איז באַגרע־נעצט צו איין ספּעציעלער ראַסע. פאַר דער קירך איז דער עיקר כאַראַקטעריסטיש אַז עס זאָל זיין איין וועלט־געזעלשאַפט וואָס נעמט אַרום אַלע ראַסן. אין דעם, און בלויז אין דעם, ווערט פאַרווירקלעכט די ברודערשאַפט פונם מענטשן".

עס איז זייער אינטערעסאַנט צו באַמערקן — און אויף דעם ווייזט אָן דער פראַנצויזישער געלערנטער מאַסאָן־אורסעל — אַז דער ביטערער קאַמף צווישן רעליגיע פון איין זייט, און פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט פון דער אַנדערער, איז אַ ריין מערב׳דיקע דערשיינונג און איז ניט באַקאַנט אין אַזעלכע אַלטע ציוויליזאַציעס ווי אינדיע און כינע. דער גאַנצער געדאַנק אַז פאָרשן און גלויבן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינווייניקסטע סתירה זענען באמת אַ פּראָדוקט בלויז פון דער אַנטוויקלונג פון דער מערב׳דיקער, דאָס הייסט פון דער קריסטלעכער, קולטור, און איז לחלוטין ניט קיין מוז פאַרן מענטשלעכן דענקען בכלל. ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אינם אויפקום און אינם גאַנג פון קריסטנטום לאָזט זיך דאָס גאַנץ גוט פאַרשטיין. די קירכלעכע דאָגמעס זענען לכתחילה געקומען צו די אייראָפּייאישע פעלקער פון דער זייט, צי פון אויבן. זיי זענען געוואָרן עיקרים וואָס דאָס אַרומיקע סאָציאַלע לעבן האָט ניט אַרויס־גערופן. זיי זענען געוואָרן אַ מין בלענדנדיקע שוים וואָס שפּיגלט בלויז אָפּ די טיפערע רעגונגען פון פּריוואַטע איבערלעבענישן און איז ניט דירעקט פאַרבונדן מיט די ספּעציפישע פּרטים און סיטואַציעס פון טאָג־טעגלעכן לעבן. ממילא האָבן זיי ניט אַנגעצירט די וואָרצלען וואָס גראָבן זיך אַריין אין דער ערד פון אינטעלעקטועלער און סאָציאַלער דער־פאַרונג. די רעליגיעזע און פאָרשערישע טעטיקייטן פון די קריסטלעכע דענקער זענען לכתחילה געקומען פון באַזונדערע קוואַלן, האָבן אַרויס־געשפּראָצט פון אַנדערע זאָמען, ממילא זענען אַרויסגעקומען צוויי באַ־זונדערע געוועבן וואָס מען האָט כסדר געדאַרפט בינדן און פאַרלאַטען עס זאָל ווערן איין גאַנצקייט.

ביי יידן, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט — און ביי די וואָס האָבן געלעבט — אין דער אייגענער ספערע, איז פשוט קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר אַזעלכע קאָנפליקטן. דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון פאָלק איז געווען געבויט אויף הנחות וואָס זענען גלייך גילטיק געווען פאַר אַלע מאַניפעסטאַציעס פון טעאָריע און פּראַקטיק. ערשט אין דער באַגעג־עניש מיט גריכישער און גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע האָבן זיך אַזעלכע קאָנפליקטן באַוויזן. אָבער אַפילו דעמאָלט זענען אויך די פונקציעס פונם יידישן דענקער געווען אין גאַנצן אַנדערש ווי די פונם קריסטלעכן סכאָלאַסטיקער. דער יידישער פילאָזאָף איז געוואָרן אַ „מורה נבוכים״, אַ לערער פון די וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט, און ער האָט זיי צוריקגערופן ניט בלויז צו אַ דאָגמאַטישער ליניע וואָס ער האָט

געהאַלטן פאַר אמת, נאָר אויך צו אַ סאָציאַלער קרובה׳שאַפט, צום יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון וועלכן זיי זענען דערווייטערט געוואָרן צוליב די פרעמדע געדאַנקען.

וואָס מער די קריסטלעכע קירך איז געוואָרן אַ וועלט־קירך, וואָס מער זי האָט אריבערגעשפּאַנט איבער די גרענעצן פון באַזונדערע עטנישע קולטורן, וואָס מער זי האָט זיך ארומגעריגנלט מיט הייליקייטן — מענטשן, זאַכן און געשעענישן — ניט אַרויסגעוואַקסענע פון די היס־טאָרישע דערפאַרונגען פון קיין שום מענטשלעכן קיבוץ, אַלץ שאַרפער און טיפער האָט פאַר די וואָס האָבן געאָטעמט אין יענער אַטמאָספערע דאָס לעבן זיך צעשפּאָלטן אויף דער גאַנצער ליניע: דערפאַרונג און גלויבן, פאַרשונג און דאָגמע, קירך און מלוכה, קריסטן און אומגלויביקע, און אפילו יחיד און געזעלשאַפט. יאָ, אפילו דער לעצטער דואַליזם צווישן יחיד און געזעלשאַפט איז אין קיין שום היסטאָרישער קולטור ניט אַזוי בולט ווי אין דער קריסטלעכער. וואָרים כאָטש זי האָט איינ־געזאַפּט פון איר יידישער טראַדיציע דעם גרויסן אידעאַל פון אוניווער־סאַליזם, פון שבת אחים גם יחד, האָט זי אָבער אַזוי כסדר אפּעלירט צו די פּריוואַט־געפילן פונם סתם־מענטש, אַז זי האָט אונטערגעגראָבן די גאַנצקייט וואָס צווישן יחיד און זיין נאַטירלעכסטער פאָלקישער געזעלשאַפט. ממילא איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פאַרשפּיצטער דואַליזם צווישן די צוויי, און די נאַטירלעכע קאָנפליקטן וואָס שטאַמען אָפּ דער־פון.

דער דאָזיקער דואַליזם, וואָס איז אפשר דער קוואַל פון אַלע אַנדערע דואַליזמען, ליגט שוין אייגנטלעך אין יעזוסעס ווערטער: „גיב צעזאַרן וואָס געהערט צעזאַרן און מיר וואָס געהערט מיר״. דאָ איז „צעזאַר״ שוין אַ סימבאָל פונם אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און „מיר״ — פון הוילן אַבסטראַקטן גלויבן. אין דער נאַציאָנאַלער סביבה פון וואַנען יעזוס שטאַמט אָפּ איז אָט די צעשפּאַלטונג ניט געווען.

אין אַזאַ ספערע איז זייער נאַטירלעך אַז א סך איינקייטן זאָלן זיך צעשפּאַלטן און ווערן צוויי. אַזוי רייסט זיך אויך אַרויס אַ פאַרשאַרפטער דואַליזם צווישן קאָנקרעטן לעבן און קאָנקרעטע סאָציאַלע באַציאונגען, פון איין זייט, און דעם אבסטראַקטן גלויבן און באַציאונגען צו איבער־נאַטירלעכע כוחות, פון דער אַנדערער. דער דאָזיקער ריס אינם איינ־הייטלעכן געוועב, וואָס אָט די צוויי צדדים שטעלן מיט זיך פאַר אין פשוטן מענטשלעכן לעבן, לייגט אַוועק דעם יסוד פאַרן באַגריף „רע־

ליגיע". עס איז בלויז נייטיק צוצושטעלן דעם אַדיעקטיוו „קריסטלעך" כדי אויסצודריקן די קולטישע כאַראַקטער־שטריכן, אָדער געוויסע צענ־טראַלע דאָגמעס, אָדער די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, פון דער קריסט־לעכער סיסטעם. קריסטלעכע רעליגיע איז דעריבער קודם כל אַ רעליגיע אין סאַפּירס אָדער דזשעימסעס זינען פון וואָרט — דאָס איז פּאַקטיש דער זינען וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אין קריסטלעכן געדאַנק בכלל — בלויז איינגעהילט אין די ספּעציעלע קליידער פון אַ סיסטעם פון גייסטיקן לעבן וואָס כדי צו דערגרייכן די ברייטסטע פאָרמען פון אוניווערסאַל־קייט האָט זי געמוזט מקריב זיין די לעבעדיקסטע זאַפטן פון נאַטיר־לעכער ספּעציפישקייט. דאָס מאַכט קריסטנטום פאַר קריסטלעך, אָבער דאָס ווירקט נאָך מער אַז די קירך זאָל פאַרטרעטן אַ רעליגיע, ניט מער ווי אַ רעליגיע.

אויך אין קריסטנטום איז דער ענין ניט אזוי פשוט. לכתחילה איז די קירך געווען בלויז די פאַרשטייערין פון אַ רעליגיעזער פּאַרטיי. זי איז דאָס געבליבן אפילו ווען קאָנסטאַנטין האָט איר אין פערטן יאָר־הונדערט געהאָלפן ווערן אַ הערשנדיקע מאַכט. אָבער שפּעטער, אין מיטלאַלטער, האָט זי אויך ביסלעכוויז איבערגענומען אַזעלכע ריין סעקולערע פונקציעס ווי פאַרוואַלטן צדקה־טעטיקייטן, זיך איינשטעלן פאַר אלמנות און יתומים, קאָנטראָלירן לערן־אינסטיטוציעס, אכטונג געבן אויף חתונות און גטן. אָבער דאָס האָט זיך געגומען פון דעם וואָס די רוימישע אימפּעריע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ניט פון דעם וואָס קריסטנטום איז לויט זיין טבע באמת פּאַסיק געווען פאַר אַ מלוכה'שער קאַריערע, אַזוי שנעל ווי די וועלט האָט זיך איינגעשטעלט נאָך די צפונדיקע אינוואַזיעס, און עס האָבן זיך אָרגאַניזירט סטאַבילע מלוכות איז די קירך ווידער אַריין אין איר לכתחילה'דיקער ראַם.

אין קריסטנטום לאָזט זיך טיילמאָל אויך הערן אַ ווידער־קול פון ריין נאַציאָנאַלע שטרעבונגען וואָס לייגט זיין חתימה אויף דער ניט־נאַציאָנאַלער רעליגיע. פון אירלענדישן קאַטאָליציזם, למשל, הערט זיך אַ קלאָרע נאַציאָנאַלע פּראָטעסט־שטים קעגן ענגלאַנד. דער רעליגיעזער אויסברוך פון די טשעכן קעגן די דייטשן אין דער הוס־עפּאָכע איז זיכער ניט געווען בלויז אין נאָמען פון רעליגיעזע חלוקי דעות. די נאַציאָנאַלע ראָלע פון דער פּוילישער, אָדער דער פלעמישער קירך, וועט זיכער קיינער ניט אָפּלייקענען. די סערבן זענען אין דעם פּרט געגאַנגען אַזוי

ווייט ווי אַריינצונעמען צווישן די הייליקע פון זייער גריכיש־אָרטאָדאָקסי־שער קירך דאָס רוב נאַציאָנאַלע העלדן און דינאַסטיעס. נאָך קלאָרער זעען זיך אַרויס די נאַציאָנאַלע סימנים אין די אַזוי־גערופענע אוניאַטישע קירכעס, ווי אין אוקראַינע, בולגאַריע, אַרמעניע, אָדער אין די אָרגאַניזאַ־ציאָנעל אומאָפּהענגיקע גריכיש־אָריענטאַלישע קירכעס ביי טייל באַלקאַ־נישע פעלקער.

אָבער אין די אַלע פאַלן ווערט די רעליגיע־אינסטיטוציע אין איר גאַנצקייט אַ סימבאָל פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אָדער נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, כאָטש אין זיך גופא — ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן רוב סימבאָלן — איז ניטאָ קיין לאָגישער אָדער קולטור־היסטאָ־רישער באַדן פאַר אַזאַ אידענטיפיקאַציע מיט דער סימבאָליזירטער אידייע. העכסטנס געפינען מיר אין אַזעלכע קירכעס געוויסע עלעמענטן פון נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם וואָס גיבן דער אינסטיטוציע אַ געוויסע דרויסנ־דיקע קאָליר פון היימישקייט און אייגנקייט. בכלל, אין גרויסע סאָציאַלע קאָנפליקטן וועט יעדער צד אויסנוצן פאַרשיידענע זאַכן און אידייען, וואָס מיט זיי אונטערשיידט ער זיך פונם אַנדערן צד, ווי סימבאָלן זיך צו באַגייסטערן אין קאַמף. אָבער דער סימבאָלישער ווערט וואָס היסטאָרישע געשעענישן לייגן אַרויף אויף זאַכן און אינסטיטוציעס בייט ניט זייער תוך, וואָס קען לייכט אַרויסשווימען ביי אַנדערע געלעגנהייטן. דאָס איז אויך אמת וועגן דעם קריסטלעכער רעליגיע אין איר פאַרשיידענע פאָרמען. אַזאַ פאַל פאַסירט איצט פאַר אונדזערע אויגן מיטן דייטשישן פּראָטעסטאַנטיזם. די רעפאָרמאַציע, וואָס האָט אים אַרויסגעבראַכט, האָט געטראָגן אויף זיך קלאָרע דייטש־נאַציאָנאַלע סימנים, להיפוך צו דער דרויסנדיקייט און אוניווערסאַלישקייט פון דער קאַטוילישער קירך. איצט אָבער, מיטן אויפקום פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, האלט זיך דער פּראָטעס־טאַנטיזם פון וויטן, שטרייכט אונטער זיין נייטראַלקייט צו די אויפ־ברויזנדיקע געשעענישן אין דייטשישן פאָלק, און לייגט דעם טראָפ אויף זיין אַלגעמיינעם ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער. עס איז זייער ניצלעך מיר זאָלן כסדר אין זינען האָבן אָט די נייטראַלע שטעלונג צו קריטישע געשעענישן אין לעבן פון אייגענעם פאָלק וואָס איז בלויז מעגלעך ביי אַ רעליגיע.

3

ווען מיר קומען צו די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון יידישן לעבן איז דער ענין גאָר אַן אַנדערער, אַזוי ווייט אַנדערש אַז דער עצם באַגריף „רעליגיע" פּאַסט זיך שוין אַזוי לייכט ניט אַריין.

דער פּסיכאָלאָג ד. מ. טראַוט באַקלאָגט זיך אויף די דעפיניציעס וואָס ווערן געגעבן צו כאַראַקטעריזירן רעליגיע. ער האַלט אַז דאָס איז בכלל אַ שווערע אונטערנעמונג, ווייל יעדע דעפיניציע איז צו ענג פאַרקניפּט מיט דער ספּעציעלער רעליגיעזער פאָרם וואָס איז באַקענט דעם מחבר. רעליגיעס זענען אָבער פאַראַן אַזוי פיל, און זיי זענען אַזוי פאַרשיידן אין זייער פּראַקטיק, אַז ס'איז אומגעהייער שווער צו געפינען די אַלגעמיינע שטריכן וואָס זענען גילטיק פאַר אַלע רעליגיעס. מען דאַרף נאָך צוגעבן אַז אפילו ווען עס זאָל זיך איינגעבן צו געפינען אַזעלכע אלגעמיינע שטריכן וואָלט דערפון אויך קיין גוטס ניט אַרויסגעקומען. עס וואָלט זיך באַקומען אַ דעפיניציע פון עפּעס וואָס איז בלויז אַ בלאַסער אָפּשיין פון ווירקלעך עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס אין דער וועלט. עס איז פּונקט ווי מען וואָלט דעפינירן אַ פיש ווי אַ לעבעדיקע בריאה. אוודאי איז דאָס אמת, אָבער עס זאָגט גאָרניט וועגן דער ספּעציפישער „פישיקייט" פון אַ פיש, וואָס בלויז אין דעם קענען מיר זיין פאַראינטערעסירט בעת מיר רעדן וועגן דער דאָזיקער באַשעפעניש. אינטערנאַציאָנאַלע רעליגיעס מיט אוניווערסאַלע אמביציעס וואָלטן טאַקע פון אַזאַ דעפיניציע קיין סך ניט געליטן, וואָרים שוין צוליב דעם וואָס זיי זענען ניט קיין אינערלעכער פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון א קאָנקרעטן מענטשלעכן קיבוץ, קענען זיי לייכטער אויסגעשעפּט ווערן מיט אלגעמיינע טערמינען. ווען, למשל, פּאָול, אין זיין בריף צו די קאָרינטיער, דערקלערט אז האָפענונג, גלויבן, און ליבע זענען דער ממשות'דיקער באַדן פון רעליגיע, קען דאָס זיין גענוג צו כאַראַקטעריזירן קריסטנטום. אָבער אַ היסטאָריש אַנטוויקלטער לעבנס־שטייגער וואָס איז אין יעדן פּרט געבונדן צו די סאָציאַלע דערפאַרונגען פון א צעמענטירטער גרופּע, וואָס קען אונדז דאָ אַרויסברענגען אַן אַלגעמיינע דעפיניציע מיט, לאָמיר זאָגן, צעשוואומענע פּאָליטישע אַדיעקטיוון ? איז שוין דעריבער לייכט צו פאַרשטיין ווי לחלוטין אַנדערש עס דאַרף זיין דער צוגאַנג בעת מיר ווילן כאַראַקטעריזירן דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער פון יידישן לעבן. פאַרן

אויער וואָס איז נאָך ניט אָפּגעווינט פון דער אייגנאַרטיקער מוזיק פון עכטן יידישן לעבן וועט דער עצם אויסדרוק „יידישע רעליגיע" זיין אַ גרילצנדיקער קלאַנג. עס איז זייער וויכטיק מיר זאָלן איינזען פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

עס איז נאַטירלעך אַז יידישע דענקער וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט דער מערב'דיקער קולטור ספערע, זאָלן אויך אָפּפירן מיטן אַלגע־מיינעם באַגריף „רעליגיע" בעת זיי רעדן וועגן יידן. עס איז פּונקט אַזוי נאַטירלעך זיי זאָלן פילן אַז דאַ דאַרף מען צוגעבן עפּעס אַ כאַראַק־טעריזירנדיק וואָרט וואָס זאָל אונטערשטרייכן די קאָלאָסאַלע אַנדערש־קייטן פונם גאַנצן בילד.

דער פילאָזאָף שלמה מיימון צעטיילט רעליגיעס אויף נאַטירלעכע, פּאָזיטיווע און פּאָליטישע. אַ נאַטירלעכע רעליגיע איז אַזאַ וואָס אַלע אירע געבאָטן שטאַמען פון אַזעלכע צופאַסונגען צום אַרומיקן לעבן וואָס דער שכל איז מחייב אַז זיי זענען נייטיק, אַזוי ווי למשל מיצוות אין שייכות צו ריינקייט, וואָס זענען גוט פאַרן געזונט. אַ פּאָזיטיווע רעליגיע איז אַזאַ וואָס אירע געזעצן ווערן באַוואוסטזיניק געגעבן, ווי למשל מתן תורה. אַחוץ דעם זענען נאָך פאַראַן פּאָליטישע רעליגיעס וואָס זייער צוועק איז בלויז טובת הכלל.

די יידישע רעליגיע, לויט מיימונען, איז לכתחילה געווען נאַטירלעך, מיטן צוגאָב — און אין דעם איז זי געווען אַנדערש פון אַלע היידנישע אמונות — וואָס זי איז געווען מאָנאָטעאיסטיש. שפּעטער איז זי געוואָרן אַ פּאָזיטיווע רעליגיע דורך מתן תורה. אָבער „נאָכדעם ווי עס איז אונטערגעגאַנגען די יידישע מלוכה און עס האָט אויפגעהערט אַ פּאָליטיש לעבן, איז די רעליגיע אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער מלוכה וואָס האָט שוין ניט עקזיסטירט. די רעליגיע־לערער האָבן שוין מער ניט געהאַט קיין שום אינטערעס צוצופּאַסן די רעליגיע בהסכם מיטן מלוכהשאַפט־לעכן לעבן ווי ביז אַהער, נאָר האָבן די גאַנצע זאָרג זייערע אָנגעווענדט בלויז דערויף צו דערהאַלטן די רעליגיע וואָס פון איר איז מהיום והלאה געוואָרן אָפּהענגיק דער קיום פון דער אומה... מחמת מורא אַז דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה זאָל ניט ברענגען צום אונטערגאַנג אויך פון דער רעליגיע און פון דער נאַציע, האָבן די מנהיגים פון פאָלק געזוכט און אויסגעפונען די פאָלגנדיקע מיטלען צו דערהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען זיין רעליגיע". דאָ ווערט אָנגעוויזן אויף דער תורה שבעל פה, אירע מעטאָדן און איר כוח אין לעבן פון פאָלק.

פאַר די ערשטע צוויי תקופות געפינט שלמה מיימון די נייטיקע אַדיעקטיוון וואָס שטרייכן אונטער די אנדערשקייטן פון דער יידישער רעליגיע. אָבער די דריטע — די פון נאָכן חורבן בית שני — בלייבט אָן אַ ספּעציעלן כאַראַקטעריזירנדיקן טערמין. גראָד די דאָזיקע תקופה האָט דאָך געהאַט, לויט זיינע אייגענע רייד, אַזעלכע צילן פאַר זיך — קיום האומה — וואָס קיין שום רעליגיע אין דער וועלט האָט דאָס ניט. האָט דאָך דאָס שוין ממילא געמוזט אריינברענגען, באַוואוסטזיניק אדער אומבאַוואוסטזיניק, שאַרפע דיפערענצירנדיקע קוואַליפיקאַציעס. דאָס אלץ באַשרייבט טאָקע מיימון, כאָטש מיט אַביסל משכילישער רוגזה וואָס פאַרשטעלט דאָס בילד, אָבער קיין ספּעציעל וואָרט וואָס זאָל די אַלע אייגנאַרטיקייטן קאָנדענסירן, דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו געפינען. ער האָט זיך באַנוגנט בלויז מיטן טערמין „רעליגיע" און מיט אַ באַשרייבונג וואָס ווייזט קלאָר אַז ביי אונדז איז עפּעס יאָ רעליגיע, און ניט רעליגיע, עפּעס מער ווי רעליגיע, און עפּעס ווייניקער ווי רע־ליגיע, בקיצור, אַז ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש.

דר. יעקב קלאַצקין וואָס איז שוין אַ היינטיקער, אַ מאָדערנער, און זעט אַזוי קלאָר די סאַמע ברען־פּונקטן פון דער פּראָבלעם, זעט אין דער יידישער רעליגיע, „אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רעליגיעס, ניט קיין לערע פון אידייען נאָר אַ לערע פון געזעצן". פאַר אים איז אונדזער רעליגיע „אונדזער געזעץ־קאָנסטיטוציע". ער זעט שוין איין אַז „אמת, דער יאָך פון געזעץ האָט אָן ספק געמינערט די רעליגיעזיטעט. אָבער דערפאַר האָט ער געבראַכט פיל גרעסערע נוצן דערמיט וואָס ער האָט נאַציאָנאַל קאָנצענטרירט דאָס עקסטעריטאָריאַלע און ממילא אוניווערסאַלע פאָלק; דערמיט וואָס ער האָט נאַציאָנאַל צוזאַמענגעבונדן דאָס פאָלק און עס דערהאַלטן דורך דער צוואַנג פון דער פאָרם. דעריבער איז די הלכה פיל וויכטיקער פאַר דער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג פון יידישקייט ווי די אגדה. דערמיט דערקלערט זיך וואָס אונדזערע חכמים, בשעת מען האָט זיי געצוואונגען צו פירן וויכוחים מיט די קריסטן, האָבן אין יידיש־קייט פיל מוותר געווען פון דער אגדה ווי עפּעס אַזוינס וואָס איז ניט אַזוי וויכטיק, אָבער אַ האָר ניט פון דער הלכה".

דאָ שווימט שוין אַרויס די יידישע טראַדיציע ווי אַזאַ אייגנאַרטיקע סיסטעם אַז רופן זי „יידישע רעליגיע", און דורך דעם שטעלן זי אויף איין ברעט מיט רעליגיעס בכלל, פאַרטונקלט בלויז דאָס בילד. פּראָפע־סאָר מ. מ. קאַפּלאַן וויל זיך ראַטעווען פונעם דאָזיקן פּלאָנטער דערמיט

וואָס ער רעדט וועגן אַ יידישער „פאָלק־רעליגיע" און האַלט אַז „פּאַטריאָ־טיזם איז בלויז אַ מאָדערנע פאָרם פון פאָלק־רעליגיע". דער פאַקט איז אַז כאָטש פּאַטריאָטיזם און רעליגיע האָבן בלי שום ספק וויכטיקע ענלעכקייטן ווערן אָבער די דאָזיקע צוויי איבערלעבענישן געוויינטלעך ניט קלאַסיפיצירט אונטער איין רובריק. ווידער, דאָס צוגעגעבענע „פאָלק" — כאָטש עס ברענגט אונדז נעענטער צום עטנישן געבוי פון יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן — האָט ניט דעם כוח אונדז צו געבן אַ קלאָר בילד ווייל דער טראָפּ ליגט אַלץ אויפן צווייטן וואָרט, „רעליגיע". און פּראָפעסאָר קאַפּלאַנס „רעליגיאָ־קולטוריסטישע אויפפאַסונג פון יידנ־טום" וויל טאַקע באַוואוסטזיניק לייגן דעם טראָפּ אויף רעליגיעזע ווערטן.

פּראָפ. קאַפּלאַן שטרענגט זיך אָן מיט אַלע זיינע רייכע אינטע־לעקטועלע כוחות צו פאַריידישן דעם גויאישן באַגריף „רעליגיע". עס קומט ביי אים אויס אַז „פון שטאַנדפּונקט פון דער רעליגיאָ־קולטורעלער פּראָגראַם, אַלץ וואָס העלפט פּראָדוצירן שעפערישע סאָציאַלע קעגנזיי־טיקייט צווישן יידן באַלאַנגט מיט רעכט צו דער קאַטעגאָריע פון יידישער רעליגיע, ווייל עס טראָגט צו צו דער דערלייזונג פונס יידן. אַ באַוועגונג ווי דער גייסטיקער ציוניזם, וואָס זיין צוועק איז צו האַלטן די יידן פון דער וועלט פאַראייניקט און שעפעריש, איז דעריבער באַרעכטיקט צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער רעליגיע." אָבער אויב אַזוי, איז אויך רעליגיע די באַוועגונג פאַר יידיש, פאַר העברייאיש, פאַר אַ וועלט־קאָנגרעס, און וואָס ניט? אויב אַלץ וואָס שטרעבט „צו האַלטן די יידן פון דער וועלט פאַראייניקט" איז רעליגיע, דעמאָלט פאַלט אַוועק פון אָט דעם באַגריף זיין גאַנצע ספּעציפישקייט און ער פאַרלירט יעדן זינען.

דער אמת איז אַז ווען פּראָפ. קאַפּלאַן רירט זיך צו צו רעליגיעזע דערשיינונגען אין זיך גופא, פאַרגעסנדיק אויף אַ רגע וועגן יידן, ווערט ער באַלד מערב׳דיק געניגט און שטרייכט אונטער אירע ריין יחידישע ווענדונגען. ער ציטירט מיט הסכמה אָסוואַלד שפּענגלערס דעפיניציע וואָס גייט אין דער זעלביקער ריכטונג. מען קען בשום אופן ניט זאָגן אַז אים איז געלונגען צו מאַכן אַ יידישן טאַלק פון אָט דעם גויאישן באַגריף. ער ווערט, דאַכט מיר, פאַרפירט פון וואָרט „דערלייזונג" ווען ער באַנוצט עס אי אין רעליגיעזן, אי אין פאָלקישן זינען, און איגנאָרירט דעם חילוק צווישן די צוויי. זיין טערמין „רעליגיאָ־קולטוריסטיש" פאַר־בלייבט בלויז אַ טעכניש צוזאַמענגעזעצט וואָרט פון צוויי באַגריפן וואָס גיסן זיך ניט צונויף.

מיט וואָסער טערמין האָבן אונדזערע זיידעס באַצייכנט זייער לעבנס־סדר? עס איז דאָך אינטערעסאַנט אַז דאָס אינטערנאַציאָנאַל־פאַרשפּרייטע וואָרט „רעליגיע" איז אויך געווען אין זייער יידישן וואָקאַבולאַר, און דאָך האָבן זיי דערמיט בלויז אָנגערופן די אַרומיקע קריסטלעכע אמונה. פאַרן יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן האָבן זיי אַן אַנדער וואָרט געהאַט, אַ וואָרט וואָס, מיר דאַכט זיך, כאַראַקטעריזירט מיט זיכערער פאָלקלאָריסטישער קראַפט און טרעפלעכקייט דאָס אינווייניקסטע פּינטל פון יידישן שטייגער. ביי זיי איז דאָס געווען ניט רעליגיע נאָר יידישקייט.

מיט אָט דעם וואָרט ווערן לכל הפּחות דערגרייכט דריי צילן וואָס זייער וויכטיקייט ווערט קלאָר אין ליכט פון די פריערדיקע באַטראַכטונגען. ראשית איז דאָס אַ וואָרט וואָס שטאַמט פונם נאָמען פון פאָלק. דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן לעבן בכלל פון מענטש בכלל, נאָר וועגן יידישן לעבן פון יידישע מענטשן. דאָס איז לכתחילה געלעגן אינם סאַמע פּלאַן פונם דאָזיקן קולטור־פּראָדוקט. די גאַנצע געביידע איז פון אָנהייב אָן געשטעלט געוואָרן מיטן אויסקוק צו באַדינען באַשטימטע צילן וואָס וואַקסן אַרויס פון די סאָציאַלע סיטואַציעס פון אַן עטנישער און היסטאָריש־פּאַרוועבטער גרופּע. שנית, מיר האָבן דאָ פאַר זיך איין איינציק וואָרט. ווען מען באַנוצט א הויפּטוואָרט מיט אַ קוואַליפיצירנדיקן אַדיעקטיוו ווערט שוין דאָס באַוואוסטזיין צעשפּאָלטן אויף צוויי באַזונדערע אַספּעקטן. ווען איך זאָג „יידישע רעליגיע" האָב איך אין זינען אַ צווייג פון אַן אַלגעמיינעם בוים. דאָס יידישע איז דע־מאָלט בלויז איין מעגלעכע זייט פון רעליגיע בכלל. אָבער דאָס איינציקע וואָרט, יידישקייט, דערלאָזט ניט אַזאַ שפּאַלטונג. עס איז אַ באַשטימטע אייגנס וואָס איז אַן אָרגאַניזם אין זיך אליין, פּונקט ווי דאָס לעבן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר. דריטנס, דאָס איין איינציקע אַבסטראַקטע הויפּטוואָרט איז ניט קיין קאָלעקטיווער נאָמען פאַר א סך פּרטים פון אינווייניקסטן יידישן לעבן נאָר סינטעטיזירט אַלע שאַטירונגען און ניואַנסן פון דער טראַדיציע אין איין קוואַליטאַטיווער פאָלקישער גאַנצקייט. פּונקט ווי, למשל, העפלעכקייט דריקט אויס אַלע מעגלעכע אופנים פון זיין העפלעך, אַזוי אויך יידישקייט נעמט אַרום אַלע פאָרמען פון זיין יידיש.

עס גייט ניט אין דעם צי פון שטאַנדפּונקט פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישערווירקלעכקייט איז טאַקע דאָס טראַדיציאָנעלע יידישע לעבן געווען אַזאַ זעלבסטשטענדיקע סיסטעם, אין גאַנצן פאָרענדיקט אין זיך

אליין, נאָר אין דעם ווי דאָס פֿאָלק האָט געפֿילט וועגן זיין לעבן, וועגן דער פּסיכישערווירקלעכקייט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין טערמין יידישקייט. פֿאַר יידישקייט, ווי אַן אלגעמיינער באַגריף, איז דעריבער לחלוטין ניט וויכטיק געווען צי אַ געוויסער איינפֿיר ווערט סאַנקציאָנירט מדאורייתא, מדרבנן, צי דאָס איז בלויז אַן איינגעוואָרצלטער מנהג. אַ יידישער ייד עסט ניט קיין טרפֿות, גייט ניט ארום מיט אַ בלויזן קאָפּ און טראָגט געוויסע קליידער וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין פֿאָלק. אַלע זענען גלייך וויכטיק ווי סימנים פֿון אַ „יידישן ייד", ווייל אַלע סימבאָליזירן גלייך זיין אָרגאַנישע פֿאַרוועבטקייט אינם לעבן פֿון זיין עטנישער גרופּע.

אין דער קריסטלעכער רעליגיע איז גאַנץ נאַטירלעך צו באַצייכענען קירכעס ווי „רוימיש", „גריכיש", „אָריענטאַליש". דאָס איז לחלוטין קיין אָפּהאַלט ניט, רופֿט קיין געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט ניט אַרויס, ביי פֿעל־קער וואָס האָבן מיט „רוים", „גריכנלאַנד" און „אָריענט" לחלוטין ניט וואָס צו טאָן. די דאָזיקע ווערטער ווערן ניט באַנוצט אין קיין שום עטנישן זינען, און די פֿונקציע פֿון דער רעליגיע ביי יענע פֿעלקער קען גאַנץ גוט אויסקומען מיט יעדן אַלגעמיינעם נאָמען, אָן שום וואָרצלען אין אייגענעם היסטאָרישן באַוואוסטזיין. ביי יידן איז דער ענין גאָר, גאָר אַן אַנדערער.

אַ ייד וואָס היט ניט אָפּ די כללים פֿון דער יידישקייט־סיסטעם איז ניט סתם אַ זינדיקער נאָר „ער פֿירט זיך ווי אַ גוי". ער איז, הייסט עס, ווי אַ פֿרעמדער, אַ צוגעטשעפּעטער אבר וואָס לעבט מער ניט דאָס נאָרמאַלע לעבן פֿון גאַנצן אָרגאַניזם. ער פֿירט דורך די פֿונק־ציעס פֿון אַן אַנדער, אַ פֿרעמדער סיסטעם. ער איז מער ניט פֿאַרבונדן מיטן מזל פֿונם אָרגאַניזם מיט וועלכן ער איז פֿיזיש פֿאַרקניפּט, ווי אַ געזונטער גליד וואָלט געדאַרפֿט זיין, ממילא איז ער שעדלעך.

אַ ייד וואָס איז געטריי דעם יידישן טראַדיציאָנעלן סדר, יידישקייט, איז ניט בלויז אַ פֿרומער ייד נאָר דער עיקר אַן ערלעכער ייד. זיין לעבן ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַן עטישער קוואַליטעט וואָס האָט קנאָפּ וואָס צו טאָן מיטן ריין רעליגיעזן באַוואוסטזיין. ער איז אויף דער זעלביקער מדרגה ווי אַ וואוילער, אַן אַנשטענדיקער מענטש. דערמיט ווערט יידישקייט אַרויסגענומען פֿון דער ריין רעליגיעזער קאָנצעפּציע פֿון ירא שמים׳דיקייט, אַזאַ ייד איז אַן ערלעכער ייד, ווייל ער דריקט אויס אין זיין לעבן געטריישאַפֿט צו אַ גרופּע, צו אַלע פֿריידיקע און

צער׳פולע מאָמענטן פון איר לעבן, צו איר גאַנצן היסטאָרישן דרך. אָט דאָס איז שוין אַן עטישע כאַראַקטעריסטיק ביי מענטשן, און דאָס איז אויך געווען די כאַראַקטעריסטיק פון די וואָס האָבן אָפּגעהיטן יידישקייט.

און פּונקט ווי אַמאָל, ווען אַ ייד איז אַרויס פון די יידישע גרענעצן, האָט מען געפילט בחוש אַז „ער פירט זיך ווי אַ גוי״, אַזוי אויך איצט, ווען עמיצן איז מער ניחא צו רופן „יידישע רעליגיע״ דאָס וואָס איז תמיד געווען יידישקייט, פיל איך ניט ווייניקער אַז ער רעדט ווי אַ גוי, אַ פרעמדער. יידישקייט איז לחלוטין עפּעס אַנדערש ווי אַ צווייג פון די פאַראַנענע וועלט־רעליגיעס. זי שליסט איין אין זיך אַנדערע צילן און אַנדערע מיטלען. זיכער, ווען מען צעברעכט די סיסטעם אויף באַזונדערע טיילן לאָזט זיך קלאָר באמערקן אין איר געבוי געדאַנקען, סימבאָלן, עסטעטישע פאָרמען, עטישע באַגריפן, און אויסדרוקן פון ריין מענטשלעכע איבערלעבענישן, וואָס זענען דורכויס רעליגיעז אין כאַראַקטער. ממילא איז נאַטירלעך און ריכטיק אַז אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון דער ראָלע פון רעליגיע אין מענטשלעכן לעבן בכלל זאָל אויך יידישקייט אַריינגעמען אין חשבון. אָבער בעת מיר האָבן אין זינען די ספּעציפישע כאַראַקטער שטריכן פון דער סיסטעם אין איר גאַנצקייט און אין איר באַזונדער ראָלע אין יידישן פאָלק, דעמאָלט איז „יידישע רעליגיע״ אַ טערמין וואָס מוז פירן צו מורא׳דיקע טעותן. אַזאַ באַצייכענונג איז דעמאָלט, ווי די גמרא זאָגט: „מגלה טפח ומכסה טפחים״, דאָס וואָס ווערט פאַרשטעלט איז גרעסער און וויכטיקער ווי דאָס וואָס ווערט אַנטפּלעקט.

אין די אַלט־אַלטע עפּאָכעס פון אונדזער געשיכטע האָבן אונדזערע אור־עלטערן פאַרנומען אַ לאַנד אויף די מזרח ברעגן פון מיטללענדישן ים און עס אַ נאָמען געגעבן ארץ ישראל. זייערע אייניקלעך, אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, האָבן אין זייער פיזישער צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט זיך באַזעצט אויף אַן אייגן־געשאַפענער גייסטיקער ערד, און איר אַ נאָמען געגעבן יידישקייט. און פּונקט ווי ארץ ישראל קען ניט אויסגעשעפּט ווערן מיט אַזאַ וואָרט ווי „געאָגראַפיע״, אַזוי, און נאָך אַ סך מער, איז פאַלש צו באַצייכענען יידישקייט מיט „רעליגיע״. יידישקייט איז אַן אַלץ־ארומנעמענדיקע סיסטעם וואו קיום האומה איז דער פירנדיקער מאָטיוו. די וואָס מיינען אַז דאָ איז בלויז אַ שפּאַרעניש װעגן ווערטער און טערמינען האָבן אַ גרויסן טעות. מיר וועלן שפּעטער

זען אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן זייער פּראַקטישע ענינים, עס האַנדלט זיך וועגן אידייען און אויפפאַסונגען וואָס דיקטירן ווי און וואָס צו טאָן אין קאָנקרעטן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

4

דער סיסטעמאַטישער אינהאַלט פון טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן קען בלויז ווי געהעריק פאַרשטאַנען ווערן ווען מען קוקט אויף אים פון שטאַנדפּונקט פון די צילן וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו דינען און פונם גייסט וואָס האָט באַהערשט זיינע מיטלען. דער משכיל, אין דער פּאָלעמישער רגע, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט איין פוס פון יידישן לעבן, האָט געקענט מיט אַ גרינג האַרץ אָטאַקירן די „פּינסטערניש" פון אַלטן שטייגער. ער איז ביטער אָנגעפאַלן און זיך גאַנץ ווייניק געזאָרגט פאַרצולייגן בעסערע אָדער אַנדערע מיטלען צו דערגרייכן דעם זעלביקן ציל, קיום האומה. ער האָט גאָר די פּראָבלעם אַזוי ניט גע־שטעלט. ער האָט אין דער טראַדיציע מער ניט געזען איר לכתחילה׳דיקן ציל, האָט ער ממילא אין יענע פאָרמען ניט געזען קיין מיטל צו אַ ציל, נאָר סתם אַ שטיק פאַרבליבענע ווילדקייט. און אַזוי, שטייענדיק מיט אַ פוס אין דרויסן, האָט אים שאָקירט דאָס אַלטע לעבן וואָס שטערט אים צו ווערן „אַ מענטש מיט לייטן גלייך". דעם אַלטן ציל פון יידישקייט האָט ער פאַרזען, און זיין נייער ציל — אריינצוטרעטן אין דער אלגעמיין אייראָפּיאישער קולטור — האָט זיך באמת געגייטיקט אין נייע מיטלען וואָס זענען להיפּוך צו די לעבנס־אופנים פון דער גייסטיקער געטאָ פון כלל ישראל.

אָבער דער „אינווייניקסטער" ייד, וואָס האָט דעם ניט־אויסגעדריקטן ציל זיינעם געטראָגן אין מאַרך פון זיינע ביינער, האָט דעם משכיל אפילו ניט געקענט פאַרשטיין, ווייל מען האָט צו אים גערעדט גאָר פון אַנדערע אידייען וואָס האָבן פון אַ ריין יידישן שטאַנדפּונקט, אין בעסטן פאַל, ביי אים ניט געקענט זיין קיין עיקר. האָט זיך דער יידישער ייד געבויט אַ קולטור פאָרם וואָס יעדע באַוועגונג אירע האָט זיך קודם כל געמוזט אריינפּאַסן אין זיינע יידישע צילן.

פון תנ"ך און תלמוד ביזן היינטיקן טאָג איז יידישקייט דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע, פיל־פאַרביקע עוואָלוציע. יעדע ענדערונג איז אָנגעקומען שווער, ווייל די וואָס האָבן זי געמאַכט האָבן געפילט אַז זיי האָבן וואָס

צו פאַרלירן. יעדע ענדערונג, זי האָט געמעגט ווייט, ווייט אָפּטרעטן פון אָריגינאַל, האָט פונדעסטוועגן געמוזט זיין געבויט אויף אַן ענדגילטיקער אויטאָריטעט, דער מסורה, וואָס אַלע דאַרפן זיך איר אונטערוואַרפן. ענדערונגען, נייאיקייטן — דאָס לעבן האָט זיך אין זיי געניייטיקט זענען זיי געקומען,אָבער ווייל די מסורה איז געווען און געבליבן די איינציקע ענדגילטיקע סאַנקציע האָט דאָס מעגלעך געמאַכט אָנצוהאַלטן איין איינהייטלעכן גייסט אין אַלץ וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין משך פון די אַלע לאַנגע צייטן און אונטער די פאַרשיידנסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע תנאים.

דאָס האָט געמוזט פירן דערצו אַז יידישקייט זאָל ליידן פון מורא׳דיקע חסרונות וואָס האָבן דירעקט אַרויסגעשפּראָצט פון אירע געוואַלטיקע מעלות, — חסרונות, ווי געזאָגט, ווען מיר קוקן אויף זיי מיט דרויסנ־דיקע בליקן. די סאַנקציעס פון דער מסורה האָבן געבראַכט צו דעם אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ שטייפע סיסטעם, און יעדער פונדאַמענטאַלער אָפּנייג איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע סכנה. בעת ביי אַנדערע פעלקער האָט אַן אָפּנייג פון רעליגיעזן דרך לחלוטין ניט געקענט ווירקן אויפן לעבן פון פאָלק ווי אַ פאָלק, האָט ביי אונדז אפּקורסות געעפנט אַ וועג צו שמד, און צו אינערלעכער נאַציאָנאַלער דעמאָראַליזאַציע, צום אויפ־טרייסלען די סאַמע פונדאַמענטן פון נאַציאָנאַלער קרובה׳שאַפט.

די פאַרגליווערטע שטייפקייט פון דער סיסטעם האָט זיך אויך געגומען פון דעם וואָס זי האָט זיך תמיד געגערט פון זיך אַליין ,געווען כסדר אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, און ממילא האָט זי זיך ניט געקענט באַפרייען פון יענער איינגעצוימטער ענגקייט וואָס שטאַמט פון קולטו־רעלער אָפּגעזונדערטקייט.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעם איז יידישקייט געווען און געבליבן אַן אַלגעמיינע פאָלקס־קולטור און ניט קיין רעליגיע־סיסטעם. דאָס האָט ספּעציעל אַרויסגעשיינט אין שרייענדיקן קאָנטראַסט צו דער קריסט־לעכער רעליגיע וואָס איז געווען דער קאָנקרעטער רעליגיעזער מוסטער פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט.

דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין צייכנט זיך אויס מיט זיין כאַראַק־טעריסטישער שפּאַלטונג צווישן סוביעקט און אָביעקט. דער סוביעקט, דאָס איז דער יחיד מיט זיינע באַדערפענישן, ליידן און האָפענונגען. דער אָביעקט, דאָס זענען איבערנאַטירלעכע כוחות, אָדער אַ טונקעלע אָנונג פון אַ קאָסמישן סדר, אָדער וואולגאַרע בילדער פון אַן איבערמענטש־

לעכער היעראַרכיע, וואָס באַשטימט דעם זיגזאַג פון מענטשלעכן מזל. אין אַ פאָלק־שטייגער, וואָס דער אָביעקט זאָל ניט זיין — צי מאַגישע פאָרמולעס, צי אַ גאָט, צי נאַטירלעכע געזעצן — דער סוביעקט איז תמיד די גרופּע, ריכטיקער, אַ צעמענטירטער קיבוץ, וואָס ער איז דער לעצטער טערמין צו וועלכן דער סוביעקטיווער עלעמענט ווערט רעדוצירט. אַ פאָלק־שטייגער קען אויך ארומרינגלען יעדן ציגל פון זיין קולטור־בנין מיט באַגריפן פון הייליקייט און זינד, אָבער דאָ ווערט דערפון: „צוליב אונדזערע זינד זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד און דערווייטערט געוואָרן פון אונדזער ערד". עס איז „אונדזער" און „לאַנד", און היסטאָרישע געשעענישן פון אַ גאַנצן קיבוץ, אַלץ סאָציאַלע באַגריפן וואָס ווערן דער מענטש־צד אין דער סוביעקט־אָביעקט שייכות.

אין טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, וואָס דער צונויפהאַלט פון דער גרופּע רופט אַרויס, און ספּעציעל אין קריטישע מאָמענטן, ווערט דער קיבוץ ניט בלויז דער סוביעקט נאָר אויך דער אָביעקט וואָס צו אים זענען געווענדט אַלע זאָרגן און באַמיאונגען. ער ווערט דער „איך" און דער „מיר" אין דער זעלביקער צייט. ממילא שאַפט זיך אין באַוואוסטזיין פון יחיד אַ מאָניסטיש געוועב וואו עס איז מער קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר דער שפּאַלטונג צווישן אָביעקט און סוביעקט. דעמאָלט איז „ישראל, די תורה, און גאָט" אַן איינציקע איינס, ניט ווי אַ פילאָזאָפישער באַגריף נאָר ווי אַן אינערלעכע איבערלעבעניש. אָט דאָס איז אויך אַ שאַרפע כאַראַקטעריסטיק פון דער פאָלק־שטייגערשער פּסיכיק.

ווען דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין דערהייבט זיך צו די העכסטע קאָנסעקווענצן פון זיין אינוווייניקסטן קערן, ווערט דערפון אַן אַלגעמיינע עטיק, אַ פּלאַן פון באַציאונגען צווישן מענטשלעכע יחידים. אָבער אַ פאָלק־שטייגער, וויפיל צייט־שאַלעכצן ער זאָל פון זיך ניט אַראָפּוואַרפן, מוז אַלץ בלייבן דער אידעאַל פון דער גאַנצקייט פונם קיבוץ, פון נאַציאָנאַלן קיום, ווייל דאָס איז אייגנטלעך זיין אויסגאַנג־פּונקט. דעריבער ציט זיך דער קריסטלעכער געדאַנק פון פּערזענלעכער צו קאָסמישער דערלייזונג. בעת ביי יידן הייבט זיך דאָס אָן פונם משיח אידעאַל, פון נאַציאָנאַלער גאולה.

די סאָציאַלע פאָרם פון אַ רעליגיע איז אַ קירך, וואָס איר איינציקער ציל איז זיך צו שטעלן אין דירעקטע באַציאונגען מיט די אויסערנאַטור כוחות וואָס באַהערשן די וועלט. אירע מיטלען זענען ממילא געוויסע אַנטפּלעקטע פאָרמען וואָס בלויז זיי קענען דאָס דערגרייכן.

ווארים די קירך איז לויט די ווערטער פון פאבסט (ענציקליקל פון 11טן יאנואר 1930): „א פערפעקטע געזעלשאפט פון איבערנאטירלעכן אוניווערסאלן כאראקטער. דער געדאנק וועגן „איבערנאטירלעך" קען פירן מען זאל פאדערן א ספעציעלע פריווילעגירטע ראלע, ער קען אויך האבן א שייכות צו א טעאריע, א גלויבן. אבער „אוניווערסאל" איז שוין מחייב אז געוויסע טעטיקייטן זאלן איינגעשלאסן ווערן און אנדערע ניט. אלע פאדערונגען פון די רעליגיעזע רעפארמער וואס ווילן אז קריסטנטום זאל אויך אננעמען א באשטימטן בליק אויף איצטיקע פאליטישע, סאציאלע און עקאנאמישע פראבלעמען — ווי, למשל, שערוואוד עדי אין זיין באר וואס דערשינענעם בוך „דאס רעוואלוציאנערע קריסטנטום" — מוזן בלייבן א קול קורא במדבר. זיי זעען ניט איין אז דערמיט וועלן זיי אריינוויקלען די קירך אין סתירות פון וועלכע קיין שום אויסוועג איז ניט מעגלעך. ווארים אויב רעליגיע און קירך איז קירך דעמאלט, ווען א מענטש טרעט אריין איז אזא פארבינדונג טוט ער דאס בלויז „אויף אזוי פיל אויף וויפיל". דאס איז כאראקטעריסטיש פאר אזא אינסטיטוציע. דאס איז ניט כאראקטעריסטיש פאר א פאלק־שטייגער. א פאלק־שטייגער קען ניט אויסשליסן פון זיינע אינסטיטוציעס די טאג־טעגלעכע נויטן און די פארצווייגטע פאדערונגען וואס דאס קאנקרעטע לעבן פון זיין היסטארישן קיבוץ שטעלט ארויס. דער דאזיקער אונטערשייד צווישן די צוויי פירט צו קאלאסאלע רעזולטאטן וואס שפיגלען זיך אפ באזונדערס אין אינווייניקסטע קאנפליקטן.

אין א קירך זענען אלע פרטים פון דער פארם אזוי וויכטיק אז יעדער אפנייג איז א ברוך אין סאמע תוך. ווארים די פארם איז דאך דער איינציקער שליסל צו די פארבארגענע כוחות פון יחידישער און קאסמישער באשערטקייט. אן אפנייג איז דעריבער א מין קאליע מאכן דעם שליסל וואס בלויז ער קען עפענען די געהיימע טירן. דאס פירט דערצו אז אינערלעכע קאנפליקטן שאפן באזונדערע סעקטעס צווישן וועלכע עס קען ניט זיין קיין שום צונויפבונד. דער ערשטער גרויסער ריס אין קריסטנטום — צווישן דער ביזאנטישער און רוימישער קירך — האט זיך אנגעהויבן אין פינפטן יארהונדערט, אין דער האניק־עפאכע פון קריסטלעך־רעליגיעזע נצחונות. די קאטוילישע ענציקלאפעדיע שטעלט זיך באזונדערס אפ אויף צוויי פאקטארן— כאטש זי גיט אויך אן אנדערע סיבות — דאס צו דערקלערן. ראשית, דער אונטערשייד אין ריטועלע פארמען, שנית, די פארשיידענע שפראכן, לאטיין און גריכיש, וואס צוליב

דעם האָבן די גייסטלעכע פון רוים און קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיך פּשוט ניט געקענט צונויפרעדן ווי עס געהער צו זיין. דאָס האָט געפירט דערצו, לויט דער מיינונג פון דער רוימישער קירך, אַז עס זענען געשאַפן געוואָרן צוויי באַזונדערע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן איינע מיט דער אנדערער אבסאָלוט קיין שום מגע ומשא ניט. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די וואָס פאַרטרעטן אַ רעליגיע־סיסטעם. קען עמיצער זיך פאָרשטעלן אַז די יידישע גאַנצקייט זאָל קענען צעשטערט ווערן צוליב ריטועלע און שפּראַכלעכע אונטערשיידן? אַלע פאַקטן פון אַלע צייטן אין אונדזער געשיכטע לייקענען דאָס אָפּ.

ביי יידן, מיט אַ פאָלק־שטייגערשן אויסדרוק פון לעבן, זענען ניטאָ קיין פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע תנאים פאַר אָפּגעזונדערטע סעקטעס. און די קאַראַאימען זענען באמת אַן אויסטערלישער יוצא מן הכלל, וואָרים ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די חילוקי דעות צווישן חסידים און מתנגדים, אָדער אפילו צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער, בלייבט נאָך אַלץ דער סאָציאַל־היסטאָרישער הינטערגרונד, און דער אינערלעכער קאָלעקטיווער „מיר", וואָס זיין צעמענטירנדיקער כוח איז גרעסער ווי די ארויסגע־שוואומענע צעטיילונג־ליניעס.

דער אינטעלעקטועלער שפּיץ פון אַ רעליגיע רייסט זיך נויטווענדיק אריין אין פעלד פון טעאָלאָגיע. די הויפּט שווערקייט פאַרן רעזאָנירנ־דיקן מוח ליגט אינם איבערנאַטירלעכן אָביעקט וואָס שטייט אויף יענער זייט פון קאָנקרעטע מענטשלעכע איבערלעבענישן. דער באַגריף „מלכות השמים", מיט די אַלע קאָמפּליקאַציעס וואָס דאָס איז מחייב, מיט די באַציאונגען צווישן צוויי וועלטן וואָס זענען אַנדערש קאָנסטיטואירט, באַפעלקערט פון קאַטעגאָריש אַנדערע ענטיטעטן, און פאָרמען פון עקזיס־טענצן, — דאָס אַלץ נייטיקט זיך אין אַן אומגעהייערער אינטעלעקטועלער אַרבעט אויסצוגלייכן סתירות, פּאָסטולירן פונקציעס, באַנעמען קוואַליטעטן און איינשטעלן אַ סדר אין אַ פאַרהוילענערווירקלעכקייט. אין אַ רעליגיע איז יענע איבערנאַטירלעכע וועלט דער איינציק מעגלעכער קאָפּ פונם גאַנצן אָרגאַניזם און דער העכסטער ציל פון אַלע שטרעבונגען. ממילא קען דער רעזאָנירנדיקער מוח ניט בלייבן רואיק ביז עס ווערט דאָרט געשאַפן אַן איינגעאָרדנטע סיסטעמאַטישקייט, כדי דער גאַנצער בנין זאָל ניט פאַנאַנדערפאַלן אונטערן אינטעלעקטועלן דרוק פון שטענדיקן אַנאַליז.

אין קריסטנטום קומען נאָך צו ספּעציעלע טעאָלאָגישע פּראָבלעמען וואָס זענען תמיד געווען דער סלע המחלוקת צווישן קריסטלעכע דענקער

און סעקטעס, און וואָס דער פּועל יוצא איז געווען ביטערע קריגערייען, לעגאַלע פאַרפאָלגונגען און שפּיציקע וויכוחים אָן אַ סוף. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן דער דריי־אייניקייט טעאָריע וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ בייזע פּאָלעמיק און געפירט צו די אוממענטשלעכע ענויים וואָס די אַריאַנישע סעקטע האָט געדאַרפט אויסשטיין צוליב דעם אין פערטן יאָר־הונדערט. גאַנץ אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן ווייזט אַרויס דער גאַנג פון אַ לעבנס־שטייגער.

אַ לעבנס־שטייגער אַנטוויקלט זיך און פּאַסט זיך צו. ממילא ליגט זיין כוח פון צונויפהאַלט אין אַלטע טראַדיציעס וואָס קאָנטראָלירן די כסדר'דיקע ענדערונגען, און לאָזן זיי ניט אַרויס פון געגעבענע ראַמען. אָן אַלגעמיינע שילדערונג פון די כוחות וואָס גיבן די טראַדיציעס זייער סאַנקציע איז גענוג, ווייל ניט די סאַנקציע נאָר איר טראַדיציאָנעלער כאַראַקטער איז דער עיקר. אויך דאָ ווערט געבוירן יענע אינטעלעקטועלע נייגיריקייט וואָס וויל אויסגלייכן, פאַרענטפערן, דערקלערן און אָוועקשטעלן זאַכן אין זייערע געהעריקע פּאָזיציעס. אָבער די אויפגאַבע איז שוין דאָ גיכער אַ יורידישע, ניט קיין טעאָלאָגישע. דעם העכסטן שטאַפּל פון דער אינטעלעקטועלער לייטער פאַרנעמט דאָ, דעריבער, ניט דער טעאָלאָג, נאָר דער גאון, דער למדן, דער חריף, דער בקיא. עס פאָדערט זיך דאָ גאָר אָן אַנדער פאָרם פון שאָפערישער באַנייאונג, און שאַפנדיקן אויסגלייך. דערפאַר האָט זיך ביי יידן אויסגעאַרבעט דער קולט פאַר חידושים, פּשט'לעך, פרעגן און אָפּפרעגן, צונויפברענגען אַ וואָנט מיט אַ וואַנט. גידעמאַן דערציילט: „דער גרעסטער כבוד פאַר אַ תלמיד חכם איז געווען ארויסצוברענגען וואָס מער חידושים און אויפטוען. ווער עס האָט דאָס ניט געקענט איז געווען אָפּגעפרעגט ביי זיינע תלמידים. ר' שלום האָט ניט געריסן קיין קריעה אויף איין רבין זיינעם, און ווען מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס, האָט ער געענטפערט אז ער האָט פון דעם רבין קיין חידושים ניט געהערט". דאָס איז זיכער אַ נעגאַטיווער, אַ קראַנקער פּראָדוקט, אָבער ער שטאַמט, פּונקט אַזוי זיכער, פון זייער אַ געזונטן לעבנס־אימפּולס.

עס איז, אגב, אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי גידעמאַן דערקלערט דאָס. ער איז כסדר פאַראינטערעסירט צו באַווייזן אַז עס „יידלט זיך ווי עס קריסטלט זיך", אפילו ווען יידן זענען געווען אָפּגעזונדערט אין אַ געטאָ. קומט ביי אים אויס אַז אויך פּילפּול, און דער גאַנצער דרך פון פּשטל'דיקע קונצן, איז אַ פּראָדוקט פון דער קריסטלעכער וועלט פון

יענער צייט. ער געפינט די ענלעכקייט אין דייטשישן מייסטער־געזאַנג, אין באַראָקאָ־סטיל אין אַרכיטעקטור, אין די קליידער־מאָדעס. מען האָט, הייסט עס, רק געזוכט דאָס פּיקאַנטע, דאָס אומגעריכטע. אַזאַ טעאָריע זעט מיר אויס צו זיין אין זיך גופא אַ שטיק פּילפּול וואָס לייגט זיך לחלוטין ניט אויפן שכל. באַראָקאָ־סטיל און פּשטל — זייער אַ מאָדנע ענלעכקייט, און זייער אַ שוואַכע דערקלערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּילפּול.

ווען מיר גייען נאָך אַביסעלע ווייטער געפינען מיר אַז פאַר רעליגיעס — ספּעציעל די פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם, ווי איסלאַם און קריסטנטום — איז כאַראַקטעריסטיש דאָס וואָס אַן זייער שפּיץ שטייט אַ גרינדער, אַ מענטשלעך, אָדער מענטש־געטלעך געשטאַלט, און ער ווערט דער סימבאָל פון דער העכסטער הייליקייט. דער אַפּאָסטאָל מאַרק ברענגט דאָס אַרויס ווען ער זאָגט: „וואָרים ווער עס וועט אייך נאָר געבן אַ בעכער וואַסער צו טרינקען אין מיין נאָמען, ווייל איר געהערט צו קריסטוסן, וואָרהאַפטיק זאָג איך אייך, ער וועט ניט פאַרלירן זיין שכר". אָדער: „און ווער עס וועט נאָר באַליידיקן איינעם פון די קינדער וואָס גלויבן אין מיר, איז בעסער פאַר אים מען זאָל אויפהענגען אַ מילשטיין אויף זיין האַלדז און אים אַריינוואַרפן אין ים". און ביים הייליקן מתי ווערט אונטערגעשטראָכן: „...גיי און פאַרקויף וואָס דו האָסט און גיב די אָרעמע... און קום און גיי נאָך מיר". אָדער: „...איר וואָס זייט געגאַנגען נאָך מיר... איר וועט אויך זיצן אויף צוועלף טראָנען און משפטן די צוועלף שבטים פון ישראל." אדער: „...און יעדער וואָס האָט פאַרלאָזט הייזער, אדער ברידער, אָדער שוועסטער, אָדער פאָטער, אָדער מוטער, אָדער ווייב, אָדער קינדער, אָדער לאַנד, פאַר מיין נאָמען וועגן וועט באַקומען הונדערט מאָל אזוי פיל און וועט ירשענען אייביק לעבן". ביי אונדז קען זיך גאָט אליין דערלויבן צו זאָגן: „הלוואי וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזט און מיין תורה געהיטן". אָדער ווי רבי יהודה הלוי באַמערקט אין כוזרי: „די גרויסקייט פון יידן איז ניט צוליב משהן, נאָר משה'ס גרויסקייט צוליב די יידן". ניטאָ ביי אונדז די צענטראַלע פּאָזיציע פון אַן איינצלנער פיגור וואָס טראָגט די קרוין פון אַלע הייליקייטן. דאָס באַוואוסטזיין פון פאָלק ווערט ניט צוגעשפּיצט צו איין באַשטימטן פּונקט פון אַ מאָראַלן אָדער אמונה פּרינציפּ, אָדער צו איין קאָנקרעטער פּערזענלעכקייט וואָס סימבאָליזירט איין אָפּשניט פון לעבעדיקער טעטיקייט. יידישקייט איז אַ ברייט געוועב וואָס ציט זיך אין די פאַרשיידנסטע ריכ־

טונגען, און שטרייכט אונטער אין אבסטראַקטע און קאָנקרעטע פאָרמען אַז די פּילזייטיקע פאַרצווייגונגען, דאָס וואָס איז לחלוטין ניט כאַראַקטע־ריסטיש פאַר רעליגיע.

דאָס ברענגט קלאָר אַרויס ליפּמאַן מילכהויזען (רב פון פּראָג אין 15טן יאָרהונדערט) אין זיין „נצחון", ווען ער זאָגט: „די משומדים האָבן פאָרמיאוסט דעם תלמוד ביי די אומות אין די אויגן. זיי האָבן איבער־געזעצט פון תלמוד נאָר די וואונדערלעכע גוזמאות. זיי דאַרפן אָבער וויסן אַז דאָס איז ניט דער עיקר פון תלמוד. נאָר געשיכטעס וואָס מען פרעגט אויף זיי קיין קשיו! ניט, וואָס די קריסטן רופן דאָס היסטאָריעס, נאָר די דינים פון יום טוב און מצוות און דיני נזיקין, דאָס איז דער עיקר, וואָס ביי זיי הייסט עס יוראַ". ער וואָלט נאָך אפשר געדאַרפט מוסיף זיין אַז בעת קריסטן גיבן זיך אָפּ מיט „געשיכטעס" און „יוראַ" טוען זיי דאָס ניט ווי גלויביקע אין דער קריסטלעכער אמונה, נאָר ווי מענטשן בכלל, אָדער בירגער פון לאַנד — דאָס איז אַ פונקציע פון „צעזאַרן", ניט פון „קריסטוסן" — ביי יידן אָבער איז דאָס אַן אָרגאַנישע טייל פון זייער לעבנס־סיסטעם, פון יידישקייט.

דאָ זעט זיך, אגב, אַרויס דער לאָגישער פעלער וואָס האָט געמוזט געמאַכט ווערן אין די אַרויפגעצוואונגענע מיטלאַלטערלעכע וויכוחים צווישן יידן און קריסטן. אַ ייד האָט געמעגט אויפן בעסטן אופן פאַר־טיידיקן זיין גאָט און זיין תורה האָט ער אַלץ ניט געקענט אויסמיידן דעם פונדאַמענטאַלן פעלער וואָס ליגט אינם פאַרגלייך גופא צווישן קריס־טנטום און יידישקייט. וואָרים כדי צו פאַרגלייכן דאַרף מען קודם כל ביידע אָוועקשטעלן אויף איין ברעט. ביידע זענען, הייסט עס, רעליגיעס, בעת אין דער אמתן זענען דאָס צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס, זיי האָבן אַנדערע צילן, פילן אויס אַנדערע פונקציעס, זענען אַנדערש אין די צווייגן פון לעבן וואָס יעדע פון זיי נעמט אַרום, און אָוועקשטעלן זיי ווי צוויי צדדים אין אַ דירעקטן פאַרגלייך מוז פירן צו פאַלסיפיקאַציע. לעסינג האָט זיכער געהאַט גוטע כוונות ווען ער האָט אריינגעלייגט אין מויל פון „נאַטאַן דער וויזע" די מעשה מיט די דריי רינגען. אין דער אמתן, אויב קריסטנטום איז אַ גאָלדענע רינג איז יידישקייט, לאָמיר זאָגן, אַ זיידענע קאַפּאָטע. ביידע מעגן זיין גאַנץ טייערע חפצים, אבער פאַר־גלייכן זיי איז פשוט ניט שייך.

דאָס האָבן אויך קריסטן אָפט געפילט, סיי ווען דאָס איז געווען פאַר אונדזער טובה, סיי ווען דאָס איז געווען אונז לרעה. ווען נאַפּאָלעאָן

האָט אין 1802 אויפגעגעבן זיין רעליגיע־מיניסטער, פּורטאַליס, צוצושטעלן אַ פּראָיעקט וועגן דער יידישער פראַגע, האָט דער לעצטער אים אָנגעוויזן די באַזונדערע שוועריקייטן אין דעם פאַל, שוועריקייטן וואָס זענען ניט געווען ביים איינאָרדענען די באַציאונגען צווישן דער קאַטוילישער קירך און דער מלוכה. יידן, האָט ער גע׳טענה׳ט, זענען גיכער אַ באַזונדער פאָלק איידער אַנהענגער פון אַ באַשטימטער רעליגיע.

נאָך קלאָרער דריקט דאָס אויס אַן אַנדער פאָרשטייער פון די אומות העולם. אין אויגוסט 1796 איז אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג פון דער באַטאַווישער (האָלענדישער) רעפּובליק פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע וועגן דער יידן־פראַגע. ר׳ צבי הירש מאילפעלד האָט פאַרעפנטלעכט די ארויס־געזאָגטע מיינונגען אין זיין ספר „דברי נגידים" (אמסטערדאם תקנ״ט). אין דעפּוטאַט (Lublinck de Jong) דערקלערט זיין שטעלונג אויף אַזאַן אופן: „אָבער לויט מיין מיינונג, ווען מיר וועלן אויספאָרשן די געזעלשאַפטלעכע נאָרמען פון דער יידישער אמונה, וואָס אירע רעליגיעזע געזעצן זענען פאַרבונדן מיט די סעקולערע, וועלן מיר זיי אויך דאַרפן באַצייכענען ווי אַ באַזונדער פאָלק. זיי זענען ניט גלייך צו די אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס ווי לוטעראַנער, קאַלוויניסטן, און נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט קיין באַזונדערע סעקולערע געזעצן" (דברי נגידים, כ״ג).

ווען די גויים האָבן געדאַרפט האָבן אַ טערמין צו באַצייכענען די שנאה צו יידן האָבן זיי אויסגעקליבן אַ ראַסישן אָדער אַן עטנישן באַגריף, ניט קיין רעליגיעזן. עס איז געוואָרן „אנטיסעמיטיזם", אָבער ניט „אַנטי־יודאַאיזם". און כאָטש אין קריסטלעכן פאָלקלאָר און ליטעראַטור, וואו עס ווערט פאַרשפּרייט שנאה צו יידן, שפּילט דער ריין רעליגיעזער מאָטיוו אַזאַ אומגעהייערע ראָלע, פונדעסטוועגן האָט זיך דאָס ניט־רעליגיעזע וואָרט „אַנטיסעמיטיזם" גאַנץ פיין איינגעפּאַסט אין קריסטלעכן דענקען, אַזוי ווי די יידן־פיינט וואָלט טאַקע געפילט אַז זיי זענען אַנטיסעמיטן, ניט אַנטי־יודאַאיסטן.

פאַר אַ רעליגיע איז נאַטירלעך אַז זי זאָל אויעקשטעלן געוויסע פונדאַמענטאַלע עיקרים פון גלויבן וואָס זענען אַ חוב פאַר אַלע אינווייניקסטע. אין יידישקייט האָט מען אַ לאַנגע צייט אַזעלכע עיקרים לחלוטין ניט אָנגעגעבן ווי אַ מוז פאַר יעדן יידן. אייזיק הירש ווייס באַמערקט וועגן דעם אין „דור, דור ודורשיו" אַז „מען דאַרף ניט קיין גרעסערע אפיקורסות ווי ביי זיי האָט זיך גערעכנט דאָס לייקענען אין געטלעכן אורשפּרונג פון דער תורה, אָדער אין תחית המתים, פונדעסטוועגן האָבן

זיי פאַר אַזעלכע אפיקורסים ניט באַשטימט קיין שטראָף אויף דער וועלט. זיי האָבן נאָר געסטראַשעט מיט אייביקע שטראָף נאָכן טויט״.

דער רמב״ם האָט אַרויסגעבראַכט זיינע דרייצן אני מאמינס אונטערן דרוק פון דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע וואָס האָט געסטראַשעט אָפּצופרעמדן אינטעליגענטע יידן פון יענער צייט פון דער יידישער לעבנס־ספערע. די דאָזיקע מורא, די שטענדיקע און באַרעכטיקטע מורא ביי יידן אין אַלע גלות־צייטן, האָט אויך מסתמא געווירקט אַז די דאָזיקע אני מאמינס זאָלן ווערן אַזוי פּאָפּולער ביים פאָלק, אָבער אונדז איז אַלעמען באַקאַנט די ביטערע מחלוקות און די לאַנגע וויכוחים וואָס דעם רמבמ׳ס עיקרים האָבן אַרויסגערופן. דער רשב״ץ (ר׳ שמעון בן צמח דוראַן), למשל, ווייזט אָן אַז אפילו דער גלויבן אין משיחן קען ניט באַטראַכט ווערן ווי א מוז־זאַך פאַר אַ יידן. וואָרים ווען הלל דער צווייטער לייקנט אַז משיח וועט קומען („אין להם משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי חזקיה מלך יהודה״) האָט מען אים ניט דערפאַר באַשולדיקט אין אפיקורסות. בכלל האלט ער אז אן אפיקורוס איז בלויז דער וואָס פירט אָן אַן אַקטיוון קאַמף קעגן יידישן גלויבן, ווען ער איז א „מקצץ בנטיעות״.

עס איז ווערט צו באַמערקן אז ווען ר׳ יוסף אלבאָ האלט אז דער גלויבן אין ביאת המשיח דאַרף יאָ זיין א חוב פאַר יעדן יידן, באַרעכטיקט ער דאָס מיט די צרות וואָס מיר האָבן פון די אַרומיקע פעלקער. ער זעט אין אין דעם אַ נאַציאָנאַל־פּסיכישע נויטווענדיקייט פאַר אונדזער קיום. בכלל איז גוט צו געדענקען אז דער גאַנצער געדאַנק וועגן עיקרים שטאַמט פון שפּאַניע וואו, אונטערן דרוק פון אַרומיקע סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע סיבות, איז יידישקייט אריינגעקוועטשט געוואָרן אין די ענגע רערן פון טעאָלאָגישער פילאָזאָפיע. האָט מען זיך דעריבער גענייטיקט אין עקזאַקטע פאָרמולעס וואָס זאָלן קלאָר מאַכן אַ יידישע טעאָלאָגישע שיטה. אין מערב האָבן אין דער זעלביקער צייט געאַרבעט אונדזערע מפרשים, רבנים. פאַר זיי איז געווען וויכטיק פאַנאַנדערצואוויקלען דעם אינערלעכן זינען פון אונדזערע קולטורעלע אוצרות, אָנווייזן אַ וועג אין לעבן דורך שאלות ותשובות, צו זיין א מורה דרך אין די פּראָבלעמען פון טאָג. זיי זענען געווען נענטער צו דער פּראַקטישער יידישער ווירקלעכקייט. פאַר זיי איז דאָס ניט געווען קיין טעאָלאָגישע שיטה, נאָר, דער עיקר, אַ פאָרם פון אַ פאָלקס־קולטור. פאַר זיי איז ניט געשטאַנען די פּראָבלעם פון פאַרענטפערן ספקות, פון זיך אַליין, אָדער פון אַנדערע

יידן, האָבן זיי דעריבער ניט געדאַרפט טראַכטן וועגן עיקרים. פאַר זיי איז אין דער סכעמע פון יידישקייט ניט געווען קיין טפל, האָבן זיי שוין ממילא ניט געקענט רייסן זיך צו כאַפּן דעם עיקר.

רעדנדיק וועגן עיקרים פון גלויבן דערמאָנט עס מיך אָן דעם וואָס אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער האָט מיר דערציילט. זיין פאָטער איז געווען אַ באַרימטער רב, אַ פרומער ייד און אַ גרויסער למדן. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט שלום מאַכן מיטן רמב"מ'ס דרייצן אני מאמינס. דאָס, האָט ער גע'טענה'ט, איז אַ גויאישער ענין. ביי יידן איז אסך וויכטיקער דער געדאַנק אַז „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא", אַ ייד בלייבט תמיד אַ ייד. אָן עיקר אין גלויבן איז ניט קיין אַבסאָלוטער עיקר אין יידישקייט. צום זון פלעגט ער זאָגן: „צי דו גלייבסט אין גאָט צי ניט, דאָס איז דיין זאַך, אָבער דאַוונען דאַוונסטו? דאָס איז דער עיקר". מיט אַנדערע ווערטער: פיר זיך אויף ווי אַ ייד, דערמיט ווערסטו אַ טייל פון גאַנצן יידישן ציבור. וועגן טעאָלאָגיע דאַרף מען זיך שוין ווייניקער זאָרגן.

עס איז קיין חידוש ניט וואָס מענדעלזאָן, דער ראַציאָנאַליסט, שטעלט זיך איין פאַרן געדאַנק אַז די תורה אַנטהאַלט ניט קיין דאָגמעס, אַז דער רעליגיעזער באַפעל: „גלויב!" איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן טראַדי־ציאָנעלן יידישן געדאַנק. דאָס איז בלי ספק אַ גוזמא, און דריקט אויס ביכער מענדעלזאָנס וואונש איידער דעם גייסט פון דער מסורה. סוף כל סוף איז יעדע פאָרם פון סאָציאַלער צוגעבונדנקייט, וואָס האָט אויך צו טאָן מיט אידייען, מחייב גלויבן אין דאָגמע. דאָס איז אמת אויך אין דער היינטיקער מאָדערנער וועלט ווען אַזעלכע גלויבנס ווערן געוויינטלעך איינגעהילט אין וויסנשאַפטלעכע טערמינען. אָבער מענדעלזאָן האָט געזען דעם גאַנצן ברייטן פאַרנעם פון דער יידישער געביידע וואָס וואָלט שוין לאַנג צעבלאָזן געוואָרן פון די היסטאָרישע ווינטן ווען זי זאָל זיך שטיצן אויפן שמאָלן פונדאַמענט פון אויסגערעכנטע, געציילטע דאָגמעס. גלויבנס, דאָגמעס זענען אומעטום פאַראַן — זיכער שפּילן זיי אָן אומגעהייערע ראָלע אין קולטור־בנינים וואָס שטאַמען פון אלטע היסטאָרישע עפּאָכעס — אָבער בלויז אין רעליגיעס זענען זיי כאַראַקטעריסטישע הויפּט־זיילן.

אַ פאָלקס־קולטור פון אַ פּרימיטיוון שבט אין אַפריקע, אַדער אויס־טראַליע איז אויך קיין רעליגיע ניט אין מערב'דיקן זינען פון וואָרט. די האָטנטאָטן האָבן אַ „האָטנטאָטישקייט", די בושמענער אַ „בושמעניש־קייט", און די אַלע גלויבנס, אָבערגלויבנס, דאָגמעס, וואָס רינגלען ארום אָט די קולטורן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר צייט, פּלאַץ, און פאַר דער

מענטשלעכער פסיכיק בכלל. אָבער זיי זענען בשום אופן ניט קיין פונדאַמענט פונם בנין, על אחת כמה וכמה יידישקייט. וואָרים פון אַלע עטנישע קולטורן וואָס זענען אונדז באַקאַנט — סיי ביי די קלאַסישע פעלקער, סיי ביי די פּרימיטיווע שבטים היינט צו טאָג — איז ניטאָ קיין איינע וואָס קען, אויף ווי ווייט איך ווייס, זיך אויסגלייכן מיטן יידישן שטייגער אין איין פונדאַמענטאַלער כאַראַקטעריסטיק. די ווייט־גרעסטע צאָל פּרטים פון אונדזערע צערעמאָניעס, ריטואַלן און גאַנצע שטייגערשע אינסטיטוציעס, זענען פאַרבונדן אין באַוואוסטזיין פון דער טראַדיציע מיט היסטאָרישע געשעענישן. זיי זענען אַ „זכר ליציאת מצרים", אַ „זכר למקדש", און אין דעם זינען זענען זיי ווי דערציעריש־מעטאָדישע מיטלען צו פאַרשאַרפן און מאַכן איצטיק־לעבעדיק דעם היסטאָרישן זכרון פון פאָלק. דער דאָזיקער ציל ווערט אַזוי טרעפלעך אויסגעדריקט אין די ווערטער פון דער משנה: „בכל דור ודור חיב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים" (אין יעדן דור דאַרף יעדער אויף זיך קוקן ווי ער אליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים). אפילו אַזאַ איינפיר ווי פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק איז, לויט קויפמאַן קאָלערס השערה, פאַרבונדן, ווי אַ דערמאָנונג, מיט מנהגים און אינסטיטוציעס פון דער צייט פון בית שני. וועגן דעם היסטאָרישן זינען פון יום טובים, אָדער טרויער־טעג, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. עס איז אַ זכר פון אַמאָל, און איינע פון די הויפּט־פונקציעס פון יידישקייט איז צו פאַרבינדן דור מיט דור דורכן געוועב פון אַמאָליקע שותפותדיקע דראַמעס און זייערע שטייגערשע קאָנסעקווענצן. ווי דער תהלים־דיכטער דריקט דאָס אויס:

„וואָרים ער האָט אויפגעשטעלט אַ געזעץ אין יעקב
און אַ תורה אין ישראל,
וואָס ער האָט באַפוילן אונדזערע עלטערן
זיי צו מאַכן וויסן זייערע קינדער;
כדי וויסן זאָל דער שפּעטערדיקער דור,
די קינדער וואָס וועלן געבוירן ווערן;
זיי זאָלן אויפשטיין און דערציילן זייערע קינדער."

(תהלים ע"ח, 5־7).

דאָס ווירקט, אגב, אַז ביי יידישקייט, מער ווי ביי אַלע אַנדערע קולטורן, זאָל מען קומען צו קאָמישע פלאָנטערס און טרויעריק־צעשטערנ־דיקע רעזולטאַטן ווען מען וויל די סיסטעם צעטיילן אויף עלעמענטן —

לויטן שטאַנדפּונקט פון אַ מאָדערנער, ניט־יידישער קלאַסיפיקאַציע. די מאָדערנע קלאַסיפיקאַציע — ווי, למשל, רעליגיעז־סעקולער — איז געבויט געוואָרן לויט די מאָסן פון אַן אַנדער לעבן, און שטעלט פאַר אַ צעשייד־ליניע וואָס ביי אונדז איז ניטאָ און קען ניט זיין.

בכלל, יידישקייט איז צו פאַרצווייגט, און, דורכן אָנוואוקס פון דער צייט נעמט זי אַרום צופיל זייטן פון דער יידישער פּערזענלעכקייט, אַז דאָגמע און גלויבן זאָלן קענען זיין אירע דערקלער־פּרינציפּן. ממילא, אפילו ווען מענדעלזאָן איז מגזם די פאַקטן איז אים ניט שווער צו פאַרשטיין ווען מיר האָבן אין זינען דאָס גאַנצע בילד, און ניט בלויז געוויסע טיילן.

מהאי טעמא וועלן מיר קענען איינזען אַן אַנדער חיסרון אין אונדזערע אָפּשאַצונגען. מיר זענען געוואוינט אָוועקצושטעלן די שפּאַניש־יידישע געלערנטע אַסך העכער פון די דייטשישע און פראַנצויזישע מפורשים און וועג־ווייזער. די ערשטע זענען טיפע דענקער, פילאָזאָפן, זיי זענען געווען באַקאַנט מיט דער אַלגעמיין מענטשלעכער קולטור פון דער צייט און האָבן דערהויבן דעם יידישן געדאַנק צו דער מדרגה פון אַן אוני־ווערסאַלן ענין. אין דער זעלביקער צייט זענען די גייסטיקע פירער פון די מערב־יידן געווען אין גאַנצן אריינגעטאָן אין די אייגענע ד׳ אמות של הלכה, געבויט קאָמענטאַרן אויף קאָמענטאַרן אין די גרענעצן פון אַ פּסוק, אַ מאמר, און ארומגערינגלט דאָס יידישע לעבן מיט אַן אייזערנער קייט פון דינים און מנהגים.

אָבער עס איז אומגערעכט צו פאַרגעסן די פונקציעס און צילן פון א גייסטיקער טעטיקייט איידער מיר גייען צו מיט דער מאָס פון העכער און נידעריקער. ווען מיר האָבן אין זינען אַן אַלגעמיינעם קולטור־שטאַנדפּונקט, די אַנטוויקלונג פון געדאַנק בכלל און פון יידישן געדאַנק בפרט, דעמאָלט איז די גאָלדענע שפּאַנישע עפּאָכע זיכער געווען פון לויטער גאָלד. אָבער ווען מיר שטעלן זיך אין צענטער פון יידישן לעבן פון יענער צייט, ווען מיר האָבן אין זינען די אינערלעכע גאַנצקייט פון אַ לעבן — כדי עס זאָל קענען בשלום דורכטראָגן די ווילדע מיטלאַלטער־לעכע שטורעמס — און ניט די וויכטיקייט פון אַבסטראַקטן געדאַנק, דעמאָלט דאַרף מען מודה זיין אַז אונדזער איצטיקער קיום אויף דער וועלט האָט אַסך מער צו פאַרדאַנקען די דייטשישע „פּאַנאַטיקער" איידער די „מתפלספים" פון דרום. די משכילישע גרינגשעציקע באַציאונג צום אויפטו פון די ערשטע נעמט זיך פון דעם וואָס זיי, די משכילים, האָבן

סיי צוליב זייער בילדונג, סיי צוליב דעם פּאָלעמישן גייסט אינם קאַמף, גענומען קוקן פון דרויסן, ממילא האָבן זיי מער קיין מעגלעכקייט ניט געהאט צו קענען אָביעקטיוו אָפּשאַצן דעם ווערט פון אַ טעטיקייט וואָס איר גאַנצער זינען ליגט בלויז אינם „אינווייניק".

עס איז איבעריק נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכן דעם יחידישן כאַראַק־טער פון קריסטנטום, וואָס איז אַזאַ עכט רעליגיעזער שטריך, וואָס איז אָבער פרעמד אין יידישקייט. די פּריוואַט־דערלייזונג, וואָס איז אַ הויפּט־מאָטיוו אין דער קריסטלעכער רעליגיע, פּאַסט זיך נאַטירלעך ניט אַריין אין דער כאַראַקטעריסטיש סאָציאַלער סכעמע וואָס יידישקייט שטעלט מיט זיך פאָר. איך וויל דאָ בלויז איבערגעבן אַ געדאַנק וואָס משה העס ברענגט ארויס אין זיין „רוים און ירושלים". ער ווייזט אָן אַז השערת הנפש איז אַן אידייע וואָס טויכט ניט אויף אין דער תנכישער ליטעראַטור ווייל זי איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט ווען יידן זענען נאָך געווען אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציע. אָבער שפּעטער, ווען די יידישע מלוכה איז אונטערגעגאנגען, און די האָפענונג אויף נאַציאָנאַלער אויפלעבונג האָט דורכגענומען דאָס פאָלק אין זיין טרויער, ערשט דעמאָלט איז גע־בוירן געוואָרן דער גלויבן אָז די פיזישע עקזיסטענץ וואָס מיר נעמען אויף מיט די חושים איז נאָך ניט דער סוף פון אלץ. דאָס איז אַ גלויבן וואָס זעט אויס צו האָבן אַ ריין פּריוואַטע ווענדונג „אָבער דער יידישער גלויבן אין אומשטערבלעכקייט קען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון נאַציאָנאַל־מענטשלעכן גלויבן אין משיח."

אָבער איידער דער דאָזיקער גלויבן איז אויפגעקומען, אָדער ביי די וואָס האָבן פון אים ניט געהאַלטן, ווייזט זיך אויך אַרויס דער פונדאַ־מענטאַלער חילוק צווישן דער ענדלעכקייט פון יחיד און דער אומענד־לעכקייט פון פאָלק. וואָרים:

„דעם מענטשנס יאָרן זענען געציילטע,
און די טעג פון ישראל זענען אָן אַ צאָל".

(בן סירא, ל"ז, 28).

אָט דאָס געפיל פון דער אומשטערבלעכקייט פון אַ היסטאָריש־געבונדענעם קאָלעקטיוו באַאַרבעט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן די אָנגע־העריקייט פון אַ יחיד צו אַזאַ סאָציאַלער סיסטעם. ממילא זענען די פּסיכישע איבערלעבענישן פון זיין אַ ייד לחלוטין פון אַן אַנדער סאָרט ווי די וואָס רעליגיעזע שותפות רופט אַרויס. דאָס איז אמת וועגן דעם

אָפּגעהיטענעם ירא שמים פּונקט ווי וועגן דעם אפּיקורוס, אויב זיי זענען נאָר בכלל איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן.

דערפֿון וועלן מיר שוין פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס די יידישקייט־סיסטעם שפּאַרט זיך אָן מיט איר גאַנצן כוח אויף דער אומפֿערזענלעכער מסורה — וואָס איז גאַרניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ רעליגיע; פֿאַרוואָס ר׳ יהודה הלוי שטרייכט דאָס אונטער אין זיין „כוזרי" מיט זיין גאַנצער רעזאָנירנדיקער קראַפֿט און ערודיציע. מיר וועלן אויך פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דער למדן, דער געלערנטער אין די „קליינע אותי׳עלעך" פֿון אַלע יידישע ווינקלען און יידישע צייטן, האָט אין דער יידישער געזעלשאַפֿט געשפּילט אַזאַ אומגעהייערע ראָלע. מען קען אָן שום גוזמא זאָגן אַז די יידישע וועלט איז ביז גאָר ניט לאַנג צוריק געווען די איינציקע וואו דיפֿערענציאַציעס אויפֿן סמך פֿון לומדות זענען געווען אַזוי באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש און אַזוי בולט.

די מסורה איז געווען דער קאָנסערווירנדיקער שטאָף וואָס איז אַזוי נייטיק געווען אין צעזייטן, פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿענעם יידישן פֿאָלק, און וואָס רייכער עס ווערן די אויסטייטשן פֿון דער מסורה אַלץ נייטיקער ווערט לומדות און אַלץ גרעסער מוז ווערן די אַכטונג וואָס דאָס פֿאָלק שענקט די לומדים. בלויז אין אַזאַ סביבה קען געבוירן ווערן דער געדאַנק אַז „מען טאָר ניט וואוינען אין אַ שטאָט וואו עס איז ניטאָ קיין מלמד פֿון קינדער", אָדער אַז „דער וואָס לערנט תורה מיט זיין חבר׳ס קינדער איז גליך ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע," אָדער אַז „אַ ממזר א תלמיד חכם שטייט העכער פֿון א כהן גדול אַן עם הארץ". די סטראַטי־פֿיקאַציע פֿון יידישע קהילות לויט דער מדרגה פֿון לומדות ציט זיך ווייט, ווייט אַריין אין מאָדערנער געשיכטע.

ממילא איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס די טערמינען פֿאַר די צענטראַלע פּונקטן פֿון קריסטלעכן לעבן זענען אַנדערש, זענען געבויט אויף אַ גאַנץ אַנדער לעבנס־ספֿערע, ווי ביי יידן. לכתחילה האָט זיך די קירך גערופֿן „עקלעזיאַ", וואָס איז אַ גריכישע איבערזעצונג פֿון העברייאישן עדה אדער קהל. דער דאָזיקער ריין וועלטלעכער נאָמען איז בלויז געבליבן אין פֿראַנצויזיש (l'Eglise) אין אַנדערע שפּראַכן, ווי אין ענגליש, דייטש, רוסיש אאז״וו, איז אָנגענומען געוואָרן דאָס וואָרט „קירך", פֿון גריכישן „קיריאַקאָן" — גאָטס הויז. אָדער, ווי אין פּויליש און רומעניש, עס ווערט באַנוצט א וואָרט וואָס באַצייכנט דאָס דרויסנדיקע אויסזען פֿון דער געביידע. ביי יידן איז אָבער אַלץ נאָך פֿאַראַן אַ בית הכנסת, אדער

סינאַגאָג, אַ פּלאַץ וואו דאָס פאָלק פאַרזאַמלט זיך צוליב געזעלשאַפטלעכע צוועקן. אַן אַנדער שאַטירונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן צענטער איז „בית המדרש", אַדער „שול", מיטן טראָפּ אויף די פונקציעס פון לערנען. ביי קריסטן איז דער פירער אַ פּאַבסט — פּאַטער, אָדער אַ בישאָף — אַן אינספּעקטאָר, אַכטונג־געבער. ער איז אויך אַ „פּריסטער" — אַן עלטסטער, אָדער אַ „פּאַסטאָר" — אַ פּאַסטוך, אַ פאַרזאָרגער פון זיין סטאַדע, אָדער אַ „מיניסטער" — אַ באַדינער וואָס פירט אויס באַפעלן. ביי אונדז איז ער אַ „רב", „רבי" — אַ לערער, אָדער אַ „דין" — דער וואָס פּסקנט לויט פאַראַנענע דינים, אָדער אַ „מורה הוראה" — דער וואָס ווייזט אָן אַנטשיידונגען. דער פונדאַמענט פון דעם אַלעם איז דאָס וואָס אין איין פאַל דאַרף מען איבערגעבן אַן „עוואַנגעליום" — אַ גוטע בשורה, און אין אַנדערן פאַל — אַ „תורה", אַ רעגולירטן און סאַנקציאָנירטן לעבנס־פיר.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס דאָס פאָלקסטימלעכע יידיש האָט ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיקן עקוויוואַלענט פאַרן צענטער פון קריסטלעכן לעבן. יידן פלעגן באַנוצן אַ פאַרעכטלעך וואָרט, ווי „תפלה" אַדער „טומאה", דערמיט האָבן זיי בלויז אויסגעדריקט געפילן, באַציאונגען. ווען עס איז ביטיק געוועזן אָנצורופן די אינסטיטוציע מיט אַן אַלגעמיינעם נאָמען האָבן זיי גענוצט דאָס וואָרט פון דער לאַנדשפּראַך — צערקווע, קאָסציאָל. זיי האָבן געפילט אַז אין יידישן לעבן איז ניט פאַראַן עפּעס וואָס האָט אַ פונדאַמענטאַלע ענלעכקייט צו אַזאַ מין אינסטיטוציע ממילא האָט זיך קיין שום עכט יידישער טערמין ניט געפּאַסט. יעדער איינער פון אונדז, ווי „וועלטלעך" ער זאָל ניט זיין, פילט אַז ווען אַ היינטיקער צעהיצטער אפּיקורוס רופט אָן דעם רב „יידישער פּאָפּ" אָדער „יידישער גלח", אָדער ווען ער רעדט וועגן אַ „יידישער קירך", זענען דאָס ווערטער פון זעלביקן קלאַס ווי „תפלה" און „טומאה", ווערטער וואָס ווילן אויסדריקן פאַראַכטונג צום טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, און ניט אַזעלכע וואָס זענען אויסן פּינקטלעכקייט פון טייטש און זינען.

מהאי טעמא, ווען אַ מענטש ווערט אַ קריסט איז ער אַ „פּראָזעליט", אַ „צוגעקומענער". ווען ער פאַרלאָזט דעם קריסטלעכן גלויבן איז ער אַן „אַפּאָסטאַט", אַן „אוועקגעגאַנגענער". קריסטנטום איז אַן אידעאָלאָגישע ריכטונג מיט פאַרמעלע סימנים וואָס מען קען צו זיי „צוקומען", מען קען אויך פון זיי „אוועקגיין". ביי יידן איז דער צוגעקומענער נאָך אַלץ אַ „גר", אַ פרעמדער, ווייל דאָרט וואו סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַר־

בינדונג־פּעדים זענען אַן עיקר, קען מען ניט ווערן קיין אייגענער דורך פאָרמעלע ריטואַלן. דער וואָס גייט אַוועק איז ניט קיין „אַוועקגייער" נאָר אַ „משומד" — מיט דער מורא'דיקער פּסיכישער אָנגעלאָדנקייט וואָס ליגט אין דעם וואָרט — עס איז אַן אַקט פון צעשטערן, פאַרטיליקן, אויסוואָרצלען אַ גאַנץ לעבן. היסטאָריש האָט זיך די יידישע טראַדיציע טאַקע געשאַפן אַ זייער בכבוד'ע אידעאָלאָגישע פּאָזיציע אין דער וועלט, אַ פּאָזיציע וואָס מאַנאָטעאיזם איז איר העכסטער מאָטיוו. אָבער ניט דאָס שעפּט אויס, ניט דאָס דערקלערט דעם צונויפהאַלט פון אונדזער לעבן, וואָס איז דער עיקר ניט אַ סיסטעם פון אידייען־פאַרבינדונגען, נאָר אַ לעבנס־סיסטעם פון אַ סאָציאַלן אָרגאַניזם.

5

היינטיקע צייטן זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס קוקן מיט ווידערווילן אויף יידישקייט ווייל זי איז אַ רעליגיע. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק זענען אין דייטשלאַנד געווען יידן וואָס האָבן אויך גערעדט מיט שנאה וועגן טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אָבער דערפאַר ווייל זי איז אין זייערע אויגן ניט קיין רעליגיע, אָדער ניט לויטער רעליגיע. איך האָב דאָ אין זינען די רעפאָרמער וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ „דייטש־יידישער קירך", וואָס האָבן געוואָלט טאַקע אַן אמת'ע יידישע רעליגיע, און האָבן באַשלאָסן צו באַשאַפן אַזאַ דורך „רעפאָרם", אָדער דורך אַ מין רייניקונג פּראָצעס דורך וועלכן עס דאַרף דורכגיין דער אַלטער יידישער שטייגער. דער דאָזיקער שטייגער, איז אויסגעקומען לויט זייער שיטה, דאַרף אַזוי לאַנג צעטיילט, געפּוצט, און געביטן ווערן ביז עס זאָל פון אים ניט בלייבן מער ווי אַ „יידישע רעליגיע".

איינער פון די טיפּישע פאָרשטייער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, האָלדהיים, האָט געהאַלטן אַז דער גייסטיקער אינהאַלט פון יידישן לעבן באַשטייט פון רעליגיעזע און מאָראַלע אידייען וואָס זענען אויף אַן אינטימען אופן פאַרקניפּט מיט פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע סענטימענטן. דאָס, אויב איר ווילט, קען זיין אַ גאַנץ ריכטיקער געדאַנק בתנאי מען זאָל אים ווי געהעריק קוואַליפיצירן. מען דאַרף פאַרשטיין אַז „רעליגיע", „מאָראַל", „פּאָליטיק" און „נאַציע", בעת זיי שטעלן צונויף איין קולטור־סיסטעם, זענען ניט קיין באַזונדערע חלקים וואָס מען קען אָפּטיילן איינעם פון אַנדערן און דערנאָך זאָל יעדער פון זיי נאָך אַלץ בלייבן דער זעלביקער וואָס ער איז געווען פריער. זיי זענען, אָדער קענען זיין,

באַזונדערע קאַטעגאָריעס אין דענקען, אָבער ניט קיין באַזונדערע טיילן וואָס מער קען זיי אוועקשטעלן און איבערשטעלן ווי מעבל אין אַ באַלאַ־באַטישקייט. מיר קענען, למשל, זאָגן אז דער נומער צען באַשטייט פון אַן איינס און אַ נול, בתנאי מיר זאָלן געדענקען אַז ווען דער נומער ווערט צעטיילט אויף צוויי באזונדערע חלקים, זענען שוין איינס און נול לחלוטין ניט די זעלביקע וואָס זיי זיינען געווען בעת זיי זענען געשטאַנען צוזאַמען און אין אַ געוויסער פאָרם, איין ציפער רעכטס און דער אַנדערער לינקס. וואָרים ווען מען צעטיילט די צוויי ציפערן ווערט פון דער נול אַ „גאָרניט", און די איינס, וואָס איז פריער געווען אַ טייל פון צען, איז איצט געוואָרן מיט גאַנצע ניין ווייניקער, כאָטש מען האָט פון איר אַוועקגענומען ניט מער ווי „גאָרניט". ווען איר וועט נעמען אַ גרויסן נומער, לאָמיר זאָגן פון זעקס ציפערן, און קוקן אויף זיי לויט זייער ווערט ווען זיי זענען אָפּגעזונדערט, וועט איר נאַטירלעך געבראַכט ווערן צו מורא'דיקע טעותן. זייער ענלעכע טעותן מאַכן מיר אַלע, טיילמאָל אפילו געשולטע פאָרשער, בעת מיר האָבן צו טאָן מיט לעבעדיקע פונק־ציעס. וואָרים מיר פאַרגעסן זיך אַז בעת מיר טראַכטן, למשל, וועגן אַ קולטור־סיסטעם אין טערמינען פון באַזונדערע קאַטעגאָריעס, דעמאָלט זענען די קאַטעגאָריעס אָפּגעזונדערט אין אונדזער געדאַנק, ניט אין דער סיסטעם. דער צונויפמיש צווישן באַזונדערע קאַטעגאָריעס פון אַבסטראַקטן געדאַנק און באזונדערע טיילן פון אַ קאָנקרעטער סיסטעם קען פירן צו זייער ערנסטע, אָפּט אויך צו גאַנץ קאָמישע פעלערן.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָלדהיים האָט געצויגן די פולע נוצן פונם דאָזיקן טעות. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן אַז נאַציאָנאַל זענען מיר דייטשן, קומט אויס אַז מיר דאַרפן אין יידישקייט בלויז אָננעמען דאָס וואָס האָט צו טאָן מיט רעליגיע. די מאָס פאַנאַנדערצוטיילן די דאָזיקע עלעמענטן האָט האָלדהיים פעסטגעשטעלט אויף אַ גאַנץ פשוטן אופן. ער האָט באַשלאָסן, ווי גרעץ דערקלערט, אַז „אַלע טעטיקייטן וואָס זענען אומבאַקוועם זענען נאַציאָנאַל און פּאָליטיש, און פאַרלאַנגט א געוויסע מאָס זעלבסט־פאַרלייקענונג, ווי בנוגע האַלטן שבת, די יידישע חתונה געזעצן, אפילו בנוגע זיך אויסלערנען העברייאיש, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן פון יידן, ווייל דאָס איז א נאַציאָנאַלער פאַרבינדונג־פאָדעם, און נאָך מער די נאַציאָנאַלע האָפענונג אויף משיחן".

אברהם גייגער, אַן אַנדער טיפּישער פאָרשטייער פון דער רעפאָרם באַוועגונג, איז אין זיין שנאה צו דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, טייל־

מאָל דערגאַנגען אַזוי ווייט ווי שטעלן זיך אויפן אַנטיסעמיטישן צד. גרעץ גיט איבער אַז גייגער „האָט בפירוש מודה געווען (אין דער צייט פון דמשק׳ער בלוט־בילבול) אַז די אַנטיסעמיטן זענען גערעכט וואָס זיי שרייבן צו מענטשן־פיינדלעכע אויסדרוקן צום תלמוד". ווען מיר דער־מאָנען זיך וואָסער פיינע אַנטיסעמיטישע קאָלעקציע מען קען געפינען ביי מאָדערנע יידישע אולטרא־ראַדיקאַלן, קענען מיר שוין פאַרשטיין וואָסער סכנה עס ליגט אין גאַנצן דרך פון צעטיילן יידישקייט אויף אַבסטראַקטע עלעמענטן, ניט רעכנענדיק זיך מיט די קאָנקרעטע צילן פון דער גאַנצער סיסטעם. וואָרים דער דאָזיקער דרך איז טיפּיש פאַר געוויסע מאָדערנע ראַדיקאַלן פונקט ווי פאַר געוויסע טעאָרעטיקער פון רעפאָרם.

די רעפאָרם־באַוועגונג איז געווען די ערשטע און איינציקע אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע — אויב מען זאָל ניט רעכענען די ערשטע קריסטן וועגן וועלכע מען ווייסט אזוי ווייניק — וואָס האָט זיך אונטער־גענומען צו שאַפן אַ יידישע רעליגיע, א רעליגיע אינם זינען ווי די גאַנצע מערב־וועלט איז געוואוינט דאָס וואָרט צו פאַרשטיין. איך האָב זיך אָפט געוואונדערט פאַרוואָס מיר, מזרח יידן — אפילו די גרעסטע אפיקורסים צווישן אונדז — פילן זיך אַזוי פרעמד, קאַלט און אָפּגעשטױסן אין אַ רעפאָרמירטן טעמפּל. אפילו די וואָס רעדן מיט התפעלות וועגן דער שיינקייט פון דער קריסטלעכער קירך, אין פאַרגלייך מיטן אָפּגעלאָזענעם אַלטן בית המדרש, ווערן אַנטוישט אינם רעפאָרמירטן טעמפּל. די שיינ־קייט פון דער ארכיטעקטור, דעקאָראַציע, די פיינע מוזיק, און דער אימ־פּאָנטער איינדרוק פונם שטילן רעליגיעזן אויפפיר, קען, ווייזט אויס, ניט פאַרגיטיגן די פאַרטרייבנדיקע קאַלטקייט וואָס אַ מזרח׳דיקער ייד דערפילט ווען ער קומט אַהין אַריין.

אָבער דער ענין ווערט קלאָר ווען מיר דערמאָנען זיך אַז דער טעמפּל איז אין אונדזערע מזרח׳דיקע אויגן ניט סתם אַ געבעט־הויז פון אַ רעליגיעזן קולט, נאָר אַזאַ וואָס וויל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ ברייטער גייסטיקער היים פון אַ פאָלק. מיט יענער היים זענען מיר אַלע אינטים באַקאַנט, און וואָס מיר זאָלן וועגן איר ניט טראַכטן, קען אָבער דער טעמפּל אין קיין שום זינען ניט זיין איר שטעל־פאַרטרעטער. דער אונטערשייד צווישן די צוויי איז פונקט ווי דער חילוק צווישן רעליגיע און פאָלקישער קולטור. אָבער רעליגיע, אַפילו ווען מען רופט

זי ייִדישע רעליגיע, איז אַ פרעמדער באַגריף סיי דעם ייִדישן אַפּיקורס, סיי — און אפשר נאָך מער — דעם פרומען ייִדן. וואָרים רעליגיעזע ווערטן — וואָס זענען נאַטירלעך פאַראַן לרוב, און מוזן זיין, אין טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבנס־שטייגער — ווען איר רייסט זיי אָפּ פונעם ברייטערן קאָנטעקסט פון ייִדישקייט, ווערן גאָר עפּעס אנדערש. עס ווערט דערפון עפּעס וואָס איז אונדז פרעמד, אָדער קאַריקאַטוריש, אָדער סתם עפּעס אַ זייטיקע צוטשעפּעניש וואָס האָט מיט ייִדן קיין שייכות ניט. אָדער ווי משה העס האָט דאָס כאַראַקטעריזירט: „זייער רעפאָרם האָט נאָר דעם נעגאַטיוון זיבגן פעסטצושטעלן דעם אומגלויבן אינעם נאַציאָנאַלן יסוד פון אונדזער רעליגיע”. זייער צוועק איז בלויז געווען צו רעפאָרמירן, צו מאָדערניזירן אַ פּאָזיטיוון יש אין אונדזער לעבן. אָבער דערמיט וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די הויפּט־צילן פון ייִדישקייט, און זיך געוואָלט באַנוגענען מיט די „רעליגיעזע עלעמענטן”, האָבן זיי אַלץ צעבראָכן. זיי האָבן, ווי העס באַמערקט ריכטיק, בלויז געשאַפן עפּעס נעגאַטיווס, עפּעס וואָס פאַרלייקנט דאָס פאַראַנענע, און באַשטעטיקט גאָרניט. די ייִדישע רעליגיע פון די רעפאָרמער, אויב זי פירט זיי ניט אַלעמען צו שמד, איז דאָס בלויז דערפאַר ווייל דאָס אַרומיקע לעבן דערלאָזט ניט אז ייִדן זאָלן באמת פאַרוואַרפן זייער ייִדישקייט אויפן גאַנצן שטח, אפילו ווען דאָס ווערט יאָ געטאָן אין טעמפּל. א ייִדישע רעליגיע, אין איר אָפּגעזונדערטער פאָרם, מוז ווערן פאַרקריסטלט, און פאַרלירן איר גאַנצן זכות הקיום. אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ א ייִדיש פאָלק אויף דער וועלט קען בלויז זיין אַ ייִדישע קולטור. פאַר אַ באַזונדער ייִדישער רעליגיע איז פּשוט קיין פּלאַץ ניטאָ אין דער קריסטלעכער וועלט.

ווי שוין באַמערקט איז דער טערמין „ייִדישע רעליגיע” אין פאָלקס־טימלעכן ייִדיש ניטאָ, דאָס וואָרט „רעליגיע” איז יאָ פאַראַן נאָר עס ווערט בלויז באַנוצט ווי אַ באַצייכענונג פון דער קריסטלעכער רעליגיעזער סיסטעם. ווען מען דערמאָנט זיך אַז דאָס ייִדיש־רעדנדיקע ייִדישע פאָלק איז אָנגעזאָפּט מיט אונדזער דייטש־פראַנצויזישער, און ניט מיט אונדזער ספרדישער ירושה, לאָזט זיך דאָס גאַנץ גוט דערקלערן. וואָרים די ערשטע האָט זיך קנאָפּ וואָס אָפּגעגעבן מיט טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, האָט געזען אין ייִדישקייט געגעבענע פאַקטן וואָס נייטיקן זיך ניט אין קיין לאָגישע סאַנקציעס. אַזאַ ייִדישקייט פילט אויס אין לעבן פון אַ פאָלק פונדאַמענטאַלע סאָציאָלאָגישע פונקציעס, וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן אויסשליסלעכער אמונה־סיסטעם. ממילא האָבן

זיי אין קריסטנטום און יידישקייט געזען צוויי אַנדערע דערשיינונגען וואָס קענען ניט איינגעשלאָסן ווערן אין איין באַגריף.

אָבער די וואָס האָבן אינטעלעקטועל זיך אויסגעלעבט אין „חכמת יון", אין גריכישער פילאָזאָפיע, צי דאָס איז געווען פילון פון אלעקסאנדריע צי דער רמב"ם, האָבן ממילא געמוזט זוכן דעם פונדאַמענט פון יידישן בנין אין מעטאַפיזישע און טעאָלאָגישע סאַנקציעס. וואָרים פאַר דער געבילדעטער וועלט פון יענער צייט איז בלויז אין יענע מקומות געלעגן דער קוואַל פון אַלע אַבסאָלוטע אמתן וואָס אַ מענטש מוז אָננעמען. אָבער ווען מען קוקט אויף יידישקייט און קריסטנטום ניט פון דער זייט פון זייערע פסיכישע און סאָציאַלע פונקציעס, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון ענדגילטיקע סאַנקציעס וואָס דאַרפן באַשטעטיקן די אַבסאָלוטקייט פון זייערע אמתן, דעמאָלט איז שוין פאַראַן אַ קלאָרע ענלעכקייט צווישן די צוויי, און איין באַגריף „רעליגיע" קען זיך שוין דעמאָלט פּאַסן פאַר ביידע.

דאָס איז אָבער זייער אַ פאַרפירערישער בליק, וואָרים אויף אַזאַ אופן קומט אויס אַז אויך פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, אָדער אַ קבוצה אין ארץ ישראל, איז רעליגיע, אויב די אָנהענגער פון אַזאַ לעבן וועלן דאָס דערקלערן מיט אַ „ווילן פון גאָט", אָדער ענלעכע ענדגילטיקע סאַנקציעס. פאַראַן רעליגיעס וואָס אין זייער שפּיץ שטייט ניט קיין גאָט, ווי למשל שינטאָ אָדער בודיזם. פאַראַן אַ גאָט, דער גאָט פון אָביעק־טיווער פילאָזאָפישער פאָרשונג, וואָס האָט ניט הינטער זיך קיין שום רעליגיעזן ריטואַל. דער כאַראַקטער פון ענדגילטיקע סאַנקציעס פאַר עטישע, עסטעטישע, פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע טעטיקייטן, בייט זיך מיט צייט, פּלאַץ, קולטור, און אלגעמיינער גייסטיקער אַטמאָספערע, אפילו ווען די טעטיקייטן גופא בלייבן ווי געווען. ניט אין דעם ליגן דעריבער די ענלעכקייטן אָדער אונטערשיידן פון קאַטעגאָריעס אויף וועלכע מענטש־לעכע אינסטיטוציעס ווערן באַזירט. דער הויפּט־חילוק ליגט אין סאָציאַלע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פונקציעס און צילן וואָס אַזעלכע סיסטעמען נעמען אַרום.

די אויפפאַסונג אַז יידישקייט איז אַ רעליגיע האָט אויך, ווי שוין באַמערקט, אַסך צו פאַרדאַנקען די מילאָלטערלעכע וויכוחים וואָס מען האָט אויף אונדז ארויפגעצוואונגען, און די פּאָלעמיק מיט קריסטלעכע געלערנטע וואָס מיר האָבן תמיד געדאַרפט פירן. אמת, אין די אַלע ראַנגלענישן האָבן מיר דער עיקר זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף נעגאַטיווע

פונקטן. מיר האָבן, למשל, געדאַרפט באַווייזן פאַרוואָס מיר גלייבן ניט אין דער דריי־אייניקייט, פאַרוואָס מיר האַלטן ניט אַז דער נוצרי איז אַ גאָט, פאַרוואָס מיר געפינען ניט אַז זיין קומען ווערט אָנגעזאָגט אין די כתבי קודש, פאַרוואָס עס איז ניט אמת אַז דער תלמוד איז פול מיט מענטשלעכער פאַראַדרבנקייט, אאז״וו. ממילא איז דאָס פאַקטיש געווען גיכער אַן איינשטעלן זיך פאַר עפּעס ניט, איידער פאַר עפּעס יאָ. אָבער שוין דער פאַרגלייך גופא האָט געצוואונגען אָנצונעמען „רעליגיע״ פאַר אַן אַלגעמיינער באַצייכענונג אי פאַר קריסטנטום, אי פאַר יידישקייט. שוין אין דעם אליין איז געלעגן אַן אומבאַמערקטער טעות אין אַלגעמיינעם איינדרוק אַז דער חילוק צווישן די צוויי איז בלויז אַ פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישער. שוין דאָס אַליין איז אַן אַרויפגעצוואונגענע קאָנצעסיע צום צד שכנגד, אַ קאָנצעסיע וואָס פאַרוואָלקנט דעם תמצית פון דער פּראָבלעם.

לעצטנס איז „יידישע רעליגיע״ געוואָרן אַ פאַרשפּרייטער אויסדרוק ביי די וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון וועלטלעכקייט. זיי האָבן דעם טערמין געדאַרפט האָבן ניט ווי עפּעס פאַרוואָס זיך איינצושטעלן נאָר ווי עפּעס פון וואָס זיך אָפּצוגרענעצן. נאָר אויב פריער, ביי די רעפאָרמער, האָט דאָס אין דער צעשפּאַלטונג צווישן „רעליגיעז״ און „נאַציאָנאַל״, געפירט צו סתירות, קאַריקאַטור און נאַציאָנאַלער אַנעמיע, האָט דאָס אין לעצטן פאַל, אין דער צעשפּאַלטונג צווישן „רעליגיעז״ און „וועלטלעך״, געפירט צו אַ טראַגעדיע וואָס איז אסך מורא׳דיקער סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרנעם.

6

די וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר וועלטלעכקייט האָבן אויך געפאָדערט אַז יידיש זאָל באַקומען אַן עפנטלעכע נאַציאָנאַלע אָנערקענונג ווי אונדזער שפּראַך. יידיש און וועלטלעך זענען אויף אַזאַ׳ן אופן געוואָרן די לאָזונגען פון אַ באַוועגונג. מען קען באַין אופן ניט זאָגן אַז די דאָזיקע צוויי לאָזונגען זענען לאָגיש געבונדן צווישן זיך. וואָרים יעדע פון זיי איז אַנדערש לויט איר מהות, און זיי שטעלן זיך אויך אַנדערע צילן. וועלטלעכקייט איז דאָך קודם כל אַ נעגאַטיווער באַגריף, אַן אָפּזאָגן זיך פון די אַלטע יידישע לעבנס־פאָרמען וואָס די אַזוי־גערופענע „יידישע רעליגיע״ האָט אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען. יידיש איז שוין אַ פּאָזיטיווער ענין סיי אין פּרט פון עפנטלעכער אָנערקענונג, סיי בנוגע פאַר־

שפּרייטן און שאַפן אַלץ וואָס קען אויסגעדריקט ווערן אין שפּראַך. דער ציל פון וועלטלעכקייט איז צו באַזייטיקן פון יידישן לעבן עפּעס וואָס ווערט באַטראַכט פאַר שלעכט, צו מאָדערניזירן, צו „מאַכן מיט לייטן גלייך". עס איז, הייסט עס, אַן אַלגעמיין מענטשלעכער ציל, ניט קיין ספּעציפיש יידישער. אָבער דער ציל פון יידיש איז נאַציאָנאַלער אויס־דרוק, נאַציאָנאַלער אינהאַלט, אפילו ווען מען זאָגט דאָס מיט די זייער פאַרדעכטיק־שעמעוודיקע רייד: „ווייל די יידישע מאַסן רעדן יידיש."

אויף אַזוי ווייט איז באמת ניט פאַראַן קיין דירעקטע שייכות צווישן די צוויי לאָזונגען, כאָטש זיי ווערן אַזוי אָפט געשריבן און אַרויסגערעדט צוזאַמען עפּעס ווי זיי וואָלטן געווען אַ באַגריפלעכע איינס. עס איז אָבער דאָך פאַראַן צווישן זיי אַ מין סאָציאַל־מעדיצינישע שייכות. איינע וויל געזונט מאַכן דאָס וואָס די צווייטע שוואַכט אָפּ. אויב מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער יידישער רעליגיע, טאָ וואָס זשע בלייבט? איז דער תירוץ: יידיש. אָט ווי דר. זשיטלאָווסקי דריקט דאָס אויס: „אויב ניט דער רעליגיעזער גלויבן, און ניט דער אָדער יענער גייסטיקער אינהאַלט, קאָן אונדז געבן דעם מאַטעריאַל פאַר די פּסיכישע פעדים וואָס בינדן אונדז אַלעמען אין איין נאַציאָנאַלער איינס איבער גאַר דער וועלט, בלייבט נאָר איין איינציקער מאַטעריאַל פון וועלכן יענע פּסיכישע באַהעפט־פעדים קאָנען געשפּונען ווערן, דאָס איז די אייגענע שפּראַך. נאָר זי בינדט אַלעמען צונויף אין איין איינס, און לאָזט יעדן איינעם פריי אויס־צולעבן זיך אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער רעליגיעזן אָדער אידייאיש־וועלטלעכן גייסט.

„אָט פאַרוואָס די שפּראַכן־פראַגע, די פּראָבלעם פון דער אַלגעמיין נאַציאָנאַלער פאָרם, איז געוואָרן די צענטראַלסטע פּראָבלעם פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אונדזער פרייער קולטורעלער אַנטוויקלונג" („טאָג", 28טן נאָוו. 1937).

מיר זעען אויך פון די דאָזיקע רייד אַז וועלטלעכקייט דאַרף ניט באַ־טראַכטן די יידישע רעליגיע פאַר עפּעס וואָס איז שלעכט, זי דאַרף בלויז ניט דערלאָזן אַז רעליגיעזער גלויבן זאָל געהאַלטן ווערן ווי אַ תנאי מוקדם אויף צו זיין אַ ייד, רעליגיע דאַרף געהאַלטן ווערן בלויז אין ראַמען פון פּריוואַטקייט. דאָס איז אָבער בלויז זשיטלאָווסקיס פּערזענ־לעכע ברייטע שטעלונג צו דעם ענין. די באַוועגונג וואָס האָט געזעגלט אונטער „יידיש" און „וועלטלעך" האָט אַנדערש געטראַכט און אַנדערש געהאַנדלט. ווי עס זאָל ניט זיין, איז בעסער ניט צו פאַרמישן די צוויי

באַגריפן, וואָס האָבן אינערלעך אַ קנאַפּע שייכות איינער מיטן צווייטן. לאָמיר אַנאַליזירן יעדן פון זיי באַזונדער.

וועלטלעכקייט אָדער סעקולאַריזם, האָט אין דער קריסטלעכער וועלט שוין אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע הינטער זיך. פילאָזאָפיש ליגט שוין דער דאָזיקער געדאַנק אין די מיטאַלטערלעכע וויכוחים צווישן די רעאַליסטן און די נאָמינאַליסטן. די לעצטע האָבן געהאַלטן אַז עס דאַרף געצויגן ווערן אַ ליניע צווישן דעם סאָרט וויסן וואָס קען דערגרייכט ווערן מיטן מענטשלעכן שכל און יענעם סאָרט וואָס איז געבויט אויף אמונה און איז זיך סומך אויף קירכלעכער אויטאָריטעט. אויף אַזוי ווייט איז סעקולאַריזם אַ שטרעבונג צו שאַפן אַ באַזונדער ספערע פון מענטשלעכן וויסן וואָס גרענעצט זיך אָפּ פון די הנחות וואָס זענען געבויט אויף איבערנאַטיר־לעכקייט, אויף הוילער גלויביקייט.

שפּעטער באַקומט וועלטלעכקייט אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. מיט דער קאָנסאָלידירונג פון שטאָטן און אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען צווישן אומאָפּהענגיקע מלוכות ווערט אַרויסגערופן דער צונויפשטויס צווישן דער אויבערהערשאַפט פון דער קירך און דער מלוכה בנוגע ריין שטאַטלעכע ענינים. די וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר וועלטלעכקייט האָבן געפאָ־דערט אַז אין אַזעלכע ענינים זאָל די מלוכה האָבן די איינציקע און לעצטע דעה. דער וועלטלעכער צד איז דורכויס באַשטאַנען פון רעלי־גיעזע מענטשן. דער קאַמף איז אין דער אמתן גאָרניט געווען וועגן רעליגיע און עיקרים פון אמונה, עס האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן דער אָרגאַניזירטער קירך ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער צענטער פון פּאָ־ליטישער מאַכט.

דר. זשיטלאָווסקיס באַגריף פון וועלטלעכקייט פאַרבינדט זיך דירעקט מיטן פילאָזאָפישן און פּאָליטישן סעקולאַריזם פון דער קריסטלעכער וועלט, מיט יענעם סעקולאַריזם וואָס איז געבוירן געוואָרן אונטער ספּע־ציעלע לעבנס־תנאים פון די קריסטלעכע פעלקער, און געשטרעבט צו צילן וואָס די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, און סאָציאַלע באַדינגונגען פון די קריסטלעכע שטאָטן האָבן אַרויסגערופן. אָבער וועלטלעכקייט ווי אַ באַוועגונג האָט זיך ביי אונדז ניט באַנוגנט מיט דעם וואָס זי איז פון פרעמדן אָפּשטאַם, און לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צו אונדזערע באַדינגונגען, זי איז געגאַנגען אַביסל ווייטער. זי האָט אָנגענומען די גאַנצע ירושה וואָס די מיליטאַנטישע וועלטלעכקייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט אונדז געלאָזן.

אין אָנהייב פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זענען פאָרשטייער פון דער קאַטוילישער קירך געווען שטאַרק פאַרטראַטן אין נייעם רעזשים. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז רעליגיע, ווי אַלע אינסטיטוציעס אין פראַנקרייך, דאַרף דינען נאַציאָנאַלע צילן. עס איז געקומען אַזוי ווייט אַז דער בישאָף טאַלעיראַן האָט זיך פאַראייניקט מיט מיראַבאָן אין 1789 צו קאָנפיסקירן די אומגעהייערע רייכטימער פון דער קירך לטובת דעם שטאַט.

דער דאָזיקער ריין פּאָליטישער סעקולאַריזם איז אָבער באַלד פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער פילאָזאָפישער וועלטלעכקייט פון די יאַקאָבינער. דאָ האָט זיך שוין ניט געהאַנדלט וועגן „רעליגיע — אַ פּריוואַט זאַך", נאָר אין דעם אַז פּאָליטיש איז רעליגיע אַ שונא פון פאָלק, און פילאָזאָפיש — אַ געמיש פון נאַרישע גלויבנס און אַבערגלויבנס וואָס זענען שעדלעך. עס איז נאַטירלעך אַז אין אַ רעוואָלוציע וואו אַלץ שטייט אונטער אַ חשד זאָל אויך וועלטלעכקייט, די אָפיציעלע שטעלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט, אָננעמען אַ פאַרביסענעם קעמפערישן כאַראַקטער, און דערקלערן רעליגיע ווי איר היפוך וואָס מען דאַרף אויסראָטן, ווייל קיין שלום צווישן די צוויי איז בכלל ניט מעגלעך.

אין נאָוועמבער 1793 זענען אַרום דריטהאַלבן טויזנט קירכן — צווישן זיי אויך דער באַרימטער קאַטעדראַל „נאָטרדאַם" — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „טעמפּלען פון שכל", און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויזאַמער טעראָר קעגן אַלע וואָס זענען געווען דירעקט אָדער אומדירעקט פאַרבונדן מיט רעליגיעזע אינסטיטוציעס. דער אָנגעגעבענער טעם דערפון — און דאָס וויל איך אונטערשטרייכן אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך — איז געווען דער עיקר פון פּאָליטישן כאַראַקטער. די יאַקאָבינער האָבן געהאַלטן אַז רעליגיע, אין דעם פאַל די קאַטוילישע קירך, איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אונטער אויסלענדישער קאָנטראָל. מיר, וואָס אין אונדזערע צייטן איז פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער געשיכטע, קענען זיך לייכט משער זיין וואָס דאָס באַטייט. וואָרים אויב בנוגע „קאָנטער־רעוואָלוציע", קען עס זיין א פראַגע פון אויסטייטש, איז אָבער דער פּונקט פון אויסלענדישער קאָנטראָל שוין זיכער ניט קיין פּוסטער חשד ווען עס קומט צו דער קאַטוילישער קירך.

דער אוניווערסאַליזם פון דער קריסטלעכער רעליגיע האָט זיך שלעכט אַריינגעפּאַסט אינעם געמיט־צושטאַנד פונעם אויפגעוואַכטן, מיליטאַנטישן נאַציאָנאַליזם. וואָס מער מיר קוקן זיך צו צו די כסדר׳דיקע פאַרוועלט־לעכונג־פּראָצעסן פון מאָדערנע שטאַטן, אַלץ מער באַמערקן מיר אַז אין

זיי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער פּסיכאָלאָגישער און פּאָליטישער צונויפשטויס צווישן דער שטרעמונג צו פולער נאַציאָנאַלער סוּווערעניטעט און דער אָריענטאַציע פון דער קריסטלעכער רעליגיע וואָס קילט אָפּ די דאָזיקע שטרעבונג מיט איר „דרויסנדיקייט". אמת, זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אויך די פילאָזאָפישע אָפּאָזיציע צו רעליגיע געוואָרן אַ מאַסן־דערשיינונג. מען האָט גענומען אונטערשטרייכן ווי נידעריק אמונה איז לגבי וויסנשאַפט, ד"ה, מען האָט ביידע אוועקגעשטעלט אויף איין ליניע פון „נידעריקער" און „העכער". מען האָט מיט זיכערער נאַאיווקייט געזוכט פעסטצושטעלן אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי ריינע איבערצייגונג וואָס האָט ניט קיין שמץ פון גלויבן אין זיך. אָבער דאָס זענען אַלץ געווען טעאָרעטישע נאָכשלעפּעניש פון אַ גאַנץ פּראַקטישן ענין.

אין ענגלאַנד האָט די דאָזיקע ירושה זיך אויסגעדריקט אויף אַ מער־באַטראַכטן פילאָזאָפישן אופן. דאָרט האָט דער איינפלוס פון די אוטיליטאַריסטן געפירט צו דער שפּעטערדיקער סעקולאַריסטישער באַוועגונג אונטער דער פירערשאַפט פון אַזעלכע מענטשן ווי האָליאָוק און ברעדלאָ. אין דייטשלאַנד האָט זיך סעקולאַריזם אויסגעדריקט אין אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו די רעזולטאַטן פון עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט. אין פראַנקרייך האָט די רעוואָלוציע אונטערגעשטראָכן דעם פּאָליטישן אינהאַלט פונעם קאָנפליקט. אָבער סיי אין די דאָזיקע לענדער, סיי אין אַלע אַנדערע לענדער פון מערב אייראָפּע און אַמעריקע האָט זיך תמיד אַרויסגעריסן די ריין פּראַקטישע זייט פון דער פּראָבלעם. אומעטום האָבן זיך געפונען אין וועלטלעכקייט־צד קירך־מיטגלידער, און בכלל געטרייע, ערלעכע און אויפריכטיקע רעליגיעזע מענטשן. עס וועט זיין גענוג דאָס צו אילוסטרירן מיט איינעם פון זייער אַ גרויסער צאָל היסטאָרישע פאַקטן. יאָזעף דער צווייטער (מאַריע טערעזעס זון), אַליין אַ פרומער קאַטאָליק, האָט אין זיין מלוכה געשלאָסן 600 מאָנאַסטירן, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע איז שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון דער מלוכה. צוליב דעם איז אין עסטרייך פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל מאָנאַכן אויף מער ווי אַ העלפט (פון 63,000 אויף 27,000). דאָס האָט אים נאַטירלעך געבראַכט צו אויפרודערנדיקע קאָנפליקטן מיט גייסטלעכע און נאָבל־לייט, קאָנפליקטן צווישן אמת'ער וועלטלעכקייט און אמת'ער רעליגיע, כאָטש ביידע צדדים האָבן, פון שטאַנדפּונקט פון פערזענלעכע איבערצייגונגען און פערזענלעכן אויפפיר, געהערט צום רעליגיעזן לאַגער.

אפילו אין פראנקרייך איז ראַבעספּיער אליין געווען אַ דעאיסט, און האָט זיך גאַנץ גוט באַפרידיקט מיט אַ מאָדערניזירטער פּראָנצויזישער רעליגיע. און ניט בלויז זיך באַפרידיקט, נאָר אַקטיוו געקעמפט קעגן אַטעאיסטן, זיי געשיקט צו דער גיליאָטינע, ווייל „אַטעאיזם איז אַריסטאָ־קראַטיש". דער ביטערסטער קאַמף אַנטקעגן קאַטאָליציזם אין איראָפּע איז דאָך געפירט געוואָרן פון רעליגיע, אין נאָמען פון רעליגיעזע דאָג־מעס, ניט פון פאַרשפּיצטער וועלטלעכקייט, פון „וויסנשאפט קעגן אמונה", די קריסטלעכע רעליגיע האָט אין איר סאַמע ערשטער פאָרם אויסגעדריקט איר כוונה. איר נאָמען איז קאַטאָליציזם — אלגעמיין, אוניווערסאַל, און גראָד דאָס וואָס איז לכתחילה געווען אַזאַ עטישע דערהייבונג, האָט זיך קאָנקרעטיזירט אין אָרגאַניזירטע פאָרמען וואָס גייען להיפוך צו אַסך אינטערעסן פון אַ נאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטער מלוכה.

מען קען גלייך איינזען אַז דער קריסטלעכער באַגריף פון וועלטלעכ־קייט האָט אין יידישן לעבן פשוט קיין זינען ניט. פּאָליטישע וועלט־לעכקייט אין דער יידישער וועלט וואָלט געווען אַ וואָרט אָן שום אינ־האַלט. וואָרים אויב אפילו מען זאָל אָננעמען אַז יידישקייט איז אַ רעליגיע, איז זי אָבער תמיד געווען אַזוי אינערלעך נאַציאָנאַל, אַזוי ליידנשאַפטלעך נאַציאָנאַל, אַזוי פּאַטעטיש צונויפגעוואַקסן מיטן צער און דער פרייד פון פאָלק, אַז דער מאָטיוו פון „דרויסנדיקייט", וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע ביי די קריסטלעכע פעלקער, קען דאָ ניט גילטן. נאָך מער, מען קען האָבן די פאַרשיידנסטע מיינונגען וועגן דער ראָלע פון יידישער טראַדיציע אין דער יידישער געשיכטע. אָבער אפילו דער ווילדסטער שונא פון רעליגיע וואָלט נאָך דערצו געדאַרפט אין גאַנצן פאַרלירן דעם געזונטן שכל ווען ער זאָל וועלן אָפּלייקענען די אומגעהייערע ראָלע פון אָט דער טראַדיציע, און פון דער יידישער גייסטלעכקייט, אין באַוואָרענען און פאַרשטאַרקן דעם קיום פון פאָלק אין דער טראַגישער צייט פון גלות.

לאָמיר אויך געדענקען אַז פּאָליטישע וועלטלעכקייט איז דאָך ניט קיין קאַמף אַנטקעגן רעליגיע נאָר אַנטקעגן איר אָרגאַניזירטער פּאָליטי־שער מאַכט. איז אָבער ביי יידן ניט געווען און ניטאָ קיין קירכלעכע היעראַרכיע מיט פּאָליטישע אמביציעס פון דירעקטער, אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָנטראָל. ביי אונדז האָבן תמיד געשפּילט אַ ראָלע כלל־טוער און אָרגאַניזירטע חברות וואָס זענען געווען אומאָפּהענגיק, און עס זענען ניט געווען ביי אונדז קיין סינאָדן, קיין בישאָפן און קיין פּאַבסט, וואָס נעמען

דין וחשבון פון די אַלע טעטיקייטן, באַשטימען וואָס קומט פריער און וואָס שפּעטער לויט ריין קירכלעכע באַדערפעניש, און באַזעצן אַמטן מיט זייערע פאַרטרעטער און פאַרשטייער.

יידן זענען ווי אַ כלל געווען פרום, זיך געפירט יידישלעך, אָבער אַנטקעגן דעם קען דאָך די פּאָליטישע וועלטלעכקייט זיכער קיין טענות ניט האָבן. אין אַמעריקע זענען פאַראַן וועלטלעכע שולן, אָבער דאָס רוב לערער זענען רעליגיעזע מענטשן. אונדזער קאָנגרעס עפנט זיך מיט אַ תפילה פון אַ גייסטלעכן, אויף אונדזער געלט שטייט אויפגעשריבן „מיר האָבן בטחון אין גאָט." אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט וואָלט מסתמא קיינמאָל ניט אויסגעקליבן געוואָרן ווען ער זאָל זיין אַן עפנטלעכער אַטעאיסט. אָבער ווער וועט צוליב דעם זאָגן אַז די קירך באַשטימט אמעריקאַנער פּאָליטיק?

אונדזערע רבנים האָבן אָפט באַקעמפט פאַרשיידענע באַוועגונגען, אָבער ניט דערפאַר ווייל ס'האָט עמיצער געוואָלט פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין דער יידישער געזעלשאַפט, אָט ווי מיר געפינען דאָס אין די קריסט־לעכע רעליגיעזע מלחמות. די שבתי־צביניקעס האָבן זיך אַזעלכע צילן ניט געשטעלט. די חסידים האָבן זיך אַזעלכע צילן ניט געשטעלט. איצט זענען פאַראַן גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, ציוניזם, למשל, וואָס טייל פרומע יידן באַקעמפן, ווייל עס שמעקט מיט אפיקורסות, אַנדערע פרומע יידן זענען מסכים, אָבער עס איז ניטאָ קיין פּראָבלעם פון אַן אָרגאַניזירטער קירך מיט פּאָליטישע אַמביציעס. פרומע יידן, פּונקט ווי רבנים, ווילן נאַטירלעך באַאיינפלוסן דעם דרך פון יידישן לעבן. דאָס איז ניט בלויז זייער רעכט ווי יידן, ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק, נאָר דאָס איז טאַקע די פונקציע פון זייער יידישקייט, פּונקט ווי פון יעדן סאָרט יידישקייט. בלויז אַ רעליגיע קען בלייבן נייטראַל צו גרויסע נאַציאָנאַלע ענינים, ווי איך האָב דאָס פריער אָנגעוויזן אין שייכות צו דער שטעלונג פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך אין איצטיקן נאַצי־דייטשלאַנד. אַ קולטור, אַ לעבנס־שטייגער, אַ יידישקייט, האָט בלויז דעמאָלט אַ זינען ווען עס ווערט אויפגעפאַסט ווי דער גייסטיקער אויסדרוק פון גאַנצן לעבן פון אַ באַשטימטן סאָציאַלן אָרגאַניזם. אַ נייטראַלע שטעלונג איז מעגלעך ווען די פאַרבונדנקייט ווערט אויפגעפאַסט ווי אַזאַ וואָס האָט בלויז אַ שייכות צו די באַזונדערע מענטשן פון פאָלק, און נעמט אַרום בלויז געוויסע מאָמענטן פון פּסיכישע איבערלעבעניש. אָבער דאָס איז דאָך אַ רעליגיע, און יידישקייט איז אין דער ערשטער שורה אַ פאָלקישע אידייע, אַ שטייגערשער באַגריף — ער מעג אפילו אויסדריקן די אַלגעמיינסטע און

אוניווערסאַלסטע אלמענטשלעכע אידעאַלן — בקיצור, יידישקייט איז יידישקייט.

זיכער קען ביי אונדז ניט זיין קיין פּאָליטישע וועלטלעכקייט וואָס איז שטאַרק מקנא אונדזער רעליגיע צוליב די רייכע לענדערייען, גרויסע מאַיאָנטקעס, און ריזיקע אוצרות וואָס זי פאַרמאָגט. ניטאָ כמעט וואָס צו קאָנפיסקירן, און דאָס וואָס איז דאָ איז אייגנטלעך תמיד געווען נאַציאָ־נאַליזירט. דאָס פאָלק, ניט דער רב, און ניט קיין רבנים אָרגאַניזאַציע, האָט פאַרמאָגט שולן און בתי מדרשים. דאָס פאָלק, ניט דער רב, און ניט קיין רבנים אָרגאַניזאַציע, איז געווען דער משגיח איבער די קאָסעס פון ביקור חולים, הכנסת כלה, לינת הצדק, אאז״וו. יעדער איינער וואָס קומט אויף אַ יידישער פּלאַטפאָרם אין נאָמען פון פּאָליטישער וועלטלעכקייט איז דעריבער געצוואונגען אויסצוטראַכטן פון קאָפּ אַ יידיש לעבן כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „נהיה ככל הגוים״, אָדער ער מאָלט פּשוט אויס אַ פרעמד לעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג. ווען מען רעדט וועגן אַ „יידישן קלער״, האָבנדיק אין זינען רבנים און כלי קודש, איז דאָס אַ לעכערלעכע פּאָלסיפיקאַציע פונם טייטש פון ווערטער. דער אויס־דרוק „יידישער קלעריקאַליזם״ דערמאָנט מיך אָן אַ שטאָך וואָס אַן איראָפּייאישער נייעס־שרייבער האָט אַמאָל געגעבן דעם „אַמעריקאַנער מיליטאַריזם״ צוליב עפּעס אַ ידיעה וועגן דער „סאַלוועישאָן אַרמי״.

דער פאַקט וואָס אין ראַדיקאַלן פליגל האָט מען פאַרט גערעדט אין טערמינען פון פּאָליטישער וועלטלעכקייט, אָנגעווענדט אויפן יידישן לעבן, דאָס דאַרף אונדז פונדעסטוועגן ניט חידושן. נאָך ווייניקער דאַרף דאָס אונדז חידושן ווען מיר דערמאָנען זיך אַז אין די לעצטע יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָס אויפן שאַרפסטן אופן געטאָן געוואָרן פון די אַנאַליטיקער פון יידישן לעבן אין סאָוויעטן פאַרבאַנד, אָדער בכלל פון די וואָס זענען געווען אונטערן באָלשעוויסטישן איינפלוס. דאָרט וואו די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּראַך־פראַגע, און וואו מען נייטיקט זיך אַז אַלע זאָלן וואָס מער זיין פון איין שניט, אין אַזאַ סביבה ווערט אָפּגעטייט דער חוש פאַר נאַציאָנאַלע אַנדערשקייטן. לכתחילה פילט מען זיך געצוואונגען דאָס ניט אונטערצושטרייכן, דערנאָך ווערט מען שוין בלינד דערצו אפילו ווען עס וואַרפט זיך אין די אויגן. אחוץ דעם, פאַרטיי־אידיאָלאָגן, אָדער די וואָס שטייען נאָענט צו זיי, האָבן אַ שטאַרקן יצר הרע צו זען די זעלביקע דערשיינונגען אומעטום גלייך, כדי זיי זאָלן אויף אַלע גלייך קענען אָנווענדן דיזעלביקע „געזעצן״, כדי

זיי זאָלן ניט מבולבול ווערן פון עפּעס א „קול דממה דקה” אַז ס'איז שווער צו זיין גלייך־ליניק און אָרטאָדאָקסיש ביים אַנאַליזירן סאָציאַלע, דערשיינונגען.

ביי אַזעלכע ווערט ביסלעכווייז פאַרלוירן דער חוש פאַר די רעאַלע פּרטים פון סאָציאַלע סיסטעמען; זיי ווערן דער עיקר פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן דאָגמאַטישע עיקרים, ממילא קענען זיי מער ניט איינזען די נייטיקייט פאַר דיפערענציאַלע צעגלידערונגען פון ספּעציפישע דערשיינונגען. עס באַקומט זיך ביי זיי דער איינדרוק אַז געשעענישן קריגן דעם אויסזען פון זיכערער רעאַליטעט אויב עס געלינגט זיי אריינצופּאַסן אין דער האַרטער ראַם פון פאָרויס־באַשטימטע הנחות. אויב זיי זענען נאָך דערצו ראַדיקאַלע יידן האָבן זיי סתם מורא פאַרן געדאַנק פון יידישער אַנדערשקייט, ווייל דאָס קען נאָך חס ושלום פירן צו שאָוועניזם. כאָטש פון אַ ריין אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט וואָלט געדאַרפט זיין דער גרעסטער חידוש ווען די ספּעציפישע תנאים פון גאַנצן יידישן היסטאָרישן לעבן זאָלן ניט אַרויסברענגען קיין ספּעציפישע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע מאַניפעסטאַציעס וואָס נייטיקן זיך אין גאָר אַנדערע הנחות זיי צו פאַרשטיין.

מילא, אַזוי זעט עס אויס ווען מען קומט מיט פּאָליטיש־וועלטלעכע טענות צום יידישן לעבן. די לאַגע איז אָבער אַ האָר ניט בעסער אויף דער פילאָזאָפישער זייט, אין אַ געווויסן זינען נאָך אַסך ערגער.

ביי די מערב'דיקע אומות העולם איז דער דאָזיקער סאָרט וועלטלעכקייט פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דענקען. דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ האָט באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זיין אפּיקורסות. גאַלילעי איז געלעגן אין חרם, געזעסן אין תפיסה, מען האָט אַרויסגעצוואונגען פון אים די געהעריקע ווידוי'ס, אַלץ צוליב זיינע וויסנשאַפטלעכע געדאַנקען. יעדער אוניווערזיטעט איז קאָנטראָלירט געוואָרן פונם טעאָלאָגישן פאַקולטעט, און די גרעסטע וויסנשאַפטלער האָבן ניט געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט זיי כדי זיי זאָלן קענען אָפּהיטן זייער אינטעלעקטועלע פרייהייט. אַזעלכע ריזן פון דער וויסנשאַפט ווי טיכאָ בראַהע, הייגענס, בויל, האַרווי, לייבניץ, ניוטאָן, און אַנדערע פון ניט קלענערן קאַליבער, האָבן ניט פאַרנומען קיין אוניווערזיטעט־קאַטעדרעס. זיי זענען געווען אַנגעשטעלטע ביי דער קרוין ווייל זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן קירכלעכע קאָנטראָל, כאָטש זיי זענען אַלע געווען רעליגיעזע מענטשן.

דאָ איז דעריבער וועלטלעכקייט געווען זייער אַ פּראַקטישער ענין אַפילו אין ריין אינטעלעקטועלן ווינקל. דאָס האָט אין באַשטימטע גע־זעלשאַפטלאַכע טעטיקייט געוואָלט ווערן אומאָפּהענגיק פריי, און ניט ווערן באַצוואָונגען פון אַ צווייטער טעטיקייט, דער רעליגיעזער. וועלטלעכקייט איז געווען דער נאָמען פאַר אַ גרויסער וויכטיקער אַרבעט וואָס איז סיי ווי אָנגעגאַנגען, און האָט געפאָדערט פאַר זיך „אַ פּלאַץ אין דער זון״. ווען מיר מעסטן דאָס אָן אויף יידן זעט מען גלייך ווי עס הינקט און עס שטאָמלט פון אַלע זייטן. ביי אונדז זענען ניט געווען קיין אוניווער־זיטעטן, ממילא האָבן ניט געקענט זיך קיין טעאָלאָגישע פאַקולטעטן וואָס זאָלן אַלץ באַהערשן. בלויז אונדזערע דענקער פון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ האָבן זיך פאַרנומען מיט אַזעלכע פראַגן. איז זיי אויך סוף כל סוף קיין בייז ניט געשען. אין אַנדערע לענדער, ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, האָט דאָס סאַמע אָפּגעבן זיך מיט לימודים חצוניים באַטייט אַז מען גייט אַוועק פון פאָלק. עס מאַכט שוין ניט אויס וואָסער בליק מען האָט פאַרטראָטן, דאָס עצם פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע האָט אוועקגעטריבן אויף יענער זייט גרענעץ. אויף אַן עקסטרעמען אופן דריקט זיך דאָס אויס אין די ביטערע טענות פונם מהרש״ל קעגן זיין קרוב און חבר, דעם רמ״א (פוילן, 16טע יאָרהונדערט). דער רמ״א איז געווען אַ קינד פון זיין צייט, אָפּגעהיט פרום ביזן לעצטן פּינטעלע, אָבער אים האָט אימפּאָנירט די ראַציאָנאַליסטישע שיטה פון רמב״ם, און ער האָט אין געוויסע מיינונגען זיך סומך געווען אויף אריס־טאָטעלן. דאָס האָט דעם מהרש״ל אריינגעבראַכט אין שרעקלעכן כעס. ווי מעג אַזאַ גאון הדור זיך שטיצן אויף ניט־יידישע אויטאָריטעטן?

עס איז נאַטירלעך אַז דער אומגליקלעכער ספּינאָזאַ־פאַל זאָל גלייך ארויפקומען אויפן זיכרון. דאָ זענען אָבער פאַראַן עטלעכע פונקטן וואָס מען דאַרף תמיד האַלטן אין געדאַנק. ראשית, איז בכלל ניט גערעכט צו ברענגען ביישפּילן פון איינצלנע פאַלן ווען מען רעדט וועגן דעם סאָציאַלן אויסזען פון אַ געזעלשאַפט. שנית, ספּינאָזאַ האָט נאָך אַ שטיק צייט פאַרן חרם זיך אָפּגעטיילט פון יידישן לעבן. זיין פילאָזאָפישער דרך איז ניט געווען קיין באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע אידיאָלאָגיע ביי יידן, נאָר אַ פּערזענלעכער אָפּנייג. אין יענער צייט האָט אַזאַ גאַנג אַרויסגערופן די באַרעכטיקטע מורא אז דאָס קען פירן צו אינערלעכן פאַנאַנדערפאַל. דריטנס — און דאָס וויל איך אונטערשטרייכן — איך באַריר דאָ ניט די פראַגע וועגן אַלגעמיינער טאָלעראַנץ. איך האָב

לחלוטין ניט בדעה צו זאָגן אַז מאַסן־האַנדלונגען ביי יידן ווייזן אַרויס מער טאָלעראַנץ ווי ענלעכע האַנדלונגען ביי אַנדערע פעלקער. איך וויל בלויז אַפּלייקענען אַז אַט די אומטאָלעראַנץ איז פונם קירכלעך־רעליגיעזן מין. היינטיקע צייטן זענען מיר לעבעדיקע עדות פון פאַרשיידענע סאָרטן ווילדער אומטאָלעראַנץ, אָבער קיינער וועט דאָך ניט די אַלע אַוועקשטעלן אונטער דער רובריק „רעליגיע".

ביי אַנדערע פעלקער איז אַנגעגאַנגען אַ כאַראַקטעריסטיש נאַציאָנאַלע טעטיקייט — די מלוכה׳שע, די אַקאַדעמישע, די אַנגעווענדטע וויסנשאַפט — וואָס האָט מחייב געווען גאָר אַנדערע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן ווי די אויף וועלכע עס האָט זיך סומך געווען די הערשנדיקע קירך. ביי יידן איז דאָס ניט געווען, אַחוץ איינצלנע צופאַלן וואָס זענען פון די נויטן פון יידישן לעבן גופא ניט אַרויסגעוואַקסן. היינט וואָסערע פאָדערונגען האָט ביי אונדז געקענט אַרויסשטעלן וועלטלעכקייט ? וואָסער אינהאַלט האָט מען ביי אונדז געקענט אריינלייגן אין אַזאַ טערמין ?

ערשט שפּעטער, אונטערן דרוק פון אַ געביטענער לאַגע — וואָס איז, אגב, אַנגעפילט געוואָרן מיט נייע, מורא׳דיקע סכנות פאַר אונדזער קיום — האָט מען אָנגעהויבן ארויסשטעלן ערנסטע טענות צו דער אַטמאָספערע וואָס די טראַדיציאָנעלע יידישקייט האָט געשאַפן. איך ווייטקייט פון דער אַרומיקער וועלט האָט זיכער ניט געקענט אויסנעמען ביי די וואַקסנדיקע צאָלן מאָדערנע, היינט־וועלטיקע יידן. די דאָזיקע פּראָבלעם האָבן די ערשטע פאַר זיך געהאַט די משכילים. אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש איז וואָס ניט זיי האָבן געבראַכט צו אונדז דעם באַגריף פון סעקולאַריזם. זיי האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף אנטקעגן אַלטמאָדישע פאָרמען און אַבערגלויבנס, און דאָך האָבן זיי זיך ניט געניטיקט אין אַט דעם טערמין פון וועלכן זיי האָבן נאַטירלעך גאַנץ גוט געוואוסט.

זיי האָבן גאָר געזען אַ קאַמף פון „אור" קעגן „חושך". דאָס זענען באמת ניט־געשמאַקע, נאַאיווע ווערטער. מיר מעגן אויך האָבן אַ טענה צו די משכילים ווייל זיי זענען געווען בלינד צו די גרויסע היסטאָרישע שליחותן וואָס די אַזוי־גערופענע „פינסטערניש" האָט מיט אַזוי פיל קרבנות דורכגעפירט. אָבער דאָך זענען זיי פאַרט געווען גערעכט שוין דערמיט וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די אַלטע יידישקייט און זייער אייגענע אויף דער זעלביקער פלאַך, ווי צוויי עקסטרעמען פון איין ליניע. ס׳איז טאַקע „ליכט" און „פינסטערניש", אָבער די אַלגעמיינע ליניע איז די

זעלביקע. זיי זענען געווען צופּיל פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט יידן און יידישקייט, און האָבן דעריבער ניט געזען אין זיך קיין פאַרשטייער פון עפּעס אַ נייער קאַטעגאָריע „וועלטלעכקייט", וואָס דערמיט שיידן זיי זיך אָפּ פון אַלע פריערדיקע דורות. דער משכילישער קאַמף מיט דער אַלטמאָדישער פרומקייט איז אומגעפער ענלעך צו די וויכוחים צווישן קריסטלעכע מאָדערניסטן און פונדאַמענטאַליסטן, אָבער ניט צו די קאָנ־פליקטן וואָס צווישן מלוכה און קירך, צווײ באַזונדערע קאַטעגאָריעס, באַזונדערע אָרגאַניזירטע כוחות, אַנדערע צילן און אַנדערע מיטלען.

ווען מען דערמאָנט זיך אָבער אז קיין יידישע רעליגיע, אין מערב׳דיקן זינען פון וואָרט, איז ניטאָ, דעמאָלט שווימט גאַנץ בולט אַרויס אי די קאָמישקייט, אי די טראַגישקייט פון דער לאַגע וואָס דער דאָזיקער קאַמף האָט געשאַפן. דער בולטסטער מוסטער פונם אומגעצאַמטן קאַמף פון וועלטלעכקייט קעגן רעליגיע איז היסטאָריש געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. פאַרגלייכט מען דאָס מיט דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין יידישן לעבן וואַרפן זיך די טראַגי־קאָמישע אונטערשיידן ממש אין די אויגן. דאָרט האָבן פון וועלטלעכקייט אַרויסגערעדט נאַציאָנאַלע שטרע־בונגען און האָפענונגען, דער אימפּעט פונם ווילן זיך צו באַפרייען פון פרעמדע הערשער. רעליגיע איז, פאַרקערט, געווען דאָס דרויסנדיקע, דאָס זייטיקע, דאָס צוגעטשעפּעטע, און איר אָרגאַניזאַציע איז לכתחילה געווען געבויט אזוי אז זי האָט גאָר ניט געקענט פאַרטרעטן קיין נאַציאָנאַלע אינטערעסן, ממילא האָבן די רעוואָלוציאָנערן, די „אינווייניקסטע", אָפּגע־לירט צום „פינטעלע פראַנצויז" אַראָפּצוואַרפן די „דרויסנדיקע" רע־ליגיע.

ביי אונדז אָבער איז געווען אַקוראַט קאַפּויער. יידישקייט איז געווען דאָס סאַמע אינווייניקסטע וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. יידישקייט איז לכתחילה געווען די נאַציאָנאַלע לופט פון יידן. אירע פאַרטרעטער און פאַרשטייער זענען געווען די פאַטעטישע אָפּהיטער פון דער אייגנאַר־טיקייט פון אונדזער לעבן. וועלטלעכקייט — וואָס איז על פּי רוב פאַרטראָטן געוואָרן פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס — איז געווען אַ דרויסנדיקע אידייע פון אַ דרויסנדיקן אינטערנאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטן צד. ווען מען איז נאָך מוסיף דעם פאַקט וואָס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — ניט רעכענענדיק קיין ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן — האָבן אין בעסטן פאַל קיין באַגייסטערונג ניט אַרויסגעוויזן פאַר דער אידייע פון קיום האומה, קומט אויס זייער משונה׳דיק וואָס אַזאַ מין וועלטלעכקייט וויל בכלל ווערן

דער באַלאַבאָס אין א סאָציאַלער סיסטעם, בעת דער עצם קיום פון אָט דער סיסטעם גייט איר ניט צו שטאַרק אין לעבן.

וועלטלעכקייט קען בלויז האָבן אַ זינען ווען זי האָט קעגן זיך רעליגיע. אָבער אַזוי ווי יידישקייט איז פאָרט ניט קיין רעליגיע האָבן די וועלטלעכע געמוזט אויסטראַכטן אַזאַ כדי צו האָבן אַ לאָגישן באָדן פאַרן קאַמף. ממילא האָט די דאָזיקע וועלטלעכקייט געמוזט באַשליסן אַז תנ"ך איז רעליגיע, הלכה איז רעליגיע, אגדה איז רעליגיע, יום טובים זענען רעליגיע, בר מצווה איז רעליגיע, יאָ, אפילו העברייאיש, אפילו שבת־רו, אפילו דער יידישער קאַלענדאַר — אַלץ איז רעליגיע. געבליבן איז בלויז יידיש. דאָס איז די איינציקע שאַפונג פון אונדזער טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, יידישקייט, וואָס איז ניצול געוואָרן פונם שטרענגן משפט וואָס וועלטלעכקייט האָט אַרויסגעבראַכט קעגן דער יידישער געשיכטע און דעם יידישן לעבן. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען וועלן מיר באַלד זען. עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ אַז אויך אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין אַלע דערמאָנטע פּרטים, האָט די דרויסנדיקע וועלטלעכקייט זיך געפונען אונטערן רייץ פונם מנהג הגויים.

ווען דאָס וואָלט געווען בלויז אַ טעאָרעטישער וויכוח וואָלט גענוג געווען צו באַווייזן די בויטוועגדיקע טעותן וואָס לויערן דאָ. וועלטלעכקייט און יידישקייט זענען צוויי פאַרשיידענע שייכות־סיסטעמען, און עס האָט קיין זינען ניט צו באַנוצן איינע כדי זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין דער צווייטער. עס איז פונקט ווי מען זאָל באַנוצן געאָמעטריע צו אַנאַליזירן אַ דראַמאַטישן דריי־עק. אַזאַ מין טעות האָט אַמאָל געבראַכט דר. זשיטלאָווסקין צום אויספיר אַז די יידישע קהלה דאַרף אָנערקענען יידישע קריסטן. וואָרים אויב יידישקייט איז אַ רעליגיע דאַרף זי ביי יידן ניט זיין מער מיוחס פון אַן אַנדער רעליגיע. דער פאַקט וואָס פאַר יידן איז אַזאַ פּראָבלעם קיינמאָל ניט געשטאַנען אין דער פּראַקטיק — אַחוץ אפשר אַן איינצלנער משונה׳דיקער יוצא מן הכלל וואו עס האָט בכלל ניט קיין זינען אָנצונעמען שטענדיקע כללים — דאָס איז אונדזער חשובן דענקער ניט געשטאַנען אין וועג. משומדים האָבן דעם ענין ריכטיקער פאַרשטאַנען. זייער אויסדריקלעכע כוונה איז געווען ניט בלויז אַ פּאָזיטיווע, ווערן קריסטן, נאָר אויך אַ נעגאַטיווע, ווערן אויס יידן, אַרויסצוטרעטן פון דער פאַרבינדונג מיט אַ נאַציאָנאַלער קולטור, יידישקייט. אַ גר, פאַרקערט, נעמט ניט אָן בלויז נייע דאָגמעס נאָר אַ נייע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע גרופּירונג. זיין נאָמען ווערט אברהם בן אברהם, און אברהם איז דער

פּאַטער־סימבאָל אי פון ייִדישן פאָלק, אי פון דעם וואָס מען רופט ייִדישע רעליגיע. ניטאָ קיין מחיצה צווישן די צוויי באַגריפן. ייִדישקייט איז ניט קיין לעבנס־פּיר וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין ייִדישן לעבן, ווי, למשל, איסלאַם און קריסטנטום ביי די אַראַבער, נאָר דאָס ייִדישע לעבן גופא. גייסטיקע ענדערונגען אין ייִדישן לעבן קענען ניט באַטייטן קיין אַנדער זאַך ווי ענדערונגען אין ייִדישקייט. ווען מען נעמט אַן ייִדישקייט ווי אַ רעליגיע, ווי אַ מין זייטיקן צוגאָב צום ייִדישן לעבן, מוז דאָס דעריבער פירן צו אַ קנויל סתירות פון וועלכע מען קען זיך ניט אויספּלאָנטערן.

בקיצור, אויב דאָס וואָלט געווען בלויז אַ טעאָרעטישער וויכוח וואָלט דאָס געווען אַ גוטע געלעגנהייט אויפצודעקן די אייגנאַרטיקע מעכאַניזמען פון סאָציאַלן לעבן, און די דינע קאָמפּליקאַציעס וואָס מען מוז פאַרזען אויב מען וויל דאָס דאָזיקע לעבן צו שטאַרק פאַראיינפאַכן. אָבער ליידער האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן טעאָרעטישע וויכוחים. וועלטלעכקייט איז געוואָרן אַ פּראַקטישע פּראָגראַם וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין גאַנץ קאָנקרעטע מעשים. איז שוין דער ענין ניט בלויז אינטערעסאַנט נאָר אויך ערנסט, אפילו טראַגיש ערנסט.

די מורא'דיקסטע רעזולטאַטן פון אָוועקשטעלן ייִדישקייט און רעליגיע אויף איין פלאַך זענען פאָרגעקומען אין סאָוויעטן פאַרבאַנד. די אַמאָליקע רוסישע קירך איז געווען אַ זייל פון דער צאַרישער דעספּאָטיע. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרויזאַמער אונטערדריקענדיקער ראָלע. עס איז גאָרניט צו באַשרייבן וואָס ייִדישקייט און אירע פאָרשטייער זענען פון איר אויסגעשטאַנען. און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען דער איינציקער קרבן פון דער צאַרישער גריכיש־קאַטוילישער קירך. וועגן דעם אינהאַלטלעכן אונטערשייד צווישן ייִדישקייט און קירך איז שוין געווען גערעדט געוואָרן. זענען געקומען די באָלשעוויקעס, מיט זייער כאַראַקטעריסטישער שנאה צו רעליגיע, און אָוועקגעשטעלט אַ טראַדי־ציאָנעלן שטייגער, וואָס זיין ציל איז דער קיום פון אַ געדריקט פאָלק, אויפן זעלביקן ברעט מיט אַן אינסטיטוציע וואָס איז געווען דער שאַרפּס־טער סימבאָל פונם צאַרישן שונא.

איז דאָס נאָך ווייניק, האָבן זיך די ייִדישע קאָמוניסטן באַמיט, ממש מיט פאַנאַטישער אָנשטרענגונג, צו באַווייזן אַז אויך אונדזערע רבנים און כלי קודש האָבן אונטערגעדריקט די מאַסן; אַז דאָס איז געווען טאַקע זייער פונקציע. יעדער ביישפּיל פון עפּעס אַ שלעכטער האַנדלונג פון אַ

רב — און עס איז דאָך ניט שייך צו זאָגן אַז אַזעלכע זענען ניט געווען — איז געבראַכט געוואָרן ווי אַ כאַראַקטעריסטיק, ווי א טיפּישער מוסטער פון אַלגעמיינער שלעכטס, און דאָס גראָד וועגן אַ שטיק לעבן וואָס האָט ערשט ניט לאַנג אריבערגעטראָגן אזעלכע מורא׳דיקע יסורים פון דער צאַרישער הערשאַפט.

די וועלטלעכקייט האָט פון זיי געפאָדערט צו באַטראַכטן אַלע אַלטע יידישע פאָרמען ווי רעליגיע, ממילא האָבן זיי געבויט א שול פאַר יידישע קינדער וואָס האָט אַזאַ שייכות צום יידישן פאָלק, ווי אַן ענגלישע שול אין ניו יאָרק האָט אַ שייכות צום ענגלישן פאָלק פון אויסטראַליע. זיי האָבן אויסגעליידיקט זייער לעבן פון יעדן יידישן אינהאַלט. וואָרים וועלטלעכקייט איז אַ פרעמדער וועג־וויַיזער, וואָס ווייס פשוט אַליין ניט וואו אַנצוהייבן און וואו זיך אָפּצושטעלן ביי יידן. עס איז פונקט ווי מען זאָל זוכן אויף אַ וועטער־מאָפּע די פּאָליטישע גרענעצן פון מלוכות.

אין סאָוויעטן פאַרבאַנד איז די דאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן מיט דער הילף פון דער מלוכה. אָבער אַן ענלעכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אומעטום אונטער דער פאָן פון וועלטלעכקייט. אין דער פּראַקטיק איז וועלטלעכקייט געוואָרן אַ לאָזונג פאַר אַסימילאַציע, כאָטש דאָס איז זיכער ניט געמיינט געוואָרן. דער דאָזיקער באַגריף איז געקומען פון דער פרעמד, געבליבן פרעמד, און אָפּגעפרעמדט זיך פון סאַמע שורש וואָס פון אים מוז יעדע פאָרם פון יידישקייט אַרויסוואַקסן, פון דעם באַגער צו פאַרבלייבן אין דער וועלט ווי אַ פאָלקישע איינס. די אַקטיווע און אַגרעסיווע וועלטלעכקייט, וואָס איז פאַרטראָטן געוואָרן פון די אַרבעטער פּאַרטייען — בונד, קאָמוניזם — האָט אפילו ניט פאַרמאָגט און ניט געוואָלט צולאָזן קיין טערמין וואָס זאָל דעם דער־מאָנטן באַגער אויסדריקן. נאַציאָנאַליזם — וואָס ביי יידן קען דאָס קיין אַנדער זאַך ניט באַטייטן ווי דער פאַרלאַנג צו פאַרבלייבן ווי אַ פאָלק — איז געוואָרן אַ סימן פון רעאַקציע. מען האָט דעם טערמין געגעבן דעם פרעמדן טייטש וואָס ער קען בלויז האָבן ביי אַ הערשערישער אימפּעריאַליסטישער נאַציע.

אין 1927 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין פוילן. איך האָב דעמאָלט בייגעוואוינט די פייערונג פון 30 יאָר „בונד" אין וואַרשעווער צירק. אין דער רעדע וואָס ב. מיכאַלעוויטש האָט דעמאָלט געהאַלטן האָט ער פאַררעכנט פאַר איינס פון די גרעסטע פאַרדינסטן פון „בונד" דאָס וואָס ער האָט אונטערגעבראַכט דעם באַגריף „כלל ישראל". ער האָט מיט

קיין איין וואָרט ניט געזוכט צו קוואַליפיצירן אַז דאָס האָט ער אין זינען די עקאָנאָמישע קלאַסן־צעטיילונג ביי יידן. נייך, עס איז בכלל ניטאָ, אין קיין שום זינען ניטאָ, קיין כלל ישראל. עס איז גוט צו געדענקען אַז „כלל ישראל" איז בלויז דער אַלטער, פאָלקסטימלעכער אויסדרוק פאַר „דאָס יידישע פאָלק", וואָס איז אַ מאָדערנע באַצייכענונג. אָבער אויך „דאָס יידישע פאָלק" איז אין יענער צייט געלעגן אין חרם ביים רוב ראַדיקאַלע סעקולאַריסטן. ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר איז דער פאַרבאָט אויף אָט דעם אויסדרוק אָראָפּגענומען געוואָרן, דער עיקר אונטערן איינפלוס פון קאָמוניסטישן „פּאַראייניקטן פראָנט".

וויכטיק איז וואָס מיכאַלעוויטש האָט מיט זיין רעדע ניט אויסגע־דריקט קיין פערזענלעכן סענטימענט. דאָס איז געווען פּינקטלעך צוגע־טראָפן צום ראַדיקאַל־וועלטלעכן דעת הקהל. דער דאָזיקער פּונקט קען נאָך בעסער אָפּגעשאַצט ווערן ווען מען דערמאָנט זיך אַז דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דער מלחמה, און אין אַ לאַנד וואָס איז געווען טיף דורכגעדרונגען מיט אַנטיסעמיטיזם, ווען סיי אין אונדזערע צרות, סיי אין דער הילף־אַרבעט, סיי אין אונדזערע שטרעבונגען ווי אַ פאָלק, האָט די אָביעקטיווע לאַגע אונטערגעשטראָכן מיט ברוטאַלער רעאַליטעט אַז מיר זענען אַ מזל־געבונדענער כלל ישראל. איז עס דאָך פּסיכאָלאָגיש אומגעהייער וויכטיק, טראַגיש־אינטערעסאַנט, וואָס די אַקטיווסטע גרופּעס צווישן אונדז האָבן זיך גאַנץ גוט געקענט באַגיין אָי אָן אַ טערמין צו באַצייכענען וואָס מיר זענען, אי אָן אַ וואָרט אויסצודריקן אַז מיר האָבן אַ ווילן דאָס צו פאַרבלייבן.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער קרייז איז כדאי אָנצואווייזן אויף נאָך אַ וואָרט וואָס מען האָט ביי אונדז אַרויסגעוואָרפן פון יידיש, און ניט געשאַפן קיין אַנדער וואָרט צו באַצייכענען דעם באַגריף, אַ באַגריף וואָס מען קען בשום אופן ניט אויסמיידן אין אונדזער לאַגע. איך האָב דאָ אין זינען דאָס וואָרט „גלות". לכתחילה איז דאָס אָפּזאָגן זיך פונם וואָרט „גלות" געווען אַ מין אָפּגרע־נעצן זיך פון ציוניזם, אָדער אַ פאַרלאַנג אונטערצושטרייכן אונדזערע טביעות צו די לענדער וואו מיר לעבן. אויף אַזוי ווייט לאָזט זיך דאָס פאַרשטיין. אָבער מיר זענען אַלץ נאָך אומעטום אַ מיעוט, און דאָס האָט אַלץ נאָך אַ צעשטערנדיקע ווירקונג אויף אונדזער שטרעבונג צו פאַר־בלייבן אַ פאָלקישע קולטור־סיסטעם. דאָס איז אמת אפילו אונטער די בעסטע באַציאונגען צו אונדז מצד דער הערשנדיקער מאכט. דאָ האַנדלט

זיך דאָך ניט בלויז וועגן לעגאַלע פאַרזיכערונגען נאָר דער עיקר וועגן אַן אָביעקטיווער לאַגע, וועגן דעם סאָרט לעבן וואָס מיר זענען געצוואונגען צו פירן. אונדזערע עלטערן האָבן דאָס אָנגערופן „גלות״. ווי זאָלן מיר דאָס רופן?

עס איז טיילמאָל קאָמיש צו זען ווי געוויסע שרייבער אונדזערע דרייען זיך אויף אַלע זייטן. זיי רעדן וועגן אונדזער „צעשפּרייטקייט״, אָדער וועגן אונדזער „אומנאָרמאַלער לאַגע״, אָדער זיי באַנוצן אַ ריי אויסמיידנדיקע רייד, און היטן זיך אָפּ פון קלאָרע דיבורים. אָבער צי מען וויל יאָ, צי ניט; דריי זיך אַהין, דריי זיך אַהער, מיר זענען דאָך פאָרט אין גלות. דאָס בעסטע איז „נאַטירלעך״ ווען מען באַשליסט אַז דאָס דאַרף אונדז ניט אינטערעסירן. צו דעם איז עס טאַקע געקומען. וואָרים ווען מען האָט די יידישע טאָן־געבער פון סאָוויעטן פאַרבאַנד אָנגעוויזן אויף דער שרעקלעכער אַסימילאַציע וואָס מאַכט חרוב דאָס יידישע לעבן אין לאַנד, האָבן זיי געענטפערט אַז דאָס קען זיי ניט אָנגיין ווייל עס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס. ענלעכע רייד און שטימונגען האָט מען אויך געקענט הערן אין פּוילן און אין אַמעריקע ביי די וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף אַגרעסיווער וועלטלעכקייט.

אמת, אויך אַזעלכע האָבן גערעדט מיט וואַרעמקייט וועגן יידיש און יידישער קולטור, אָבער זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו האַלטן די דאָזיקע שטרעבונג אָפּגעריסן פון היסטאָרישע וואָרצלען און אָן צוקונפט־פּערספּעקטיוון. יידיש, יאָ, ווייל די יידישע מאַסן רעדן יידיש. אין אַמעריקע דאַרף מען יידישע דערציאונג אויף יידיש, כדי די קינדער זאָלן ניט ווערן אָפּגעריסן פון די עלטערן. אין פּוילן האָט די יידיש־וועלטלעכע שול זיך כסדר געשטיצט אויפן ריין פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישן חוב צו דערציען קינדער אין דער מוטערשפּראַך. דער ווערט פון אַזאַ מין אַרגומענטאַציע סיי פון וויסנשאַפטלעכן, סיי פון יידישן שטאַנדפּונקט, איז צו שלאַבעריק אַז מען זאָל מיט איר עפּעס קענען אויפטאָן.

איז קיין חידוש ניט וואָס ביי אַ טייל פון אונדזער אינטעליגענץ פון דער יידיש־וועלטלעכער סביבה האָבן זיך לעצטנס דערהערט אַנדערע רייד און אַנדערע שטימונגען. די וואָס זייער יידיש טראַכטן איז ניט געלעגן אין די ראַמען פון פּאַרטייען האָבן דערזען די אינערלעכע גייסטיקע קאַטאַסטראָפע וואָס גרייט זיך אויף אַלע שטרעבונגען און חלומות וואָס וועלטלעכקייט האָט געשאַפן. ביי זיי האָט די אַלטע יידישקייט — יענע וואָס איז לכתחילה געבויט אויף קיום האומה — גענומען וועקן, וואָרענען

און אַנוויַיזן אויף דער נאַציאָנאַלער סכנה וואָס מיר לעבן איצט איבער. דאָס זענען ניט קיין רעליגיעזע ציטערנישן אָדער בענקענישן נאָך מיסטע־ריעזע גלויבנס און צערעמאָניאַלן. פון זיי רעדט אַרויס יידישקייט, ניט רעליגיע, אַ גאַנץ רעאַלער צושטאַנד אין אַ זייער רעאַלער וועלט. זיי האָבן דערפילט אַז אין נאָמען פון וועלטלעכן צוגאַנג האָט מען זייער וויניק געשאַפן און זייער אַסך צעשטערט.

7

עטלעכע אָרגאַניזירטע און אומאָרגאַניזירטע גרופּירונגען אין יידישן לעבן האָבן פאַרטראָטן די וועלטלעכקייט אידייע. אָבער וואָס עקסטרעמער די דאָזיקע אידייע איז אויסגעדריקט געוואָרן אַלץ שוואַכער איז אין יענעם ווינקל געוואָרן דער נאַציאָנאַלער טאָן, אַלץ לויזער די פאַרבינדונג מיטן פאָלק, זיינע ווערטן און זיינע האָפענונגען.

און יידיש? איז דען ניט יידיש געקומען אויסצופילן דעם ליידיקן חלל וואָס די פאַרטריבענע רעליגיע האָט איבערגעלאָזן? יאָ, אָבער די אונטערנעמונג האָט זיך ניט געענדיקט מיט גרויס הצלחה. איך האָב מורא אַז פונקט ווי ביי וועלטלעכקייט, האָבן מיר אויך דאָ צו טאָן מיט אַ לאָזונג וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון דער פרעמד, אין איר פרעמדן לבוש, און האָט דעריבער ביי אונדז ניט געקענט אַרויסוויַיזן קיין גרויסע גבורות.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן דעם פאַקט אַז שפּראַך־יידישיזם — יידיש ווי אַן איינציקער גייסטיקער פאַרבינדונג־פּאָדים, לויט זשיטלאָווסקיס פריער־געבראַכטער דעפיניציע — האָט ניט געשלאָגן קיין וואָרצלען אין אונדזער לעבן. עס איז געוואַקסן אַ יידישע ליטעראַטור, אַ יידישע שול, יידיש איז געוואָרן אַ קולטור־שפּראַך, אָבער שפּראַך־יידישיזם איז אַלץ געבליבן דאָס טעאָרעטישע אייגנטום פון עטלעכע געציילטע אידעאָלאָגן און אַ קליינער גרופּע באַוואוסטזיניקע אָנהענגער. גרויסע ארבעטער פּאַרטייען האָבן אָן אַ שיעור מיטגעהאָלפן צו קולטיווירן יידיש, אָבער זיי זענען געבליבן קאַלט, אפילו קעגנעריש, צו דער אידעאָלאָגישער אויפפאַ־סונג פונם שפּראַך־יידישיזם. די אָרטאָדאָקסן לעבן אינטים מיט יידיש, אָבער די אידעאָלאָגיע האָט זיי אפילו ניט אָנגערירט. וועגן אַנדערע גרופּירונגען אין אונדזער וועלט איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

עס איז אינטערעסאַנט אַז פרומע יידן זענען וויַיט פון יידישן קינסט־לערישן וואָרט, לחלוטין אַנדערש ווי די שכנות'דיקע פרומע קריסטן.

דאָס דערקלערט זיך מיט באַקאַנטע היסטאָרישע סיבות. אָבער עס האָט זיך ניט געפונען קיין גרופּע, אפילו ניט קיין יחיד, וואָס זיין באַגייס־טערונג פאַר דער הוילער יידיש־אידעאָלאָגיע זאָל גרייכן אַזוי ווייט אַז ער זאָל זיך באַמיען צו דערנענטערן די יידישע אָרטאָדאָקסיע — וואָס לעבט דאָך אַזוי בלוט־היימיש מיט יידיש — צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, לכל הפּחות צו ווערק וואָס זענען לכל הדעות כשר. דאָס פאַרדינסט פון אַזאַ באַוועגונג פאַר יידיש צווישן פרומע יידן איז ממש ניט אָפּצושאַצן. אָבער קענטיק אַז שפּראַך אַליין האָט ניט גענוג כוח ביי אונדז צו שטויסן צו אַזעלכע געפילן און מעשים.

העברייאיזם, ווי אַ ריינע שפּראַך־אידעאָלאָגיע האָט אויך געהאַט אַן ענלעכע, כאָטש אַביסל אַ בעסערע, מערכה. העברייאיש האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג, האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג און ענערגישע טעטי־קייט, אָבער שפּראַך־העברייאיזם האָט געלאָזן קאַלט. ווי געזאָגט איז בנוגע העברייאיש די מערכה אַביסל אַ בעסערע, מיר וועלן באַלד זען פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. אָבער אין לעצטן סך הכל זעט עס אויס אַז שפּראַך־נאַציאָנאַליזם בכלל איז ביי יידן ניט אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט ווי ביי אַנדערע פעלקער. פאַרוואָס? לאָמיר זיך באַנוגענען מיט עטלעכע באַמערקונגען כדי בעסער צו פאַרשטיין אונדזערע איצטיקע פּראָבלעמען.

צווישן די קלאַסישע קולטור־פעלקער איז דאָס אידישע פאָלק דאָס איינציקע וואָס האָט, בעת עס האָט נאָך געלעבט אין אייגענעם לאַנד, זיך באַנוצט מיט אַ פרעמדער שפּראַך, און אין משך פון הונדערטער יאָרן געשאַפן אין איר גראַנדיעזע קולטור אוצרות. דאָס יידישע פאָלק האָט ביזן היינטיקן טאָג ניט אויפגעהערט אַרויסצואווייזן אַ רירנדיקע צוגע־בונדנקייט צו העברייאיש, אָבער ניט ווי צו אַ שפּראַך, נאָר ווי צו אַ לשון־קודש; זי איז געוואָרן אַ מין העכערער סימבאָל פון נאַציאָנאַל־גייסטיקער אייגנאַרטיקייט, וואָס דאָס איז לחלוטין ניט מחייב מען זאָל איר איבער־געבן געוויינטלעכע שפּראַך־פונקציעס, זי זאָל ווערן די שפּראַך פון לעבן. דער לעבנס־שטייגער און די תורה־אידייע וואָס יידן האָבן דערמיט אָנגעפילט זייער גייסטיקע עקזיסטענץ, האָט גענוג באַפרידיקט זייער אינטענסיוו פאָלק־באַוואוסטזיין. עס איז געווען אַ לעבן פון מעשים, געפילן, ניט פון פאָרמעלע שייכותן. אינטענסיווע צוגעבונדנקייט צו אַ שפּראַך וואָלט געמוזט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון אינהאַלטלעכע מעשים, וואָלט געווען אַ סתירה צום אָנגענומענעם דרך אַז מען זאָל אַזוי איינגעשפּאַרט לייגן דעם טראָפּ אויפן אינווייניק, אויף אינהאַלט. דאָס

ווייזט זיך אויך אַרויס אין דער באַציאונג צו טראַדיציאָנעלע יידישע נעמען, וואָס דאָס איז דאָך אַן אַספּעקט פון שפּראַך. צווישן די העכער צוויי טויזנט תנאים און אמוראים פון תלמוד בבלי און ירושלמי — אַן עפּאָכע פון אַכט הונדערט יאָר — געפינט מען אין גאַנצן ניט אַזעלכע נעמען ווי אברהם און משה, בעת עס זענען יאָ פאַראַן אַרום הונדערט און פופציק גריכישע און רוימישע נעמען. די זעלביקע יידן וואָס האָבן זיך אַזוי עקשנות׳דיק קעגנגעשטעלט, ביז קידוש השם, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עיקרים פון יידישקייט, האָבן, ווען עס איז געקומען צו שפּראַך, אַרויסגעוויזן אַ קאַלטע גלייכגילטיקייט וואָס ווערט אזוי קלאַסיש אויסגעדריקט אינם פאָלקס־ליד: „לאָז איך מיך באַרעגענען און פרעג קיין קשיות ניט.״

אפילו ווען פון אַזעלכע „רעגנס״ זענען אויסגעוואַקסן אייגענע שפּראַכן, אפילו ווען די געטאָ האָט אַריינגעגאָסן דאָס פיינסטע פון יידישן בלוט אין אַ פרעמדן דייטשישן דיאַלעקט, און ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אונדזער יידיש, אפילו דעמאָלט האָט דאָס יידישע פאָלק ניט געביטן זיין אינערלעכע באַציאונג צום ענין שפּראַך. מען קען געפינען אַ מדרש אַז יידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים ווייל זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען און זייער לשון, פּונקט ווי מען קען געפינען חסידישע גדולים וואָס האָבן איינגעזען דעם אומגעהייערן ווערט פון יידיש פאַר קיום האומה, אָבער דאָס בייט ניט דאָס גאַנצע בילד.

בלויז מיט אַזאַ פּסיכישן הינטערגרונד האָט אַ וואַרעמער ייד ווי י. ל. גאָרדאָן געקענט שרייבן צו שלום עליכמ׳ען: „איר פרעגט מיין מיינונג וועגן דעם זשאַרגאָן?... דאָס איז דער שאַנד־צייכן פון דעם געטריבענעם נע ונד׳ניק, און איך האָב עס גערעכנט פאַר אַ חוב פון יעדן געבילדעטן יידן צו באַמיען זיך אַז ער זאָל ביסלעכוויז אָפּגעווישט ווערן און פאַרשווינדן פון אונדז... דעם אמת געזאָגט וואונדערט מיך אויף אייך, איר שרייבט גוט רוסיש, און באַהערשט פּראַכטפול אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך (העברייאיש), ווי אַזוי־זשע קאָנט איר זיך אָפּגעבן צו דער קולטור פון דעם זשאַרגאָן?״ געוועזן שוין, פאַרשטייט זיך, אין יענער צייט אַזעלכע וואָס זייער באַציאונג צו יידיש איז געווען גאָר אַן אַנדערע, אָבער אפילו ווען אַזעלכע רייד האָבן אַרויסגערופן קעגנערשאַפט, האָבן זיי ניט באַליידיקט, ניט געקרענקט, אַזוי ווי מען וואָלט באַשפּיגן אַן איינגעבאַקענעם נאַציאָנאַלן קנין.

מען קען אָנווייזן פאַרשיידענע סיבות פאַר אַזאַ פּסיכישן איינשטעל. אין יענע צייטן ווען ביי יידן האָט זיך געשאַפן און זיך אַנטוויקלט דאָס פאָלקישע באַוואוסטזיין איז די ראָלע פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך ניט געווען, און ניט געקענט זיין, דאָס וואָס זי איז היינט ביי מאָדערנע פעלקער. אין מיטלאַלטער איז די אַרומיקע באַפעלקערונג, צווישן וועלכע יידן האָבן געלעבט, געווען גלייכגילטיק צו זייערע דיאַלעקטן, די לאַגע איז געווען אַזאַ אַז עס האָט זיך ניט געקענט שאַפן דאָס באַוואוסטזיין אַז אַן אייגענע שפּראַך איז אַ סימן מובהק פון אַ באַזונדער נאַציאָנאַליטעט. אַחוץ דעם איז נייטיק צו האָבן אין זינען אונדזער לאַגע אין גלות וואו מיר האָבן זיך תמיד געדאַרפט צופּאַסן צו די מורא׳דיקסטע באַדינגונגען כדי זיך אויפצוהאַלטן ווי אַ פאָלק. ווען מיר וואָלטן אפילו געהאַט אַן אייגענע שפּראַך אין אַלע גלות־לענדער וואָלט עס געווען אַ שרעקלעכע נאַציאָנאַלע סכנה ווען אונדזערע פירער שאַפן אַזאַ לאַגע אַז מיטן אַריבער־גיין צו דער לאַנד־שפּראַך זאָל זיך ענדיקן די פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק.

איז קיין חידוש ניט וואָס אין די שבעה מדורי גהינום פון אונדזער לאַנגער מאַרטירער געשיכטע האָט זיך איינגעשטעלט די פריער־דערמאָנטע באַציאונג צו אַן אייגענער שפּראַך. עס וואָלט דעריבער געווען זייער ניט־שכל׳דיק, ממש געפערלעך, ווען אַ נייע אידעאָלאָגיע וואָס וויל אַפּעלירן צום יידישן פאָלק זאָל זיך לחלוטין ניט רעכענען מיט אָט די אלע היסטאָ־רישע דערפאַרונגען און מיטן גאַנצן פּסיכישן הינטערגרונט וואָס זיי האָבן געשאַפן. היינט ווי זשע קומט עס וואָס שפּראַך־יידישיזם האָט זיך געלאָזן אויף אַזאַ דרך ? שפּראַך ווי דער איינציקער, אָדער אפילו ווי דער וויכ־טיקסטער, פאַרבינדונג־פאָדים ? און ביי וועמען, ביי יידן ? ווען דאָס ווערט געזאָגט אין דער היץ פון פּאָלעמיק, אין דער עמאָציאָנעלער אויפ־געברויזטקייט ביים איינשטעלן זיך פאַר דער באַליידיקטער, ניט־אָפּגע־שאַצטער „שפּחה״, איז דאָס נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. אָבער ווי אַ דורכגעטראַכטע אויפפאַסונג וועגן דער ראָלע פון אַן אייגענער שפּראַך אין אונדזער קולטורעלן אויפהאַלט ? דאָס גייט דאָך להיפוך צו אַלע אמת׳ן וואָס אונדזער געשיכטע האָט אויסגעשמידט.

ווען מען כאַפּט זיך אָבער וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אַנדערע אייראָפּייאישע פעלקער, ספּעציעל אין ניינצנטן יאָרהונדערט, זעט מען גלייך פון וואַנען די דאָזיקע אידעאָלאָגיע שטאַמט. זי שטאַמט פונם זעלביקן קוואַל פון וואַנען עס איז געקומען צו אונדז דער קריסטלעכער

סעקולאַריזם, און איז ניט מער צוגעפּאסט צו אונדזער לעבן ווי יענער באַגריף.

דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט איז דאָס יאָרהונדערט פון אויפשטייגנדיקן נאַציאָנאַליזם. דעמאָלט זענען איטאַליע און דייטשלאַנד געוואָרן גרויסע פאַראייניקטע מלוכות; דעמאָלט האָבן אַסך קליינע פעלקער זיך „דער־וואוסט" וועגן זייער נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט; דעמאָלט האָט מען געזוכט די הויפּט אַטריבוטן וואָס דעפינירן אַ פאָלק; דעמאָלט איז שפּראַך אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן העכסטן פּעדעסטאַל ווי אַ הויפּט־סימן פון פאָלקישער עקזיסטענץ.

געבוירן געוואָרן איז דער דאָזיקער געדאַנק נאָך אַביסל פריער און גענומען שפּילן אַ מאַסן־ראָלע אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט טאַקע געזעגלט אונטער אַלגעמיין מענטשלעכע לאָזונגען, אָבער איר פייערדיקער נאַציאָנאַליסטישער אינהאַלט האָט ניט לאַנג גע־לאָזט וואַרטן אויף זיך. דאָ באַנוץ איך שוין „נאַציאָנאַליזם" אין אַנגריי־פערישן און אונטערדריקערישן זינען פון וואָרט. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער ניט־ריינער קוואַל פון וואַנען עס האָט לכתחילה אַרויסגעשלאָגן די פאַרגעטערונג פאַר פראַנצויזיש. אַזוי געפינען מיר אינם באַריכט פון קאָמיטעט פאַר עפנטלעכער זיכערקייט, וואָס באַרער, דער יאַקאָבינער, גיט אָפּ דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אין יאַנואַר 1794: „בירגער, די שפּראַך פון אַ פריי פאָלק דאַרף זיין די זעלביקע פאַר אַלע... מיר האָבן באַמערקט אַז די דיאַלעקטן וואָס מען רופט נידער־ברעטאָניש, דער באַסקישער דיאַלעקט און די דייטשישע און איטאַליענישע שפּראַכן האָבן פאַראייניקט די הערשאַפט פון פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן, פאַרזיכערט די אויבערהאַנט פון גלחים און אַריסטאָקראַטן"... אאז"וו. אַזוי האָט די רעוואָלוציע רעאַגירט אויפן היסטאָרישן פאַקט וואָס פראַנקרייך איז ניט קיין לינגוויס־טישע איינס. עס זענען פאַראַן ברעטאָנער, פּראָווענסאַלן, באַסקן, קאָר־סיקאַנער, פלעמער, דייטשן, און די אַלע באַנוצן זייערע אייגענע לשונות. אָט דער אָפּנייג פון אוניפאָרמיטעט האָט שאָקירט די יאַקאָבינער, און זיי האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף אַלע בירגער דאָס וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן: „די שפּראַך פון פרייהייט", ד"ה, פראַנצויזיש.

די שפּראַכן פון די גרויסע אייראָפּייאישע קולטור־פעלקער זענען שוין געווען גענוג צייטיק און רייך אַז די אידענטיפיקאַציע צווישן פאָלק און שפּראַך זאָל ניט בלויז אַרויסרופן די באַגייסטערונג פאַרן אמת וואָס אין דעם שטעקט, נאָר זאָל אויך דערוועקן די וואַרעמע געפילן פאַר די

אייגנשאַפטן פון נאַציאָנאַלן אידיאַם, פאַרן ניי־אַנטפּלעקטן אינטימסטן אויסדרוק פון גייסטיקן לעבן פון פאָלק.

די ליבע און באַגייסטערונג פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן קאָנטינענט. פרידריך פאָן שלעיגעל דערקלערט קעמפּעריש: „אַ פאָלק וואָס קוקט שטיל צו ווי מען רויבט פון אים אַוועק זיין לשון פאַרלירט דעם דרך ארץ וואָס אומאָפּהענגיקייט פאַרדינט; ווערט דערנידעריקט אין דער מדרגה פון ציוויליזאַציע.״ בענטעם, דער שאַפער פונם וואָרט „אינטערנאַציאָנאַל״, דער קילער און באַטראַכטער קאָפּ וואָס ער איז געווען, האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן אַז ענגליש שטייט העכער פון אַלע שפּראַכן, און זי וואָלט געדאַרפט ווערן די וועלט־שפּראַך.

דאָס האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אַן ענלעכע דערשיינונג ביי קליינע, אונטערדריקטע פעלקער. ביי זיי איז די שפּראַך געוואָרן ניט בלויז אַ סימבאָל פון פאָלק, נאָר אויך פון זיין באַפרייאונג. אַזוי שטרעבט נאָר־וועגיע אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דעניש. די פינלענדער הייבן אויף אַ באַוועגונג קעגן שוועדיש. געלערנטע ליגגוויסטן און קינסט־לער ביי די קליינע פעלקער פאָרשן און באַרייכערן דעם נאַציאָנאַלן אידיאָם פון קעלטיש און איריש, אין ענגלאַנד. פון קאַטאַלאָניש אין שפּאַניע, אאז״וו. עס הייבן זיך אויף באַוועגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון די קלענערע סלאַווישע שפּראַכן. עקסטרעמיסטן זוכן זיך צו דערווייטערן אפילו פון אינטערנאַציאָנאַל־אָנגענומענע פרעמד־ווערטער. בקיצור, שפּראַך דאָס אַלטע מיטל פון מענטשלעכן פאַרקער, הייבט אָן צו שפּילן אַ נייע ראָלע אין דער וועלט־געשיכטע.

פון שפּראַך צו דער שריפט־פאָרם איז אַ קליינער מהלך. אַזוי האָבן די וויכוחים וועגן דער לאַטייניש‏ער און גאָטישער שריפט אין דייטשלאַנד, און וועגן דער לאַטיינישער און קירילישער שריפט ביי סלאַווישע פעלקער, אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דער טערקישער נאַציאָנאַליזם האָט געפירט צו דעם מען זאָל אין טערקיי אָפּשאַפן די אַראַבישע שריפט. די טשעכן, די לעטן און די עסטן האָבן זיך מחמת דעם זעלביקן טעם אָפּגעזאָגט פון דער גאָטישער שריפט. דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער דייטשישער קולטור־הערשאַפט. רומעניש האָט איינגעפירט די לאַטיינישע שריפט, און זיך אָפּגעזאָגט פון דער קירילישער, אַ מין אַוועקרייסן זיך פון רוסישן איינפלוס.

דער ענגלישער געלערנטער י. מ. ראָבערטסאָן, אין זיין בוך „די אַנטוויקלונג פון שטאַט״, פאַרגינט זיך צו דערפירן דעם געדאַנק וועגן

דעם ענין נאַציאָנאַלע שפּראַך ביז זיין ווייטסטן פּונקט. נאָך דעם ווי ער דערקלערט אַז דער הויפּט חילוק צווישן ציוויליזירטע פעלקער ליגט דער עיקר אין שפּראַך, באַשליסט ער: „ווען מען אַנאַליזירט דעם ענין קומט אויס אַז אַ מענטשנס באַגייסטערונג פאַר זיין פאָלק אין זיך גופא איז אַ באַגייסטערונג פאַר זיין שפּראַך... אַזוי אַז די אויסגעדוכטע ענטיטעט וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין געוויינטלעכן לויף פון געדאַנק — דאָס פאָלק ווי אַן אַנהאַלטנדיקער און פּערסאָנאַליזירטער אָרגאַניזם — איז על פּי רוב אַ מעטאַפיזישער חלום, און די געפילן וואָס לעבן זיך אויס אין דעם טראָגן אַסך פונם כאַראַקטער פון אַבערגלויבן״. לויט דעם קומט אויס אַז שפּראַך איז סיי דער דרויסנדיקער סימן, סיי דער אינער־לעכער פונדאַמענט פון נאַציאָנאַלן זיין. די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז די איינציקע רעאַלע מאַטעריע פון גייסטיקן לעבן פון אַ פאָלק ווי אַ באַזונ־דערע סאָציאַלע איינס.

ווי מיר זעען איז די דערהייבונג פון שפּראַך צום העכסטן שפּיץ פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פּיראַמידע, געווען אַ פועל יוצא פון שטרעבונגען און לעבנס־תנאים וואָס קענען מיטן יידישן לעבן קיין שייכות ניט האָבן. קודם כל איז דאָס געוואָרן אַ אידעאַל פון הערשנדיקע פעל־קער, ווי פראַנצויזן און ענגלענדער, וואָס ביי זיי האָבן די קליינע נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן געשטערט די לינגוויסטישע איין־פאָרמיקייט פון הער־שנדיקן פאָלק. די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז אויך געוואָרן אַן אויסדרוק פונם אידעאַל פון פּאָליטישער איניקייט ביי די דייטשן און איטאַליענער. אמת, דער זעלביקער אידעאַל האָט זיך אויך דערהויבן צו אַן ענלעכער מדרגה ביי אונטערדריקטע פעלקער. זיי האָבן דערפילט אין זייער שפּראַך דעם באַזונדערן גייסטיקן טעם פון זייער עקזיסטענץ, ממילא איז דאָס אויך געוואָרן דער סימבאָל פון זייער באַפרייאונגס־קאַמף. אָבער דאָ איז נייטיק אויסצורעכענען כאָטש די וויכטיקסטע אונטערשיידן פון יידישן און ניט־יידישן לעבן, אפילו ביי אונטערדריקטע פעלקער, כדי איינצוזען אַז מען קען ניט, אָן ספּעציעלע באַוואָרענישן און געהעריקע ענדערונגען, איבערנעמען געזעלשאַפטלעכע אידייען און אידעאַלן פון איין פאָלק צום צווייטן.

ביי יענע פעלקער איז די העכסטע פאָרם פון אינטים־גייסטיקן לעבן, רעליגיע, ניט נאַציאָנאַל, סיי לויטן קוואַל פון וואַנען זי שטאַמט, סיי לויט די אידעאַלן און שטרעבונגען וואָס זי שטעלט אַוועק פאַר יעדן יחיד. ממילא רייסט זיך די אייגענע שפּראַך אַרויס מיט אַ מין עקספּלאָדירנדיקן

„אהא!" ווי אַ קענטיקער עפנטלעכער אויסדרוק פון אַ נאַציאָנאַל־פאַר־ברײדנדיקן כוח. יענע פעלקער פאַרמאָגן ניט קיין אַלטע, טיף־דורכ־דרינגענדיקע באַוואוסטזיניק־פאָלקישע טראַדיציע וואָס האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן צונויפגעהאַלטן דאָס פאָלק אָן שום טראָפּ אויף שפּראַך. יענע פעלקער זענען טעריטאָריעל קאָנצענטרירט, און דער אייגענער אידיאָם שפּרייט זיך אויס אויף אַלע טיילן וואָס פילן זיך איינס מיטן פאָלק. פאַרגלייכט די דאָזיקע דריי פונקטן מיט אונדזער לאַגע, און די אַנדערשקייט וואַרפט זיך ממש אין די אויגן. מיר האָבן ניט קיין דרויסנ־דיקע רעליגיע; מיר פאַרמאָגן אַלטע ריזיקע אוצרות וואָס האָבן אונדז געמאַכט ייִד־באַוואוסטזיניק מיט שטענדיקן דרוק אויף אינהאַלט; ביי אונדז, הייסט עס האָט תמיד געלעבט אַ נאַציאָנאַלע איינפאַרמיקייט, דערצו נאָך אַזאַ וואָס איר העכסטע שטרעבונג איז געווען נאַציאָנאַלע אויסלייזונג; מיר זענען „מפוזר ומפורד בין העמים", און דער הוילער געדאַנק אַז צווישן די „כל תפוצות ישראל" זענען פאַראַן קהילות, וואָס מיר קענען אפילו זייער לשון ניט, כאָטש זיי זענען מיט בלוט און פלייש אונדזערע, שוין דאָס אליין קען דאָך פשוט ניט דערלאָזן — אין נאָמען פון גרויסע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פון פילן זיך פאַרקניפּט מיטן כלל ישראל — אַז מיר זאָלן אָוועקשטעלן שפּראַך ווי אַן איינציקן ייִדיש־נאַציאָנאַלן סימן. אָבער דאָס איז ווייט, ווייט נאָך ניט אַלץ.

בעת ביי יענע פעלקער איז רעליגיע די דרויסנדיקע אינסטיטוציע, איז ביי אונדז געווען אַ פּסיכישע מעגלעכקייט אַז אַזאַ געפיל ווי צו עפּעס דרויסנדיקס זאָל זיך דערוועקן אין שייכות צו ייִדיש. ראשית דערפאַר ווייל עס האָט שוין סיי־ווי געהערשט אַ הייליקע באַציאונג צו אַ כמור־שפּראַך, לשון־קודש. שנית, ווייל ייִדיש האָט אויף זיך סימנים פון ענלעכקייט צו אַ שכנישער שפּראַך פון אַ הערשנדיק פאָלק. אחוץ דעם האָט לשון־קודש אויך ניט געקענט דערלאָזן אַז ייִדיש זאָל פאַרנעמען דעם שפּיץ פון דער פּסיכישער געביידע צוליב אַן אַנדער טעם. די הייליקע שפּראַך איז געווען דער סימבאָל פון ענדגילטיקער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, פונם משיח־געדאַנק, וואָס דאָס איז אייגנטלעך דער מיסטישער אויסדרוק פון אַ ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישער גאולה. ממילא האָט שוין דאָ בנוגע ייִדיש געפעלט יענער פּסיכישער תנאי וואָס האָט ביי אַנדערע אונטערדריקטע אָדער אויפגעוואַכטע פעלקער געווירקט אַז די פאָלק־שפּראַך זאָל ווערן דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אדער

פון נאַציאָנאַלער רענעסאַנס. אַחוץ דעם איז פאַראַן נאָך אַן אומגעהייער וויכטיקער מאָמענט וואָס מען דאַרף זיך מיט אים זייער שטאַרק רעכענען.

יענע פעלקער לעבן אויף זייער לאַנד. די באַנוצן זייער שפּראַך אינם לאַנד וואו זיי שטרעבן זיך צו באַפרייען פון אַ דרויסנדיקער הערשנ־דיקער מאַכט. די לאַגע פון יענע פעלקער איז אַזאַ אַז עס קענען גאָר קיין חילוקי דעות ניט זיין וועגן די ענדלעכע נאַציאָנאַלע צילן: ווערן זעלבסטשטענדיק אין זייער לאַנד. ממילא איז נאַטירלעך אַז די אייגענע שפּראַך וואָס לעבט אין מויל פון פאָלק דאָ, אין אייגענעם לאַנד, זאָל אויך ווערן דער סימבאָל פונם פרייען אייגענעם לעבן צו וועלכן דאָס זעלביקע פאָלק שטרעבט דאָ, אין אייגענעם לאַנד. ביי יידן קען אַזאַ אייניקייט בנוגע אונדזער באַפרייאונג ניט זיין. גלות־נאַציאָנאַליזם האָט תמיד געהאַט אַ קנאַפּערן אַנהאַלט ווי טעריטאָריאַליזם (אריינרעכענענדיק אין דעם אויך דעם משיח־געדאַנק). טייל יידן זעען פון די נאַציאָנאַלע געפאַרן געטריבן געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פונם גאנצן פאָלקישן כאַראַקטער פון אונדזער פאַרבונדנקייט. אָט די אומבאַשטימטקייט, און די אומפאַר־מיידלעכע חילוקי דעות וועגן אונדזער ענדגילטיקער נאַציאָנאַלער פּאָזי־ציע אין לאַנד וואו מיר לעבן, איז אַ געפערלעכער פּסיכישער אבן נגף אין אונדזערע באַציאונגען צו דער שפּראַך מיט וועלכער דאָס יידישע לעבן אין אָט אַזאַ לאַנד איז פאַרבונדן. ביי אונדז קען שוין צוליב דעם אליין די שפּראַך אין זיך גופא ניט אַוועקגעשטעלט ווערן, מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אויף אַן ענלעכער מדרגה ווי ביי אַנדערע פעלקער.

ווען מיר זעענען נאָך מוסיף דעם פאַקט וואָס מיר האָבן דורך טויזנטער יאָרן געפונען אונדזער היילונג און אונדזער טרייסט אין אַ שפּראַך, אָדער אין שפּראַכן, וואָס מיר האָבן ניט באַנוצט אין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז שוין ניט שווער צו פאַרשטיין די ספּעציעלע פאַקטאָרן וואָס מוזן ביי אונדז אויסאַרבעטן גאָר אַן אַנדער באַציאונג צום ענין שפּראַך. אָבער שפּראַך־יידישיזם האָט דאָס אַלץ ניט געזען. דער יצר הרע אריבער־צונעמען אין אונדזער וועלט גייסטיקע ווערטן אָט ווי זיי שטייען און גייען ביי אַנדערע פעלקער האָט אַלץ אַריבערגעוואויגן. יידיש, ווי אַן אידייע, וואָס וואָלט געקענט שפּילן ביי אונדז אַזאַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָלע, איז געבראַכט געוואָרן צו אונדז אויף אַ גויאישן אופן. עס איז געוואָרן אַן עקספּערימענט אין אַ מין: „זאָל איוואַן בלאָזן שופר“.

אָבער איוואַן — דער יידיש־רעדנדיקער וואָס איז אויסגעטאָן פון יעדן סאָרט יידישקייט — האָט קלאָר דערוויזן אַז ער קען ניט.

די דאָזיקע פרעמדע באַציאונג צו שפּראַך, וואָס רעכנט זיך לחלוטין ניט מיט די ספּעציפישע תנאים פון יידישן לעבן, ווערט ממש אויף אַ ספּעקטאַקולאַרן אופן באַשטעטיקט, פון דער באַציאונג צו שריפט. טייל פירער פון דער סעקולאַריסטישער אידיאָלאָגיע האָבן אָפט איינגע'טענה'ט מיט אונדז אַז ס'איז נייטיק מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פונעם העברייאישן א"ב און איבערגיין צום לאַטייניש. דערביי האָבן זיי זיך געשטיצט אויף די פריער־אָנגעוויזענע ביישפּילן פון פעלקער וואָס האָבן געביטן זייער טראַדיציאָנעלע שריפט. אין איין אַרטיקל, געדענק איך, האָט אַ שרייבער זיך סומך געווען מיט אַ באַזונדערן „אַהאַ!" אויף די טערקן וואָס האָבן אָנגענומען דעם לאַטיינישן אַלפאַבעט. עס האָט געהייסן אַז בלויז די אומות העולם קענען זיין מאָדערן בעת מיר בלייבן אַזוי פאַר'עקשנ'ט צוריקגעשטאַנען.

דאָ ווייזט זיך בולט אַרויס אַז דער אַפּעטיטלעכער רייץ פונם „נהיה כלל הגויים" מאַכט בלינד און טויב דעם איינזייטיקן יידישיזם. ווען מיר קוקן זיך צו צו די שריפט־ענדערונגען ביי יענע פעלקער וועלן מיר לייכט איינזען אַז דער עיקר אויפטו, וואָס זיי האָבן געוואָלט דערגרייכן, ליגט ניט אין דער פּאָזיטיווער זייט, נאָר אין דער נעגאַטיווער; ניט אינעם אלפאבעט וואָס זיי האָבן אָנגענומען נאָר אין יענעם פון וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. די אַלטע שריפט איז אין אַלע פאַלן די שריפט פונעם נאַציאָנאַלן שונא, און זיך אָפּזאָגן פון איר איז אַ סימבאָלישער אַקט פון באַפרייאונג, און פון אַן אָפּגעהאַלטענעם ניצחון. פאַרשטייט זיך אַז ביים אָננעמען אַ נייע שריפט האָבן זיי שוין זיך געקענט פאַרגינען צו זוכן באַקוועמלעכקייט און וועלט־דערנענטערונג. הייַנט ווי קען מען דאָס פאַרגלייכן מיט אונדזער לאַגע? ווי קען מען אין נאָמען פון דעם פאַר־לאַנגען אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פונעם העברייאישן א"ב? אָבער ס'איז שווער צו פאָדערן מער איינזעענישן אין דער פראַגע פון שריפט בעת ס'איז פאַראַן אַזאַ פרעמדקייט צו אונדזער לעבן אין דער פראַגע פון שפּראַך בכלל.

איצט זענען מיר שוין גרייט צו פאַרשטיין אַז די בעסערע מערכה פון העברייאיזם נעמט זיך לחלוטין ניט פון דעם וואָס די העברייאיסטן איז געלונגען צו באַווייזן אַז שפּראַך איז דער עיקר כל העיקרים. אפילו די טראַדיציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו העברייאיש האָט ביי יידן ניט געקענט

אַרויסרופן אַזאַ בליק אויף שפּראַך. דער אמת איז אַז די אויפלעבונג פון העברייאיש האָט ניט געשטאַמט פון דער אידיאָלאָגיע אַז די דאָזיקע שפּראַך קען אָדער דאַרף זיין דער איינציקער פאַרבינדונג־פאָדעם פון יידישן פאָלק. ווי ווייט איך ווייס האָט קיין העברייאיסט קיינמאָל אַזאַ געדאַנק אויף די ליפּן ניט געבראַכט. דער געדאַנק אַז העברייאיש קען ווערן די שפּראַך פון יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער, אפילו דאָס האָט בלויז געקענט זיין דער חלום פון געציילטע העברייאיסטן אין מאָ־מענטן פון אומקאָנטראָלירטער התלהבות. ווען יחזקאל קויפמאַן טראַכט אין „גולה ונכר" וועגן פאַרשפּרייטן העברייאיש ווי די שפּראַך פון יידישן פאָלק אין גלות, איז דאָס אויך נאָר מיטן צוועק פון אַ שפּעטערדיקער קאָנצענטראַציע אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, זיין אַ צוגאָב צו ארץ ישראל.

בכלל, העברייאיזם איז אַ קינד פון ציוניזם און איז אינטים פאַר־בונדן מיטן הויפּט־ציל פון אַ זעלבשטענדיק לעבן אויף אַן אייגן לאַנד. ערשט די אַנטוויקלונג פון ציוניזם און פונם ישוב אין ארץ ישראל האָט געפירט אויך צו דער פאַרשפּרייטונג פונם העברייאיסטישן געדאַנק. העב־רייאיזם איז בלויז איין אַספּעקט פון אַ גאַנץ לעבן, ניט קיין אידייע וואָס איז פאַרענדיקט אין זיך אַליין, ווי דאָס איז שפּראַך־יידישיזם.

אַ גרויסע טייל פון די וויכוחים צווישן יידישיסטן און העברייאיסטן איז געווען געבויט אויפן זעלביקן לאָגישן פעלער ווי די מיטלאַלטערלעכע ראַנגלענישן צווישן יידישקייט און קריסטנטום. דאָס איז געווען אַ וויכוח צווישן צוויי ניט־גלייכע צדדים. די העברייאיסטן זענען אַן שום אויסנעם געווען ציוניסטן, זיי האָבן אין העברייאיש פאַרטיידיקט בלויז איין אַספּעקט פון אַן ענטפער אויף דער יידישער פראַגע, אַן ענטפער מיט וועלכן זיי האָבן אַלע מסכים געווען. די שפּראַך־יידישיסטן האָבן אַזאַ אַלגעמיינעם איינשטימיקן ענטפער ניט געהאַט, זיי האָבן לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש אָפּגעריסן די שפּראַך־פראַגע פון גאַנצן יידישן פּלאָנטער, איז געבליבן אַ נאַקעטע אידייע וואָס הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט זיך אַליין. קומט אויס אַז בעת די יידישיסטן האָבן אָנגעהויבן מיט שפּראַך האָבן די העברייאיסטן אָנגעהויבן מיט אַ גאַנצן קאָמפּלעקס אידייען וואָס פירן, לויט זייער מיינונג, דווקא צו העברייאיש אין אונדזער נאַציאָנאַלער אַנט־וויקלונג. די העברייאיסטן האָבן דעריבער אַרויסגעשטעלט גאַנץ אַנדערע פונדאַמענטאַלע טביעות, און האָבן זיך אַזוי ווייט ניט אָפּגעזונדערט, אפילו אין דער שפּראַך־פראַגע, פון דער יידישער פּסיכיק, ווי דאָס האָבן געטאָן

די שפּראַך־יידישיסטן. העברייאיזם איז, אחוץ זיין פאַרבינדונג מיטן ציוניזם, געשטאַנען נאָענט צו טראַדיציאָנעלע יידישע ווערטן. יידישיזם האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלן חלל און לאָזן יידיש פיגורירן ווי אַן איינציק פּיצל מאַטעריע וואָס שוועבט דאָרט אַרום.

8

סאָציאָלאָגיע, ווי אַ וויסנשאַפט, וועט זיך תמיד מוזן רעכענען מיטן פאַקט וואָס מען קען ניט אירע הנחות אויספּרובירן אונטער לאַבאָראַטאָרישע תנאים. ווען מען וויל, למשל, אין פּסיכאָלאָגיע דערגיין די ווירקונג פון פיזישער מידקייט אויף אינטעלעקטועלע פּראָצעסן, איז פאַראַן דערויף אַ גאַנץ באַשטימטע עקספּערימענטאַלע טעכניק. מען נעמט אַ פרישן, געזונטן מענטשן, פון נאָרמאַלער אינטעליגענץ, און נאָרמאַלע גייסטיקע אייגנשאַפטן בכלל, און מען פאַרגיט אים אַן אינטעלעקטועלע אַרבעט, לאָמיר זאָגן, מאַכן אַריטמעטישע חשבונות. דערנאָך נעמט מען דעם זעלביקן מענטשן, וואו אַלע פאַקטאָרן זענען נאַטירלעך די זעלביקע וואָס פריער, נאָר מען מאַטערט אים אויס מיט אַ באַשטימטער פיזישער אַרבעט. נאָך דעם פאַרגיט מען אים צו מאַכן ענלעכע אַריטמעטישע חשבונות. אויב דער פּועל יוצא אין דער צווייטער פּראָבע איז ערגער ווי אין דער ערשטער, פאַרשטייט מען אַז דאָס מוז זיין אַ רעזולטאַט פון פיזישער מידקייט. די אויפגאַבע פון אַ לאַבאָראַטאָרישן עקספּערימענט איז דעריבער אויסצומיידן די ווירקונג פון אַלע מעגלעכע פאַקטאָרן אַחוץ איינעם. ממילא איז דער שכל מחייב אַז די באַקומענע רעזולטאַטן זאָלן צוגעשריבן ווערן צו דעם איינציקן פאַקטאָר וואָס בלויז זיין ווירקונג האָט געקענט שפּילן אַ ראָלע. אין רוב סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען איז דאָס כמעט אוממעגלעך. דאָך זענען פאַראַן מאָמענטן ווען געזעלשאַפטן און פעלקער שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען וואָס זענען זייער ענלעך צו אַ לאַבאָראַטאָרישן עקספּערימענט.

וואָס וואָלט געווען ווען יידישקייט ווערט דערקלערט ווי אַ פּריוואַט־רעליגיע און ווערט אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן פון דער נאַציאָנאַלער עפנטלעכקייט? וואָס וואָלט געווען ווען אַלע פעדים פונם אַלטן יידישן געוועב ווערן איבערגעריסן, און עס בלייבן בלויז מענטשן פון יידישן אָפּשטאַם? וואָס וואָלט געווען ווען אין אַט אַזאַ אַטמאָספערע ווערט אַריינגעבראַכט אַן אייגענע שפּראַך, יידיש, ווי אַ נאַציאָנאַלער צעמענטיר־

כּוח? פֿאָלג מיך אַ גאַנג און פֿיר דורך אַזאַ מין עקספּערימענט כּדי אויסצוגעפֿינען וואָס עס וואָלט געווען. וואָס זשע טוט גאָט? קומט דער סאָוויעטן פֿאַרבאַנד מיט זיינע יידישן פֿאָרשטייער און דערלאַנגען אונדז ממש אויף אַ טעלער עפּעס וואָס איז זייער ענלעך צו אָט אַזאַ מין עקספּערימענט. אמת, אויך דאָרט איז דער עקספּערימענט ניט אין גאַנצן ריין פֿון זייטיקע פֿאַקטאָרן. די אַמאָליקע רוסיש־יידישע סביבה רייסט זיך נאָך אַלץ פֿון איר לעבעדיקן קבר אין אַלע ריכטונגען. אָבער אויף וויפֿיל דאָ איז בכלל מעגלעך אַן עקספּערימענט, זענען דאָס די אידעאַלסטע לאַבאָראַטאָרישע באַדינגונגען וואָס מען קען צוגרייטן.

ניט געווען קיין פֿאַל אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע ווען דאָס גאַנצע יידישע צוזאַמען־לעבן איז געבויט געוואָרן בלויז אויף שפּראַך, ווען מען האָט אויף אונדז אַרויפֿגעצוואונגען מיט שווערסטן סאָציאַלן דרוק אַז מיר מעגן בלויז לעבן נאַציאָנאַל אין „פֿאָרם״, ניט אין „אינהאַלט״, ווען מען האָט געשאַפֿן אַ לאַגע אַז אַוועק פֿון דער אייגענער שפּראַך באַטייט אויך אַוועק פֿון פֿאָלק בכלל. ניטאָ קיין איינציקער ביישפּיל אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע ווען מען האָט אויף אונדז אַרויפֿגעצוואונגען אַן איינציק דערלויבטע פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון אייגענע ברידער וואָס זאָל מיט באַגייסטערטער הסכּמה, און מיט סאָציאַלן און פֿיזישן צוואַנג, דורכפֿירן אַזאַ פֿרעמד־וועלטלעכן און שפּראַך־קאָנסעקווענטן עקספּערי־מענט. דאָס זענען דאָך ממש אידעאַל־לאַבאָראַטאָרישע תּנאָים וואָס אַ סאָציאָלער טעסט קען זיך נאָר ווינטשן.

די רעזולטאַטן זענען באַקאַנט ווייט און ברייט. אפֿילו די אָפֿיציעלע סאָוועטישע ציפֿערן לאָזן ניט איבער דעם מינדסטן ספֿק וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. איך וועל דאָ איבערגעבן בלויז עטלעכע פֿון די רייכע מאַטעריאַלן וועגן דעם ענין כּדי פּשוט צו דערמאָנען די פֿאַקטן. דר. אוריה צבֿי ענגעלמאַן דערציילט („צוקונפֿט״, סעפּט. 1936) אַז: „צום סוף 19טן יאָרהונדערט, נאָך דער פֿאָלק־ציילונג פֿון 1897, האָבן 96.9 פּראָ־צענט יידן אין רוסלאַנד גערעדט יידיש, און נאָר 3.1 פּראָצענט — אַנדערע שפּראַכן. ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט זיך דער שפּראַכלעכער צושטאַנד ניט געענדערט. דאָס ווערט באַשטעטיקט פֿון די ציפֿערן וואָס די „דזשאָינט דיסטריביושאַן קאָמיטע״ האָט צונויפֿגעקליבן אין די מלחמה יאָרן. אָבער זינט דער רעוואָלוציע גייט אָן די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע צווישן די יידן אין רוסלאַנד מיט אַ שטאַרקן אימפּעט... אין 1926 געפֿינען מיר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַז מער ווי 30 פּראָצענט יידן

האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יידיש ווי זייער שפּראַך. אין 9 יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז די צאָל שפּראַכלעך אַסימילירטע יידן געוואַקסן ניינפאַך". דאָס איז געווען אין 1926. ווי עס איז היינט איז ניט לייכט צו זאָגן, אָבער אַלע סימנים ווייזן אַז די אַסימילאַציע וואַקסט אין געאָמעטרישער פּראָגרעסיע. דר. ענגעלמאַן גיט אויך אָן ציפערן פון ביאָלאָגישער אַסימילאַציע (געמישטע חתונות) פון וועלכע עס ווערט זיכער ניט פריילעכער אויפן הארצן. וואָרים אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, פונקט ווי אומעטום, איז דער פועל יוצא פון אַ געמישטער חתונה אַז דער יידישער צד פאַרלאָזט זיין פאָלק און פאַרבינדט זיך מיטן פאָלק פונם אַנדערן צד.

געוויינטלעך ווייזט מען אָן אַז דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געעפנט אַלע טויערן פאַר יידן, צוגלייך מיט די אַנדערע פעלקער, און דאָס פאַרשטאַרקט דעם שטראָם פון אַסימילאַציע. נו, ווי איז אין „אייגענעם" יידישן לאַנד, אין ביראָ־בידזשאַן? דניאל טשאַרני ברענגט אַ ריי ציפערן פון אָפיציעלע סאָוויעטישע קוואַלן וועגן דעם דאָרטיקן יידישן שול־וועזן („קולטור און דערציאונג", פעברואַר, 1938). דער סך הכל פאַר ביראָ־בידזשאַן איז אַז 2075 יידישע שילער באַזוכן קלאַסן (קלאַסן — ווייל אין ביראָ־בידזשאַן זענען פאַראַן אַסך געמישטע שולן וואו די פאַרשיידענע קלאַסן האָבן ניט די־זעלביקע אומגאַנג־שפּראַך) וואו די לערן־שפּראַך איז יידיש, בעת ניין טויזנט יידישע קינדער לערנען אין רוסישע קלאַסן.

אַזאַ זיכערן, פולשטענדיקן, קאַטאַסטראָפאַלן דורכפאַל פון אַן עקספּערימענט קען מען צו אָפּט ניט פאַרצייכענען אין סאָציאַלן לעבן. ווי זשע האָט דאָס געווירקט אויף די סעקולאַריסטישע שפּראַך־יידישיסטן? אויך דאָס איז אַ טייל פונם עקספּערימענט, וואָרים דאָס דאַרף דאָך באַווייזן דעם פּסיכישן צושטאַנד וואָס די דאָזיקע טעאָריע האָט געשאַפן ביי די אידיאָלאָגן גופא. וואָס זשע לערנט אונדז דער עקספּערימענט אין אָט דעם פּרט?

מילא וועגן די פאַרשטייער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אָפּגערעדט. זיי האָבן זיך לחלוטין ניט מצער געווען. בנוגע יידן האָבן זיי זיך לייכט איינגעלעבט מיטן גאַנג פון די באַרימטע „סטיכישע" פּראָצעסן, און דערמיט פאַרענדיקט אַלע חשבונות. פאַרקערט, זיי זענען גרייט געווען צו באַפאַלן יעדן איינעם וואָס האָט געוואַגט אַרויסצולאָזן אַ זיפץ פון ווייטאָג

איבער דער לאַגע. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז וואָס די ספּעקולאַריסטיש־יידישיסטישע אינטעליגענץ פון אַנדערע לענדער איז געגאַנגען אויפן זעלביקן דרך. אפילו די וואָס האָבן זיך דערלויבט צו טייטלען אויף פאַרשיידענע חסרונות אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָבן זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון אומגעצאַמטער באַגייסטערונג פאַר די קולטורעלע ישועות ונחמות וואָס זענען געפאַלן אויפן מזל פון די סאָוויעטישע יידן. פאַקטן, ציפערן, אָפּשאצונגען, באַריכטן, קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. די רעגירונג האַלט אויס שולן אויף יידיש, יידישע ביכער, יידיש טעאַטער, בקיצור, יידיש, און דאָס פאַרענטפערט אַלץ. די וואַרעמע צוגעבונדנקייט צום אַבסטראַקטן לעבן פון אַ דאָגמע האָט אָפּגעקילט די פאַראינטערעסירטקייט אינם קאָנקרעטן לעבן פון אַ פאָלק.

טייל ספּעקולאַריסטישע יידישיסטן האָבן אויסגעטייטשט רוסיש־יידישע געשעענישן דערמיט וואָס דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד גיט יידן טאַקע די בעסטע קולטורעלע געלעגנהייטן, נאָר פּשוט די יידן ווילן קיין יידן ניט זיין. עס איז באמת געווען אַ רעטעניש ווי אַזוי אינטעליגענטע מענטשן פאַרטייטשן דאָס וואָרט „ווילן" ווען עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַלע געשעענישן. אויב יידן ווילן קיין יידן ניט זיין טאַ פאַרוואָס האָבן די סאָוויעטישע לייט ניט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויף דעם אַז דאָס אַליין וועט שוין אונטערברענגען די אַלטע יידישקייט? פאַרוואָס האָבן זיי ארויסגעוויזן אַזוי פיל פּונם „מענטשנס אוממענטשלעכקייט צום מענטשן", און ניט בלויז וואָרט־פּראָפּאַגאַנדע, בעת זיי האָבן צעשטערט, און ניט באַמיט זיך צו ווירקן כאָטש מיט פּאָזיטיווע רייד ווען מען האָט געוואָלט נאַציאָנאַל בויען? פאַרוואָס האָבן זיי אַזויפיל געאַרבעט צו שאַפן דעם ווילן אויף ניט, און האָבן בשום אופן ניט געוואָלט וועקן דעם יידישן ווילן אויף יאָ? פאַרוואָס זענען אין אַלע ישובים פאַראַן אַקטיווע יידישע גרופּעס וואָס רייסן זיך מיט אַלע כוחות יאָ צו זיין יידן, און אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד — ערשט נעכטן דער רעזערוואואַר פון אַלע יידישע געדאַנקען און באַוועגונגען — איז ניטאָ קיין איין באַוואוסטזיניקע גרופּע פון דעם מין? עס איז בכלל נייטיק טיפער אריינצודרינגען אינם פּסיכאָלאָגישן מעכאַניזם פון א סאָציאַלן ווילן איידער מען ברענגט אַרויס אַזאַ לייכטן פּסק דין אויפן גאַנצן יידישן ישוב אין סאָוויעטן פאַרבאַנד. איך בין זיכער אַז אויך אין יענער מדינת זענען פאַראַן גענוג אַזעלכע וואָס קרענקען און ווייטאָגן שטילערהייט אויף אונדזער דאָרטיקן נאַציאָנאַלן אומגליק, אָבער זיי קענען דאָס ניט פאַרוואַנדלען אין קיין פּאָזיטיווע אַקטן, ניט ווייל

זיי ווילן ניט, נאָר ווייל מען טאָר ניט, ווייל מען טעראָריזירט מיט דער גאַנצער אכזריות פון דער מאָנאָקראַטישער דיקטאַטור די וואָס ווילן עס יאָ.

9

וועלטלעכקייט, אָט דער באַגריף וואָס שיידט זיך אָפּ פון רעליגיע; וועלטלעכקייט, וואָס דערקלערט יידישקייט פאַר אַ רעליגיע, און ממילא פאַר אַ פריוואַט זאַך (אין דער אמת׳ן ווי אַ נאַרישע, אָפּט אפילו ווי אַ פאַרברעכערישע פריוואַט־זאַך), אָט די וועלטלעכקייט איז געווען אַ מורא־דיקער טעות ביי אונדז, זי האָט געפירט דערצו אַז מען זאָל וועלן אויס־וואָרצלען ביי אונדז יעדע פאַרבונדנקייט מיט אונדזער געשיכטע. אין איר נאָמען האָט מען אַנטוויקלט ממש אַן עקל־געפיל צו אַלע צערעמאָניאַלן, פייערלעכקייטן, געדענק־טעג און טרויער־טעג וואָס די אַלטע יידישקייט, ווי אַ געזונטער נאַציאָנאַלער קולטור פּראָדוקט, האָט מיט זיי אַזוי וואונ־דערלעך באַשיינט אונדזער לעבן. עס איז דערגאַנגען אפילו אַזוי ווייט אַז יידישיסטן וואָס האָבן אַזוי הייס פּראָטעסטירט, און מיט רעכט, קעגן רדיפות אויף יידיש אין ארץ ישראל, האָבן גלייכגילטיק — און טייל אויך מיט שטילער הסכמה — געקוקט אויף דער אַנטי־יידישער, אַנטי־נאַציאָ־נאַלער באַציאונג צו העברייאיש אין סאָוויעטן פאַרבאַנד.

איצט דאַרף שוין זיין קלאָר אַז ווען מען פּאַסט אויף יידישקייט ווי אַ רעליגיע, ווערט מען ממילא געטריבן צו דעם אַז דאָס גאַנצע גייסטיקע יידישע לעבן זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אונטער דער רובריק „רעליגיע". און אויב וועלטלעכקייט פאַרלאַנגט מען זאָל זיך פון דעם אָפּזאָגן, וואָס זשע בלייבט? אויס יידיש לעבן, אויס יידן, צו דעם איז עס טאַקע געקומען.

מיר וואָלטן שוין אויך געדאַרפט זיך צוגעוויינען אַביסל אַנדערש צו טראַכטן וועגן דעם ענין שפּראַך. אַ שפּראַך איז ניט קיין חי הנושא את עצמו, עס איז ניט קיין יש וואָס קען לעבן אין גאַנצן אויפן אייגענעם חשבון. שפּראַך איז פונקט ווי דער ניט־לאַנג אַנטדעקטער טאַבאַק־ווירוס. אין זיך אליין איז דאָס אינערט, אַ שטיק אומאָרגאַנישע מאַטעריע. אָבער אַזוי שנעל ווי עס רירט זיך צו צו אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם הייבט עס אָן אַרויסווייזן סימנים פון לעבן, און ווירקט מיט דער ספּעציפישער קראַפט וואָס בלויז לעבן פאַרמאָגט. יענע צופרידענע דורכפירער פון סעקולאַ־ריסטישער וועלטלעכקייט, וואָס טענה׳ן אַז זיי דאַרפן ניט קיין באַרעכ־

טיקונג פאַר יידיש, אַז יידיש איז ביי זיי ווי א נאַטירלעכער אבר, יענע פאַרגעסן אַז אַט די נאַטירלעכקייט האָט צו פאַרדאַנקען זייער יידישקייט פון אַמאָל, ניט זייער וועלטלעכקייט פון היינט. מען קען פונקט אַזוי האָפן אַז היינטער הוילן יידיש זאָל בלייבן אַ יידיש פאָלק, ווי מען קען גלויבן אַז היינטער עספעראַנטאָ זאָל ווערן אַן עספעראַנטיש פאָלק.

זאָל אָבער קיינער ניט דרינגען פון דעם אַלעם אַז וועלטלעכקייט און יידיש זענען סתם פאַלשע אָדער פוסטע לאָזונגען. היינטער יעדן פון די דאָזיקע געדאַנקען ליגט באמת אַ געזונטער קערן און אַ וועג־ווייזעריש ליכט, מען דאַרף בלויז בייטן דעם טראָפּ, בייטן דעם גאַנצן אויסגאַנג־פונקט, און — ווען דורכויס נייטיק — בייטן טערמינען, כדי איינצוזען די גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן וואָס אין זיי שטעקט.

יידישקייט איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע כסדר׳דיקע אַנטוויקלונג, האָט תמיד געדאַרפט אראָפּנעמען, צוגעבן און בייטן. ניטאָ אַזאַ יידישקייט וואָס מען זאָל איינמאָל פאַר אלעמאָל קענען אָנווייזן מיטן פינגער „אָט דאָס איז עס!" און ס׳זאָל זיין גילטיק אויף אַלע צייטן, און אין אלע לענדער. ראַנגלענישן צווישן פאַרשיידענע פאָרמען און אויסדרוקן פון יידישקייט זענען פונקט אַזוי אַלט ווי די יידישע געשיכטע בכלל, דאָס איז ווייניקער קענטיק ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ רעליגיע, אָבער פאַר אַ פאָלקסשטייגער איז דאָס נאַטירלעך און כאַראַקטעריסטיש.

אַ ייד, וואָס ווערט אין דער היינטיקער ניו יאָרק גערופן „אָרטאָ־דאָקס", וואָלט מסתמא געווען אַ קל שבקלים ביי אַן אָרטאָדאָקס אין אַ פּויליש שטעטל, אָדער אין ירושלים. אַן אַמעריקאַנער „קאָנסערוואַטיוו" וועט אויסזען ווי אַ „גוי גמור" ביי אַ גאַליציאַנער חסיד, און אַן אַלט־פרענקישער ייד ביי אַ רעפאָרמירטן ראַבײ. אַ פּראָגראַם פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן ווי עס וואָלט פאַרגעשלאָגן אַ ייד פון יואל ענטינס שניט, וואָלט מסתמא באַטראַכט געוואָרן ווי נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעז־פאַנאַטיש־כלל ישראל׳דיק ביי אַן אַלטן היימישן בונדיסט.

היינטיקע צייטן, מער ווי אין פריערדיקע דורות, שטייט פאַר אונדז די גרויסע פּראָבלעם פון מאָדערניזירן, צופּאַסן צו צייט, פּלאַץ, און צו אונדזער אייגענער געענדערטער פּסיכיק, די גייסטיקע פאָרמען פון יידישן אויסדרוק, יידישקייט. דער אויסגאַנג־פונקט פון אַלע יידישקייט־פאָרמען איז געווען אומבאַוואוסטזיניק, אָדער האַלב־אומבאַוואוסטזיניק, קיום האומה. היינט דאַרף דער דאָזיקער ציל קלאָר און אָפן אַוועק־געשטעלט ווערן, און קיינער פון אונדז קען ניט זיין פּאָזיטיוו יידיש,

אַקטיוו יידיש אויב ער איז גלייכגילטיק צו אַט דעם ציל. עס דאַרף זיין אונדזער עובדא קלאָר צו מאַכן אַז יעדע אַלטע לעבנס־פאָרם ברענגט אָפּט אַרויס אין איר זיגזאַגישער אַנטוויקלונג פּראָדוקטן וואָס זענען שעדלעך פאַר איר אייגענער עקזיסטענץ. אויך יידישקייט איז ניט, און קען ניט זיין, קיין יוצא מן הכלל. מיר דאַרפן דעריבער, אפילו אין שאַרפער קריטיק קעגן אַזעלכע פאַרעלטערטע, אדער סתם־שעדלעכע פאָרמען, אַרויסרופן דעם צוטרוי ביי יידן אַז מיר טוען דאָס אין נאָמען פון קיום האומה.

וועלטלעכקייט האָט געפאָדערט אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אַלץ וואָס פרומע יידן האָבן אַמאָל געטאָן. די מאָדערניזירונג־טענדענץ, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, וועט האַלטן פונקט פאַרקערט. יעדער מנהג, יעדע פאָרם, יעדע אַלטע טראַדיציע, איז שוין צוליב דעם אַליין אונדז טייער, ווייל זי איז אַלט, ווייל זי איז טראַדיציע, ווייל זי איז היסטאָריש פאַרוואָרצלט, ווייל זי איז נאָענט דער פסיכיק פון פאָלק. שווער אָנצו־נעמען ווערט זי בלויז דעמאָלט ווען זי פּאַסט זיך ניט אַריין אין די לעבנס־פאָרמען פון אַ מאָדערנעם מענטשן. אַזאַ שטאַנדפּונקט שטעלט זיך איין פאַר יידישן אינהאַלט, פאַר אַלע יידישע ווערטן, ער זוכט זיי בלויז צוצופּאַסן צום לעבן פון היינטיקן טאָג, ווייל דאָס ליגט אין די אינטערעסן פון זייער אייגענער עקזיסטענץ. יידיש ווערט דעמאָלט אַ טייל פונם זעלביקן פאַרמעגן, וואָרים אין שפּראַך, אויף וויפיל זי איז אַן אויסדרוק פון אַן אייגנאַרטיק פאָלקיש לעבן, ליגט אַ ריזיקער כוח דאָס דאָזיקע לעבן רייכער און שטאַרקער צו מאַכן. קיינער קען ניט, און טאָר ניט, אָפּלייקענען אַז יידיש לעבט איצט דורך אַ מוראדיקן קריזיס, אַז די מניעות וואָס האָבן זיך געשטעלט אין וועג זענען ניט אַזעלכע וואָס מען קען לייכט בייקומען. אָבער דאָס וואָס איז ריכטיק וועגן יידיש איז ריכטיק וועגן יידן בכלל. דער זעלביקער גייסט וואָס וועקט אין אונדז דעם גלויבן אַז מיר, ווי אַ פאָלק, וועלן בייקומען די איצטיקע לויערנדיקע סכנות, דאַרף אין אונדז אויך וועקן דעם גלויבן אינם קיום פון יידיש. עס מעג זיך פאַרקלענערן די צאָל יידן וואָס וועלן לעבן מיט יידיש, אָבער דער אונטערגאַנג פון יידיש וואָלט געווען די זיכערסטע באַשטעטיקונג אַז מיר זענען אונדזערע אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע סכנות ניט בייגעקומען. וואָרים דאָס וואָלט געהייסן אַז דאָס פולבלוטיקסטע יידישע לעבן — וואָס אַן אייגענע שפּראַך איז בלויז זיין אויסדרוק — האָט אומעטום אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. בכלל, יידיש איז געבוירן געוואָרן

און זיך אויפגעהאַלטן ווייל יידן האָבן געלעבט יידיש, און וואָס מער יידן וועלן לעבן יידיש אַלץ לענגער וועט יידיש לעבן.

אַ געדאַנקען־גאַנג וואָס וויל שפּילן אַ פּירנדיקע ראָלע אין יידישן לעבן, און איז מאָראַליש באַרעכטיקט דערצו, קען דאָך ניט זיין קיין אַנדערער ווי אַזאַ וואָס זיין הויפּט־ציל איז קיום האומה. די וואָס טענה׳ן אַז מען דאַרף דאָס גאָרניט אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז נאַטירלעך, אַז בלויז קראַנקע מענטשן זענען תמיד באַזאָרגט וועגן זייער געזונט־צושטאַנד, אאז״וו, אַזעלכע פאַרשטעלן דאָס אמת׳ע בילד פון דער לאַגע. מיר מעגן זיי אָפן חושד זיין אַז עפּעס האַלט זיי אָפּ פון רעדן קלאָרע דיבורים, אַז אפשר דיקטירט זיי די געטריישאַפט צו אַן אַנדער אידיאָלאָגיע צו זיין באַזונדערס איינגעהאַלטן ווען עס קומט צו יידן און יידישקייט. וואָרים אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק, איז אפילו אין די געטאָ־צייטן ניט געווען אַזוי ממילאדיק און „נאַטירלעך״, ווי ביי פעלקער וואָס זענען ניט אין גלות. אַזעלכע דערשיינונגען ווי שמד און סתם „אַנטלויפן״, האָבן תמיד געלויערט איבער אונדז. די וואָס ווילן דורכויס פאַרשטעלן דאָס קראַנקע יידישע לעבן מיט געזונטע גויאישע רייד מוזן מיט דער צייט ווערן גלייכגילטיק צו אונדזערע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, ווי מיר זעען דאָס איצט אַזוי קלאָר. דעריבער ווען מיר רעדן דאָ וועגן מאָדער־ניזירנדיקע אויפגאַבעס איז דער ציל ניט צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון אַן אַבסטראַקטן סעקולאַריזם נאָר פון אַ קאָנקרעטער יידישקייט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז כאָטש יידישיסטן האָבן זיך איינגע־שטעלט פאַר וועלטלעכקייט פונקט אַזוי שטאַרק ווי פאַר יידיש פונ־דעסטוועגן האָבן זיי דעם „־יזם״ צוגעטשעפּעט צו דער אייגענער שפּראַך און ניט צו דער פאָדערונג פון אַ וועלטלעכן, ד״ה, ניט־רעליגיעזן, איב־האַלט. זיי האָבן, ווייזט אויס, געפילט אַז אַ אידייע וואָס וויל ווערן אַ באַוועגונג און אַפּעלירן צום פאָלק דאַרף קודם כל אונטערשטרייכן דאָס וואָס איז פּאָזיטיוו און נאַציאָנאַל, און דאָס ליגט נאַטירלעך אין יידיש. עס איז ניט זייער שולד וואָס יידן זענען פּסיכיש ניט גרייט צו געפינען אין שפּראַך יענע נאַציאָנאַלע ווערטן ווי מיר באַמערקן דאָס ביי אַנדערע פעלקער. ממילא איז קיין וואונדער ניט וואָס די לאָזונג „יידישיזם״ איז בלויז געבליבן דער אידענטיפיקאַציע־צייכן ביי עטלעכע געציילטע אין אונדזער סביבה, אָדער אין געציילטע מאָמענטן. דער פאַרשפּרייטסטער אויסדרוק איז געוואָרן „יידישע קולטור״, וואָס איז אַסך כאַראַקטעריסטי־שער ווי מען קען זיך פאָרשטעלן.

דער באַגריף יידישע קולטור טוט אויף צוויי זאַכן. ער שליסט איין אין זיך יידיש ווי אַ טייל פון אַ נאַציאָנאַל־קאָנסטרוקטיווער אידעאָלאָגיע, און ער שאַפט אָפּ די אַבסטראַקטע, געקינצלטע מחיצה צווישן „רעליגיעז" און „וועלטלעך" אין דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט. יידישע קולטור איז אַן איינהייטלעך געוועב וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון דורות און אין פאַרשיידענע תנאים. אַלע אירע טיילן האָבן אויסגעפילט וויכטיקע פונקציעס אין אונדזערע שטרעבונגען צו פאַרבלייבן אַ סאָציאַל־שאַפנדיקער אָרגאַניזם. דעם דאָזיקן באַגריף איז פרעמד דער צוגאַנג פון גרינגשעצן און דערהייבן, פון חוזק און ליב־געזאַנג, אויפן סמך פון אַ סטאַנדאַרט וואָס האָט ניט קיין שייכות צו אַלגעמיין מענטשלעכער מאָראַל אָדער קיום האומה.

די יידישע קולטור האָט זיך געביטן אין אַלע צייטן לויט די פאָדערונגען און באַדינגונגען פון לעבן. איצט האַלטן מיר ביי אַ לאַגע ווען טיפע ענדערונגען דאַרפן ווידער געמאַכט ווערן, ווערן פאַקטיש געמאַכט פון זיך אַליין, און עס איז די אויפגאַבע פון יעדן צווישן אונדז צו צאַמען און קאָנטראָלירן דעם דאָזיקן פּראָצעס אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער יידישקייט־סיסטעם. אָבער דאָס קענען טאָן בלויז די וואָס האָבן אַ וואַרעם האַרץ פאַרן גאַנצן געוועב פון דער יידישער קולטור, און זענען דורכגעדרונגען מיט די צילן וואָס זי האָט תמיד געדינט.

אָט די וואָס פאַרשטייען אונדזערע אויפגאַבן אויף אַזאַ'ן אופן, און נעמען אַריין יידיש אין זייער אַלגעמיינעם פּלאַן, זענען יידישע קולטור־ריסטן, און „קולטוריזם" איז אַסך אַ פּאַסיקערע באַצייכענונג פאַר דעם וואָס ווערט פאַקטיש געזאָגט און געטאָן אין אַלע אונדזערע פּראַקטישע טעטיקייטן און טעאָרעטישע פאָרמולירונגען. דער באַגריף „יידישיזם" פאַרטונקלט אונדזער פּראָבלעם און פירט אונדז פאַלש אויסצוטייטשן פאַרשיידענע קולטור־דערשיינונגען אין יידישן לעבן.

ווי אַזוי דאַרף זיך קאָנקרעט אויסדריקן די מאָדערניזירונג פון יידישקייט אין אונדזערע צייטן? קודם כל דאַרף זיין קלאָר אַז אַזאַ אויפגאַבע קען ניט זיין געבויט אויף אַבסאָלוטע גרענעצן צווישן אַזעלכע שטייגערשע אויסדרוקן וואָס זענען נויטווענדיק פאַר אונדזער קיום און אַזעלכע וואָס זענען ניט ניצלעך פאַר דעם צוועק, אָדער צווישן דעם וואָס איז פּאַסיק און דעם וואָס איז ניט פּאַסיק פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן אין אַ מאָדערן לעבן. אַזעלכע אַבסאָלוטע גרענעצן זענען ניטאָ און קענען ניט זיין. פּרטים פון דעם מין זענען פאַרבונדן מיט געוואוינהייטן,

מיינונגען, געשמאַקן, אד״ג. ביים באַשטימען אַזעלכע פּונקטן וועלן נאַטירלעך זיין די פאַרשיידנסטע חילוקי דעות. דער עיקר איז דאָ דער אַלגעמיינער פּרינציפּ. אויב מיר שטעלן זיך איין פאַרן געדאַנק אַז די צעטיילונג „רעליגיעז־וועלטלעך״ איז ביי אונדז פאַלש און פאַרפּירעריש; אויב מאָמענטן פון יידישקייט ווערן ניט טריף בלויז צוליב דעם וואָס אין באַוואוסטזיין פון פרומע יידן ווערן זיי אויך סאַנקציאָנירט פון איבער־נאַטירלעכע כוחות, ווי דאָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלטע טראַ־דיציעס; אויב די מאָס איז היסטאָרישע פאַרוואָרצלטקייט, אינהאַלטלעכע רייכקייט, שיינע פאָרם און צוגעפּאַסטקייט צום מאָדערנעם לעבן, דעמאָלט שאַפט זיך אַ קלאָרע ריכטונג סיי פאַר דעם וואָס מען דאַרף אָננעמען, סיי פאַר פשרות וואָס מוזן געמאַכט ווערן.

דער דאָזיקער דרך איז אייגנטלעך דער זעלביקער וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַלע ענדערונגען אין דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט, בלויז צוויי באַוועגונגען האָבן אָפּגעטראָטן פון אָט דעם דרך. דאָס איז די דייטשישע רעפאָרם און דער סעקולאַריסטישער שפּראַך־יידישיזם. די ערשטע האָט צעטיילט יידישקייט אויף צוויי קאַטעגאָריעס: רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, און זיך אויסגעקליבן די ערשטע. די צווייטע באַווע־גונג האָט אויך צעטיילט יידישקייט אויף צוויי קאַטעגאָריעס: יידישקייט אָן יידיש, נאָר זיך אויסגעקליבן די צווייטע. די ערשטע פאַרוואָסערט דאָס נאַציאָנאַלע בלוט, וואָס דאַרף זיין אַזוי רויט און אימפּעטיק ביי אַ פאָלק אין גלות. די צווייטע עפּנט אויף שטילערהייט די בלוט־גע‏פעסן, רינט אויס דאָס בלוט פון זיך אַליין.

ווען דאָס גייסטיקע לעבן פון יידישן פאָלק ווערט ניט צעהאַקט אין זיין וואָרצל, ווי דאָס טוען די רעפאָרמער און די סעקולאַריסטן, דעמאָלט שיינט פאַר אונדז אַרויס דאָס אַלט־אַלטע געוועב, ניט קיין איינצלנער פאַרבינדונג־פאָדעם, וואָס באַהעפט אונדז ווי א פאָלק. קודם כל לייכט פאַר אונדז דאָס טיפע באַוואוסטזיין אַז מיר זענען אַ פאָלק און האָבן דעם ווילן דאָס צו פאַרבלייבן. מיר האָבן אַ געפיל פון לאַנגער היסטאָרישער שותפות, און אַ בשותפות׳דיקע קרובה׳שאַפט מיט די גרויסע פּערזענ־לעכקייטן און גרויסע געשעענישן וואָס קוקן צו אונדז אַרויס דורך די פענסטער פון אונדזער געשיכטע. אונדז אַלעמען רעגט אָן דאָס געפיל פון צוגעבונדנקייט צו אַלע יידישן ישובים איבער דער וועלט און זייער היסטאָריש מזל, צוזאַמען מיט אַ פּסיכישער גרייטקייט מיטצולעבן זייער פרייד און לינדערן זייער פּיין אין קריטישע מאָמענטן. מיר דריקן אויס

דאָס גייסטיקע פון פאָלק דורך מיטלעבן אין קאָנקרעטע סימבאָלישע און שטייגערשע פאָרמען אונדזער גראַנדיעזע היסטאָרישע דראַמע אין ערנסט, יום טוב, און טרויער. בקיצור, דערמיט דריקט יעדער פון אונדז אויס דאָס געפיל אז „בתוך עמי אני יושב".

צווישן די קרעפטיקסטע אָביעקטיווע סימנים פון אונדזער אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט, וואָס איז אויך אַ ריזיקער פאַקטאָר אין פאַרשטאַרקן אונדזער קיום ווי אַ פאָלק, דאַרף מען באַזונדערס רעכענען די אינסטיטוציעס וואָס מיר באַשאַפן אין יעדן ישוב באַזונדער, און ספּעציעל די וואָס זענען אָרגאַניזירט אויף אַן אַלוועלטלעכן פאַרנעם. פון קלענסטן בית המדרש ביז גרויסע סאָציאַלע און קולטורעלע אונטערנעמונגען, פון אַ ליאַדע צדקה חברה ביז „דזשוינט", פון האַיאַס ביז ציוניזם, פון אַ זשורנאַלכל אין אַ פּראָווינץ שטעטל ביז ייווא אָדער ירושלימער אוניווערזיטעט — דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער אַפּאַראַט וואָס בויט פאַר אונדז דאָס יידישע לעבן און בויט אונדז אַלעמען אַריין אין אַט דעם לעבן. יעדע יידישע גרופּע וואָס ווערט ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק אָפּגעריסן פון אלגע־מיינעם יידישן אינסטיטוציאָנעלן לעבן ווערט אַ דאַרנדיקע צווייג אויף אונדזער בוים.

די יידישע וועלטלעכקייט פאַרטרעט דעם איינציקן קרייז אין יידישן לעבן וואָס האָט ניט אויסגעבויט פאַר זיך קיין געזעלשאַפטלעכן צענטער, קיין אינסטיטוציע וואָס זאָל פאַרבינדן יידישע סאָציאַלע און גייסטיקע אינטערעסן, וואָס זאָל ווערן אַ שטענדיקער אויסדרוק פון אָרגאַניזירט לעבן. אומעטום איז פאַראַן אַ שול, אַ בית המדרש, אַ סינאַגאָגע, אַ „צענטער", — די יידישע וועלטלעכקייט האָט אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם דאָזיקן עול. אין די קינדער־שולן זענען פון זיך גופא אויסגעוואַקסן בלאַסע שאָטנס פון אַט אַזעלכע צענטערס, און האָבן געשאַפן אַ שטיקל מקום מנוחה פאַר די וואַנדערער פון דער יידיש־וועלטלעכער סביבה. אָבער טוף כל סוף זענען זיי בלויז צוטשעפּענישן צו דערציאונג־אינסטיטוציעס, און עס איז ניט זייער אויפגאַבע זיך צו פאַרנעמען מיט ברייטער פאָלק־טעטיקייט.

דער דאָזיקער ווייט־גייענדיקער חיסרון נעמט זיך ניט, ווי מען קען מיינען, פון צופעליקער נאַציאָנאַלער אָפּגעלאָזנקייט, נאָר דער עיקר פון דעם וואָס „יידיש־וועלטלעך" איז סוף כל סוף הוילע, אַבסטראַקטע טעאָריע וואָס קען העכסטנס פירן צו אַ שטאַנדפּונקט, אָבער ניט צו אַ קאָנקרעטער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. דאָס איינציקע קאָנקרעט־פּראַקטישע וואָס האָט

געקענט געבוירן ווערן פון אַזאַ טעאָריע זענען די שולן. זעען מיר טאַקע אַז די דאָזיקע סביבה צעטיילט זיך אַקוראַט לויט די שול־טיפּן וואָס זי פאַרמאָגט. ניטאָ קיין אַלגעמיינע פונדאַמענטאַלע ליניע וואָס זאָל זי אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן פאַראייניקן. אַזוי לאַנג ווי אַט דער קרייז וועט פאַר זיך קיין אייגענעם „בית הכנסת״ ניט אויפבויען וועט אים פעלן דער פיזישער יסוד און די סאָציאַלע מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען מכח אל הפועל די נאַציאָנאַלע פּאָטענצן וואָס ער פאַרמאָגט. די טבע פונם צעזייטן יידישן לעבן איז אַזאַ אַז קיינער פון אונדז קען ניט זינדיקן קעגן דעם פּרינציפּ פון סינאַגאָגישער אָרגאַניזירטקייט און בלייבן אומ־באַשטראָפט.

עס איז אויך אַן אומגליקלעכער סימפּטאָם פון אַ ביטער גלות לעבן וואָס יידן איז נאָך ביז איצט ניט געלונגען צו בויען פעסט־אָרגאַניזירטע קהילות אין דעמאָקראַטישע לענדער — וואו מיר ווערן באַטראַכט פאַר יחידים־בירגער — און וואָס אַלע באַמיאונגען צו שאַפן אַן אמת׳ן יידישן וועלט־קאָנגרעס ענדיקן זיך אָן הצלחה. קאָנגרעס און קהילות זענען פּאַקטיש צוויי זייטן פון זעלביקן אַלט־אַלטן געדאַנק וואָס פאַר אים האָבן זיך איינגעשטעלט יידן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. יעדער באַוואוסט־זיניקער ייד קען פאַרשטיין דעם אומגעהייערן ווערט פון אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזירטקייט אין אונדזער לעבן. און כאָטש די מניעות זענען זייער שווערע און ערנסטע דאָך, האַלט איך אַז אונדזער וויכטיקסטע אויפגאַבע אין די גלות־לענדער דאַרף זיין צו בויען לאָקאַלע און לאַנד־אָרגאַניזאַציעס אומעטום צו געשטאַלטן און אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן. מען דאַרף דאָס טאָן אפילו ווען אַ קאָנגרעס אויף אַ וועלט־פאַרנעם באַגעגנט צו גרויסע שטרויכלונגען אויף זיין וועג. איצט איז די צייט צו לייגן אַלץ מער דעם טראָפּ אויף אונדזערע שייכותן צו „אַ וועלט מיט יידן״, ניט אויף די צעשייד־ליניעס פון ריכטונגען. וואָס מער מיר וועלן דאָס איינזען, וואָס מער אַלע גרופּירונגען פון אונדזער פאָלק וועלן דאָס איינזען, אַלץ מער וועלן מיר זיין גרייט צו לעבן ניט בלויז ווי אַ פּסיכיש פילנדיק נאָר אויך ווי אַ טעכניש אָרגאַניזירט יידיש פאָלק.

ווען אַט די אַלע סוביעקטיווע און אָביעקטיווע מאַניפעסטאַציעס פון נאַציאָנאַלן לעבן ווערן אַנגעטרונקען מיט די זאַפטן פון אַן אייגענער שפּראַך, אין אונדזער פאַל יידיש, גיט דאָס צו אַ באַזונדער פרישקייט, עפּעס נייע קוואַלן פון אייגענער שאַפנדיקער קולטור, און, דער עיקר,

פילט אונדז אָן מיט דער באַרעכטיקטער זיכערקייט אַז דער קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ וועט זיך ענדיקן מיט אַ נצחון. יידיש ווערט דערמיט אַ פונקציע פון אַ ברייט פאַרצווייגט לעבן, און איז אין דעם זינען, און בלויז אין דעם זינען, צווישן די אָנגעזעענסטע נאַציאָנאַל־קאָנסטרוקטיווע כוחות וואָס מיר פאַרמאָגן.

דאָס פּראַקטישע געווינס פונם געענדערטן צוגאַנג צו וועלטלעכקייט האָבן מיר שוין געזען, דאָך וועלן ניט זיין איבעריק נאָך עטלעכע באַ־מערקונגען. קודם כל וועגן דעם וואָרט גופא. דאָס וואָרט „וועלטלעך" איז שוין זייער אַן אַלטער תושב אין יידיש. אַ ייד וואָס איז געווען אַביסל אויפגעקלערט, געוואוסט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, געלייענט גויאישע צייטונגען, אַט אַזאַ ייד פלעג הייסן, אין די צייטן פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, וועלטלעכער ייד, אָדער וועלטלעכער מענטש. אין מיין קינדהייט האָב איך אָפט געהערט ווי מען האָט חסידישע רביים קלאַסיפיצירט אויף אַזעלכע וואָס זענען בלויז אַריינגעטאָן אין די עולמות עליונים און ווייסן ניט קיין צורת המטבע, און אַזעלכע וואָס זענען וועלט־לעך. אָבער „וועלטלעך" אינם זינען פון ניט זיין פאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע, פון זיין אין דרויסן פון דער קירך, דאָס איז אַ ריין דייטשיש וואָרט, און האָט מיט יידיש לחלוטין ניט וואָס צו טאָן. ביי אונדז איז ניטאָ קיין קירך און קיין „דרויסן", ממילא האָט אַזאַ באַגריף גאָרניט געקענט געבוירן ווערן. אַסך בעסער וואָלט געווען ווען דער ניט־יידישער באַגריף וואָלט זיך ניט באַהאַלטן הינטער אַן אַלט יידיש וואָרט מיט אַ נייעם גויאישן טייטש. אַזאַ וואָרט ווי „סעקולער" וואָלט לכל הפחות ניט געווען אַזוי פאַרפירעריש ווי „וועלטלעך".

עס איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן אויף אַ רגע כדי איינצוזעהן אַז דאָס וואָס איך האָב אין זינען מיט דער גייטיקער מאָדערניזאַציע פון יידישקייט איז טאַקע צו מאַכן אונדזער לעבן מער וועלטלעך, אָבער אין אַלטן יידישן ניט אין נייעם דייטשישן, זינען פון וואָרט. איך וואָלט דעריבער זיך גאָרניט געשעמט דאָס דאָזיקע זייער פּאַסיקע וואָרט אָנ־צונעמען, בתנאי מיר זאָלן קלאָר פאַרשטיין וואָס מיר מיינען. וועלטלעך ניט ווי אַ קעגנשטעלונג צו רעליגיע, נאָר ווי אַ קעגנשטעלונג צו אַ מין טראַדיציאָנעלער פאַרגליווערטקייט, אָדער צו אַן איינגעשפּאַרטער אָרטאָ־דאָקסיע וואָס וויל אַז איר טעאָריע זאָל זיך באַוווסטזיניק מאַכן בלינד צו איר אייגענער פּראַקטיק וואָס די צייט צווינגט אַרויף.

דער געענדערטער צוגאַנג צו יידיש פירט אויך צו גאַנץ באַשטימטע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן. דער געדאַנק אַז די איינציקע פאָרם פון נאַציאָנאַלן לעבן ביי יידן איז לינגוויסטישע יידישקייט מוז פירן דערצו מען זאָל באַטראַכטן אַלע יידן וואָס לעבן זיך אויס אין דער לאַנד־שפּראַך ווי אויסגעשלאָסענע פון כלל ישראל. בלויז אַ טעאָריע וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין דער ספערע פון אַ פרעמד נאָרמאַל פאָלק קען קומען צו אַזאַ אויספיר. ווי אַזוי מען קען אַנווענדן אַזאַ געדאַנקען־גאַנג אויפן יידישן פאָלק איז פשוט למעלה מן השכל. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אַז צווישן די שאַפער און איניציאַטאָרן פון די איצטיקע גרעסטע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן זענען פאַראַן אַזוי פיל וואָס יידיש איז זיי געווען פרעמד; אַז טויזנטער, טויזנטער לאַנד־שפּראַכיקע יידן האָבן פאַר אונדז געשאַפן אומגעהייערע פּראַקטישע און טעאָרע־טישע ווערטן אַט גלייך פאַר אונדזערע אויגן, כדי איינצוזען ווי קאָמיש אַזאַ טעאָריע איז. עס איז גענוג צו טראַכטן וועגן דעם אויף וויפיל אַזאַ טעאָריע שאַפט אַן אייזערנע מחיצה צווישן אונדז און די בעסטע לאַנד־שפּראַכיקע יידן פון אונדזער דור, כדי איינצוזען ווי שעדלעך זי איז. לינגוויסטישער יידישיזם איז תמיד געווען צו וויניק איבערקלייבעריש, צו עקסטראַוואַגאַנט, ביים באַנוצן דאָס וואָרט „אַסימילאַציע" אין אַזעלכע פאַלן. עס קומט אויס אַז אַ ייד וואָס האָט אַלע אויסגערעכנטע אַטריבוטן פון אַ געטרייען, באַוואוסטזיניקן יידן, נאָר איז ווייט פון דער יידישער שפּראַך, אַזאַ ייד איז אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל. אָבער אַ יידיש־רעדנדיקער ייד וואָס וואָרצלט זיך אויס פון אַלע יידישע אינטערעסן און פאַרבינדונגען, אַזאַ ייד דאַרף אונדז זיין אַ נעענטערער נאַציאָנאַלער קרוב.

עס שטעקט אין דעם אַ מערקווירדיקע בלינדקייט צו דער קאָנקרעטער לאַגע אין וועלכער מיר לעבן. די לאַנד־שפּראַכיקע סביבה ווערט סוף כל סוף ניט געשאַפן פון עמיצנס פרייען ווילן. זיכער ניט ווי אַ פועל יוצא פון וועלן אַנטלויפן פון יידישן פאָלק. עס זענען פאַראַן אָביעקטיווע תנאים וואָס אפילו איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען קענען זיי ניט בייקומען. פּונקט ווי ביי די אידעאַלסטע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען אין ארץ ישראל, אָדער אויף אַן אַנדער טעריטאָריע, וועלן נאָך אַלץ בלייבן מיליאָנען יידן אין די גלות־לענדער, אַזוי וועלן אויך מוזן זיין גרויסע יידישע לאַנד־שפּראַכיקע קאָלאָניעס אפילו ווען יידיש זאָל האָבן די גינ־ציקסטע און פרייסטע באַדינגונגען זיך צו אַנטוויקלען.

דאָס אריינרעכענען יידיש צווישן די וויכטיקסטע נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַקטאָרן וואָס מיר פאַרמאָגן איז אַ נייס, און בלי ספק זייער אַ וויכטיקע נייס, אין יידישן טראַכטן. אָבער מיר וועלן אָנטאָן דעם גרעסטן שאָדן דער דאָזיקער אידייע גופא, אויב מיר וועלן זי אין דער טעאָריע אָננעמען ווי אַ מין שטעלפאַרטרעטער אויפן אָרט פונם גאַנצן ברייטן געוועב פון יידישקייט. אחוץ דעם וואָס דאָס ווערט אָפּגעלייקנט פון אַלע פאַקטן פון פאַרגאַנגענעם און איצטיקן יידישן לעבן, וועלן מיר דערמיט אָפּשטויסן די וואָס צו זיי ווילן מיר אַפּעלירן. מיר וועלן אָפּשטויסן מיט אַזאַ טעאָריע אפילו יידיש־רעדנדיקע יידן, און פאַרלירן זייער צוטרוי.

אויב מיר האָבן אין זינען דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור אין ברייטסטן זינען, דעמאָלט דאַרפן מיר מיט מער אָפּגעהיטקייט אונטערשיידן צווישן די וואָס זענען און בלייבן מיטן פאָלק און די וואָס טיילן זיך אָפּ. נית אַלע קענען פאָרן קיין ארץ ישראל אָבער אַלע קענען זיין ציוניסטן. נית אַלע קענען לעבן מיט יידיש, אָבער דורכנעמען זיך מיט דער איבערצייגונג וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַטייט פון יידיש, דאָס קען מען. דאָס איז אַן אומגעהייער וויכטיקע אויפגאַבע, און יעדע הצלחה קען האָבן אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג סיי אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור אין יידיש, סיי אויף פאַרשטאַרקן אונדזערע פּאָזיציעס אין פאָלק, אָבער כדי מען זאָל דאָס דערגרייכן איז קודם כל נייטיק מיר זאָלן באַטראַכטן יעדע לאַנד־שפּראַכיקע יידישע גרופּע פון שטאַנדפּונקט פון איר באַוואוסטזיניקער מיטשפּיל אין דער נאַציאָנאַלער דראַמע פון יידישן פאָלק. אַזאַ שטאַנדפּונקט וועט אוועקשטעלן גרענעצן און מחיצות אויף די געהעריקע פּאָזיציעס.

דאָס פּראַקטישע לעבן האָט קלאָר באַוויזן אַז מיר האָבן מער אין שותפות מיט לאַנד־שפּראַכיקע יידן וואָס האָבן די אַנדערע נאַציאָנאַלע אַטריבוטן ווי מיט די וואָס רעדן יידישע רייד און זענען לחלוטין ווייט פון יידישע מעשים. אין אונדזערע באַציאונגען מיט דעם נענטערן שותף וועלן מיר, אפילו מיט אונדזער הוילער נאָענטקייט צו אים, קלאָר מאַכן אויף ווי ווייט מיר שאַצן אָפּ יידישע מעשים, און אַז ביי אונדז איז יידיש אַ לעבעדיקע פונקציע פון אַזעלכע מעשים, נית עפּעס סתם אַ פאַרליבטקייט אין יידיש, ווייל אַזוי דיקטירט אַן אַבסטראַקטע טעאָריע פון לינגוויסטישן נאַציאָנאַליזם. בלויז דעמאָלט איז פאַראַן אַ האָפענונג מען זאָל אונדז פאַרשטיין, און זיך אָריענטירן אין אָט דעם צוגאַנג ווי אַ צושטייער צו דער דורות׳דיקער אַנטוויקלונג פון יידישקייט.

10

די גאַנצע יידישע פילאָזאָפיע פון דער יידיש־וועלטלעכער סביבה דריקט זיך אויס אין דער פאָרמולע „לינגוויסטיש־סעקולאַריסטיש״. ביידע באַגריפן זענען געקומען צו אונדז פון דער פרעמד, פון אַן אַנדער לעבן, אַנדערע פעלקער, אַנדערע האָפענונגען און אַנדערע מיטלען אין לעבנס־קאַמף. אָבער בעת דאָס ערשטע, לינגוויסטיש, איז פאַר אונדז לופטיקע פאָרם און צעקריכט ווי שפינוועבס ווען מען נעמט עס אין האַנט, האָט דאָס צווייטע, סעקולאַריסטיש, סתם צו אונדז קיין שייכות ניט. פילאָזאָפישער סעקולאַריזם, דאָס הייסט פרייע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, איז פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע ווינקלען פון יידישן לעבן וואָס ווערן באַטראַכט פאַר „רעליגיעז״. דערוויל שטאַמען פון דאָרט די רייכסטע פאַרשעריסטע אוצרות איבער יידישע קולטור פראָבלעמען, און דאָס וואָס זיי האָבן פריי־וויסנשאַפטלעך אויסגעבויט וועט בלייבן אויף דור דורות. פון דער אַנדערער זייט איז פּאָליטישער סעקולאַריזם ביי אונדז ניט מער ווי א משונה׳דיקע היינטיקע מלחמה מיט נעכטיקע טעג. קאָנסערוואַטיווע און מאָדערניזירנדיקע ריכטונגען זענען נאַטירלעך, און דער צוזיפּשטויס צווישן זיי וועט תמיד זיין אַ פאַקטאָר אין אונדזער קולטור־לעבן. אָבער דאָס האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט דער סעקולאַריסטישער פילאָזאָפיע.

ווען די דאָזיקע פילאָזאָפיע האָט גענומען פירן צו פּראַקטישע קאָנסעקווענצן האָט די טיפער טראַכטנדיקע און יידיש־דורכגעדרונגענע אינטעליגענץ זיך דערשראָקן פאַר די מורא׳דיקע סכנות אין וועלכע עס פירט אונדז אַריין דער לינגוויסטישער סעקולאַריזם. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין פאַרשיידענע אַרטיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלן, אין די וויכוחים וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין היגן זשורנאַל פון ארבעטער רינג „קולטור און דערציאונג״, און ספּעציעל אין די פּאַריזער זאמלביכער „אויפן שיידוועג״. דאָס זענען טאַקע שטימען פון זייער אַנגעזעענע יחידים. מען דאַרף אָבער דערפון ניט דרינגען אַז די אַנהענגער פון דער אַלטער אידיאָלאָגיע וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין משך פון צענדליקער יאָרן, מיט אַ טראַדיציע פון קאַמישער און פאַרביטערטער אַפּיקורסות הינטער זיך, האָבן שוין טאַקע איינגעזען וואו מיר האַלטן אין דער וועלט, אָדער האָבן גרויס עגמת נפש פון אונדזער איצטיקער גייסטיקער לאַגע.

ערשט איצט, בעת איך שרייב די דאָזיקע ווערטער, דערגרייכן צו מיר קלאַנגען וועגן היציקע וויכוחים וואָס גייען אַן אין געוויסע היגע

יידיש־וועלטלעכע שולן. עס האַנדלט זיך וועגן דעם צי מען מעג זיך באַנוצן מיט אַ מנורה אין אַ חנוכה יום טוב. ווי איך הער איז דער לעצטער פּסק דין אַז מען טאָר ניט. אַ מנורה איז ניט גענוג סעקולער. פּאַרוואָס יידיש, די שאַפונג פון די קאַפּאָטע און שטריימל יידן, די שפּראַך פון די רעליגיעזע תחינות, פון „גאָט פון אברהם", פּאַרוואָס יידיש זאָל זיין מער סעקולער, וואָלט געווען איבער די כוחות צו פאַרשטיין. דאָס ווערט פאַרשטענדלעך ערשט ווען מען כאַפּט זיך אַז אזוי האָבן געטאָן אויך די סעקולאַריסטן ביי אַנדערע פעלקער, און מסתמא אויך דערפאַר ווייל דאָס איז דאָך דער איינציקער געבליבענער אָנהאַלט פאַרן „פּינטעלע ייד".

דער פאַקט אַז „עפּעס איז ניט פריילעך דאָ", ווי עס זאָגט זיך אין מאַני לייבס באַלאַדע, ווערט אויך באַשטעטיקט פונם כאַראַקטער פון די קולטור־באַוועגונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער קרייז אין די לעצטע יאָרן. דער העכסטער ציל פון די דאָזיקע באַוועגונגען זעט אויס צו זיין צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, צו שאַפן אָרגאַניזירטע גרופּעס וואו מען לייענט דאָס יידישע בוך, צו אַראַנזשירן ראַדיאָ פּראָגראַמען וואו מען מאַכט באַקאַנט די שאַפונגען פון יידישן בוך, בקיצור, בוך, בוך און נאָכאַמאָל, בוך. אין אַ צייט ווען פונדאַמענטאַלע טעאָרעטישע הנחות ווערן אָפּגעפרעגט; אין אַ צייט ווען די גאַנצע עקזיסטענץ פון אַ יידיש־וועלטלעכער סביבה שטייט אין קאָן; אין אַ צייט ווען די העכסטע נאַציאָנאַל־גייסטיקע פּראָבלעמען, פּראָבלעמען פון אינהאַלטלעכער יידיש־קייט, מאָנען אַן ענטפער; אין אַ צייט ווען דאָס טראַגישע לעבן אונדזערס פאָדערט נייע אינסטיטוציאָנעלע אַפּאַראַטן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק; אין אַ צייט ווען אונדזער אָפּגעריסנקייט פון אַנדערע טיילן פון פאָלק רעדוצירט אונדז צו אַ מין וועגעטירנדיקן ליטעראַרישן קלוב, אין אַזאַ צייט מאַכן אַזעלכע קולטור־באַוועגונגען באמת א טראַגי־קאָמישן איינדרוק. עס איז פונקט ווי מען וואָלט זיך אונטערגענומען אויסצוריייניקן אַ שלאַכט־פעלד מיט אַ צאָן־בערשטל. שוין דאָס אַליין רופט אַרויס טרויעריקע ספקות אין אונדזער לעבנס־פייאיקייט.

אין זיין ווערק „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן", מאַכט צינבערג אַזאַ מין סך הכל פון דער ראַציאָנאַליסטיש־פילאָזאָפישער באַוועגונג צווישן די יידן אין שפּאַניע: „אָט דאָס וואָס די פילאָזאָפיש־געבילדעטע אינטע־ליגענץ, די מתפלספים, זענען בשעת דער קאַטאַסטראָפע דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען, און אסך פון זיי האָבן זייער שטאַם פאַרלאָזן און איבער־געגאַנגען צום קריסטנטום — דאָס האָט אין גאַנצן דיסקרעדיטירט אין די

אויגן פון פאָלק ניט נאָר די חכמת יון, די גריכיש־אַראַבישע פילאָזאָפיע, נאָר אפילו די נאַטורוויסנשאפטן אויך. אַלץ שטאַרקער זענען געוואָרן די מיסטישע שטימונגען, און פון דריי פאַרשיידענע ריכטונגען איז מען קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן אַריסטאָטעליזם אַרויסגעטראָטן און אים קריג דערקלערט״.

היינטיקע ציַיטן האַנדלט זיך ניט וועגן אריבערגיין צום קריסטנטום, אָבער וועגן אויסוואָרצלען זיך פון דער אינערלעכער ספערע פון יידישן פאָלק, ביי דעם האלט עס יאָ. עס זענען פריער אָנגעוויזן געוואָרן פאַלן ווען אַזאַ נסיון איז געווען און די לינגוויסטישע סעקולאַריסטן האָבן אים ניט אויסגעהאַלטן. מיר זעען פאַר אונדזערע אויגן אַז אַזעלכע נסיונות הייבן זיך אַרויס אין רוב יידישע קיבוצים, און אַלע סימנים ווייזן אַז די לעצטע נאַציאָנאַלע אידיאָלאָגיע ביי יידן וועט זיין די ערשטע צו פאַלן אויפן וועג.

די צייט ווערט אַלץ קריטישער מיט יעדער מינוט. וואָס וועט דער מאָרגן ברענגען? דאָס הענגט אָפּ נאַטירלעך פונם וועג וואָס דער היינט וועט פאַר זיך אויסקלייבן. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב דאָ אין זינען ניט דאָס יידישע פאָלק בכלל, נאָר די יידיש־וועלטלעכע סביבה וואָס האָט שוין פאַר זיך געשאַפן זייער בכבוד׳ע פּאָזיציעס. סיי פריער, סיי נאָכגייער פאָדערן שוין גרינטלעכע רעוויזיעס. אָבער זייער צאָל איז נאָך אַלץ צו קליין, די ווירקונג ניט גענוג ברייט, און בכלל אין אַ צייט פון פיזישן חורבן וואָס גייט אַלץ כסדר אָן איז אַ נייער גייסטיקער אָנהייב אַזוי פיינלעך שווער.

די וואָס זענען געבליבן פאַרוואָרצלט אינם אַמאָליקן ראַדיקאַלן נוסח האָבן שוין, ווי עס ווייזט אויס, געמאַכט זייערע לעצטע חשבונות מיטן פאָלק. עס איז אָדער — אָדער, אָדער געטריישאַפט צום נוסח, אָדער — גאָרניט. און אויב, ווען דער נסיון קומט אָן, האַלט אָפּ דער צווייטער „אָדער״ זייך אומפאַרמיידלעכן נצחון, איז מילא. צו לעצטע חשבונות קען מען גאָרניט מוסיף זיין, פונקט ווי מען קען פון זיי גאָרניט אראָפּנעמען. אָבער פאַר אַלע אַנדערע איז איצט די צייט צו רעווידירן און איבער־פאָרמולירן דעם יידיש־וועלטלעכן געדאַנקען־גאַנג און ראַטעווען אים פונם לינגוויסטישן סעקולאַריזם. אויב דאָס וועט ניט געלינגען וועלן מיר דאַרפן פאַרענדיקן אין אַ געפאַלענעם טאָן זייער אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין אונדזער נייסטער געשיכטע: געווען אַ געוואַגטער עקספערימענט, אָבער דעם נסיון ניט אויסגעהאַלטן.

מיטלען און צילן

1

עס איז זיכער אַ פּריווילעגיע צו זיין דער בחיר היצורים, אַן אויסדערוויילטער צווישן באַשעפעניש. פלאַנצן, בעלי חיים, מענטשן — אַלע לעבן, אָבער וואָסער גערואַלטיקער מהלך צווישן זיי. אַ מענטש לעבט, אָבער ער ווייס אויך אַז ער האָט נעכטן געלעבט, אַז ער לעבט איצט, און ער האָט אויך אַ פאָרשטעלונג פון זיין לעבן וואָס וועט זיך ערשט אַרויסווייזן מאָרגן און איבערמאָרגן. אַ מענטש לעבט, אָבער ער קען אויך טראַכטן וועגן זיין לעבן, און דאָס איז שוין אַ מתנה וואָס קיין שום אַנדער בריאה האָט ניט.

אָבער פאַר דער דאָזיקער זכיה צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דער וועלט האָט אונדז גאָט אויך גאַנץ האַרבלעך געשטראָפט. נאָך ערגער איז וואָס די שטראָף ליגט אַקוראַט דאָרט וואו עס האָט געזאָלט זיין אַ כבוד און אַ ברכה. עס איז טאַקע אמת אַז אי מיר לעבן, אי מיר קענען אויך טראַכטן וועגן דעם לעבן, נאָר מעשה שטן איז דאָס צווייטע ניט קיין געטריע אָפּשפּיגלונג פונם ערשטן. מיר באַמערקן דאָס אָפט ווען עטלעכע מענטשן באַריכטן וועגן דעם זעלביקן אינצידענט. יעדער דערציילט אַן אַנדער מעשה, און ס'איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק וואָס עס איז באמת פאָרגעקומען, ווייזט אויס אַז אין איבערלעבן, און אין טראַכטן וועגן דעם, גילטן ניט די זעלביקע געזעצן, זיי ווערן געריצט און אָנגערעגט אויף אַנדערע אופנים; זיי זענען גאָר אַנדערע ווירקלעכקייטן, און ווען מיר צעמישן זיי — ווי מיר טוען דאָס אַזוי אָפט — נאַרן מיר זיך אָפּ. וואָרים אַזוי שנעל ווי דאָס לעבן טרעט אַריין אין דער טראַכט־מדרגה בייטן זיך די בילדער, בייטן זיך די ווערטן פון די פּרטים, בייט זיך דער סדר, בייט זיך דער טראָפּ, בקיצור, עס באַקומט זיך גאָר עפּעס אַנדערש. אָפט גייט די אַנדערשקייט אַזוי ווייט אַז מיר ווערן טרויעריק פאַרפירט ווען מיר נעמען אָן די טראַכט־מטבע אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער לכתחילה׳דיקער לעבנס־מעטאַל.

דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן זיי, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז די כאַראַקטעריסטישע געבונדנקייט פון לעבן און די איבער־

געבראָכנקייט פונם באַוואוסטזיניקן געדאַנק. אין לעבן איז פאַראַן אַ שטענדיקע אַנהאַלטעוודיקייט, אַ קאָנטינואיטעט, אַ געוועב וואָס באַוועגט זיך תמיד מיט אַלע זיינע טיילן, מיט יעדן טפל פונקט ווי מיט יעדן עיקר, כאָטש דאָס הייבן זיך און דאָס פאַלן איז ניט אומעטום גלייך. עס איז פונקט ווי כוואַליעס אין ים וואָס די שפּאַלטן צווישן זייער בער־גיקייט און טאַליקייט איז לחלוטין נישטיק לגבי דער צוזאַמען־געגאָסנ־קייט וואָס באַהעפט די גאַנצע ים־מאַסע אין די אונטערשטע שטראָמען. דער געדאַנק, דער אויפגעכאַפּטער באַוואוסטזיניקער איינדרוק, איז שוין גאָר פון אַן אַנדער מין. דאָ האָבן מיר שוין אַ בינטל שטיקלעך, ברעק־לעך, צויטן, אָדער די אויבערשטע טיילן פון כוואַליעס און שוים. פרו־בירט זיך אליין אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון אַ טאָג לעבן און איר וועט זיך גלייך כאַפּן אַז איר אָפּערירט מיט אָפּגעזונדערטע, צעשניטענע טיילן, וואָס זענען פריער, אין לעבן גופא, געווען אָרגאַניש צונויפגעהאָפטן און פאַרמירט אַ סיסטעמאַטישע גאַנצקייט.

מען קען מיינען אַז דאָס נעמט זיך דערפון וואָס דער געדאַנק באַ־נוצט זיך מיט שפּראַך, און אין שפּראַך ליגט טאַקע אָט די כאַראַקטער־ריסטישע איבערגעבראָכנקייט צווישן ווערטער און זאַצן. אין לעבן איז פאַראַן אַ פולע קאָנטינואיטעט אין אַזאַ פּראָצעס ווי, למשל, חידושן זיך, קוקן שטאַר מיט די אויגן און עפענען דאָס מויל, אָבער אין שפּראַך גיט מען דאָס איבער מיט באַזונדערע ווערטער און פּראַזעס, פעלן שוין די אָרגאַנישע בינדונגען וואָס אין זיי ליגט די זאַפטיקייט פון וויטאַלע גע־שעענישן. קינדער און אומגעבילדעטע מענטשן ווייזן ארויס אַן איינגע־שפּאַרטע נייגונג כסדר צו באַנוצן דאָס בינד־וואָרט „און" אין בריף, אָדער בכלל אין שפּראַכלעכער קאָמפּאָזיציע. עפּעס אזוי ווי דאָס רויע אינערלעכע לעבן אין זיי וואָלט געמאָנט אַ באַהעפטונג דאָרט וואו פּאָליר־טער סטיל וויל איבערהאַקן די פליסנדיקע צוזאַמענדיקייט דורך אָפּשטעל־צייכנס. פּרובירט לייענען אַ סטענאָגראַפישן באַריכט פון אַ ניט־געשול־טער רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג. ווען איר האָט זי געהערט האָט איר גאַנץ נישקשה׳דיק געכאַפּט וואָס דער רעדנער וויל ארויסברענגען. אבער איצט, ווען איר לייענט דעם באַריכט, ווען איר זייט שוין דערווייטערט פון דירעקטן לעבנס־קאָנטאַקט, ווי שווער עס איז צו פאַרשטיין. עפּעס אַזעלכע מאָדנע אָפּווייכונגען וואָס האָבן ניט קיין שייכות צום ענין, עפּעס ניטאָ קיין אָפּשטעל צווישן זאַצן און פּאַראַגראַפן, אלץ ווערט געקניפּט און געבונדן דורך פאַרשיידענע ווענדונגען און ווערטער וואָס לאָזן ניט

אפּכאַפּן דעם אָטעם. ווען מען האָט געדאַרפט מיטלעבן מיטן רעדנער, האָט מען לייכט געקענט מיטשווימען מיט זיינע רייד. איצט אַז מען דאַרף בלויז פאַרשטיין — ווען די בשותפות׳דיקע פאַרזאַמלונג־ספערע איז שוין מער ניטאָ — פילט מען אַז ס׳איז עפּעס אומגעלומפּערט. עס פעלן די געהעריקע אָנווייז־צייכנס וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טראַכט־מדרגה, און זענען אַנדערש פון דער דירעקטער לעבנס־מדרגה. בעת ער האָט גערעדט האָט איר גאַרניט געפילט אז דער רעדנער בייגט אָפּ פון דער טעמע, אַז ער „פאַרקריכט קיין בויבעריק״, אָבער איצט וואַרפט זיך דאָס אַלץ צו שטאַרק אין די אויגן. קענטיג אַז דאָס וואָס זעט אויס איצט ניט צו האָבן די מינדסטע שייכות מיטן ענין, האָט, אין אַן עכטער איבערלעבעניש, שוין גאָר אַ שייכות, אפילו ווען לאָגיק, די טראַכט־מדרגה, קען דאָס ניט איינזען.

די ענלעכקייט צווישן דער אלגעמיינער קאָנסטרוקציע פון שפּראַך און פון דענקען איז גוט באַקאַנט. דאָך וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן אַז שפּראַך שפּילט די ראָלע פון אַן ערשטער סיבה אין דעם ענין וואָס ווערט דאָ אָנגערירט. ס׳וועט זיין נענטער צום אמת ווען מיר וועלן אָננעמען אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע טענדענצן אין דער פּסיכיק גופא וואָס שפּראַך פאַרשטאַרקט זיי, טרייבט זיי צו עקסטרעמען. ממילא באַקומען מיר דעם איינדרוק פון פולער אָפּגעזונדערטקייט דאָרט וואו אונדזער פּסיכיק שניצט אויס טיפערע טאָלן און הויפּט אָן העכערע שפּיצן אין די זיגזאַגן פון געשעענישן.

אויב די איינהייטלעכקייט פונם לעבנס־געוועב ווערט אין אונדזערע באַוואוסטזיניקע איינדרוקן אין אונדזער דענקען צעריסן אויף באַזונדערע טיילן, דאַרף מען זיך נאַטירלעך ריכטן אַז ערגיץ וואו וועלן זיך אַרויס־ווייזן די צרות פון אַזאַ מין אָפּעראַציע. וואָרים ווען מיר ווילן צוריק אָנמעסטן אָט די באַזונדערע טיילן אויף די עכטע לעבנס־פּראָצעסן פון וועלכע מיר האָבן זיי גענומען דערפילט מען גלייך אַז זיי פּאַסן ניט, אַז ס׳איז ניט דאָס, אַז דאָס לעבן וועגן וועלכן מיר רעדן איז לחלוטין אַנדערש פונם לעבן אין וועלכן מיר לעבן, אַז אין ערשטן פאַל האָבן מיר מער־צאָליקע פּונקטן, און אין צווייטן — אַן איינצאָליקן פּראָצעס. אויף אַזאַן אופן הייבן זיך אַרויס מורא׳דיקע פּראָבלעמען אויף אַלע פעלדער פון מענטשלעכן געדאַנק וואָס עס איז אַזוי שווער בייצוקומען. איך האָב דער עיקר אין זינען די באַרימטע דואַליזמען פון וועלכע מען קען זיך

ניט אַרויסדרייען. אָט דוכט זיך אַז מיר האָבן צוויי קעגנדיקע דערשיי־נונגען, און אָט ווערן די גרענעצן אָפּגעווישט און ס'איז שוין איינס. אין פילאָזאָפיע האָבן מיר שטענדיקע צרות פון אָביעקט און סוביעקט, אין ביאָלאָגיע — פון ירושה און סביבה, אין פסיכאָלאָגיע — פון נשמה און גוף, איז סאָציאָלאָגיע — פון יחיד און געזעלשאַפט, אין געשיכטע — פון פּערזענלעכע און אומפּערזענלעכע פאַקטאָרן, אין קונסט — פון פאָרם און אינהאַלט, אין עטיק — פון מיטלען און צילן.

אין די ווייטערדיקע פּאַראַגראַפן וועט אונדז בלויז אינטערעסירן דער לעצטער דואַליזם — מיטלען און צילן — וואָס איז היינטיקע צייטן געוואָרן אַזאַ פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע פראַגע, אַז ס'רירט שוין אָן דאָס לעבן פון כמעט יעדן מענטשן. מיר דאַכט זיך אַז ס'וועט קיין גוזמא ניט זיין צו זאָגן אַז אַלע מאָראַלע פּראָבלעמען, פון אַזעלכע וואָס שווימען אַרויס אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, אָדער אין קאַמף פון אָרגאַני־זירטע מאַסן, ביז די וואָס רירן בלויז אָן די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, קענען סוף כל סוף רעדוצירט ווערן צו דער פראַגע פון מיטלען און צילן. אַ מענטש וואָס קען אינערלעך ניט פאַרטראָגן ווען זיינע שטעלונגען צו איצטיקע וועלט־פּראָבלעמען זענען וואַקלדיק און קינדיש־קאַפּריזנע; אַ מענטש וואָס זוכט אינם איצטיקן אינטעלעקטועלן און מאָ־ראַלן כאַאָס אַ פירנדיק ליכט וואָס זאָל אים תמיד ווייזן אי וואָס זיין קאָפּ טראַכט אי וואָס זיין האַנט טוט; אַ מענטש וואָס האַלט טייער די ברכה פון רייפער גלייכוואָג אין אַ וועלט וואָס באַוועגט זיך דורך אומ־געריכטע אויפטרייסלונגען — אַזאַ מענטש דאַרף זיך באַוואָפענען מיט כל'ע מינים כלי זין, אָבער איינס פון זיי דאַרף זיין, מוז זיין, אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר דער פּראָבלעם פון מיטלען און צילן. די דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס קען אין פלוג אויסקוקן זייער אַבסטראַקט, האָט זיך לעצטנס אַרויסגעריסן פון די ביכער און זיך באַזעצט אין דער שוסטער־גאָס. ניטאָ קיין מענטש וואָס קוקט אויף דער איצטיקער צעשטורעמטער וועלט מיט אָפענע אויגן, וואָס זאָל, פריער אָדער שפּעטער, ניט באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט אָט דער פּראָבלעם. אמת, אויף וויפיל דאָס האָט אַ שייכות צו לויפיקע געשעענישן, ליגט דער אינטערעס דער עיקר אין עטישן תוך פון דער פראַגע. אָבער אַ טיפערער אַנאַליז פאָדערט מען זאָל אָנהייבן פון אַן אַנדער זייט. דער מאָראַלער פועל יוצא וועט זיך שפּעטער גאַנץ בולט אַרויסזען.

2

דער וואָס האָט אויסגעטראַכט די צוויי ווערטער „מיטלען" און „צילן" האָט זיכער גאַנץ גוט באַפרידיקט אַ מאָמענטאַלע באַקוועמלעכקייט. וואָרים דורך דעם איז מעגלעך אָפּצוטיילן פאַרשיידענע מענטשלעכע כוונות איינע פון דער צווייטער. אָבער אים איז זיכער ניט איינגעפאַלן אַז דאָס קען אונדז אויך אַריינפירן אין מורא'דיקע פּלאָנטערס פון וועלכע עס איז אומגעהייער שווער זיך אַרויסצודרייען. אין אַ וועלט וואו יעדע זאַך איז אין דער אמת'ן ניט קיין „זאַך" נאָר אַ פּראָצעס, וואו יעדער „שפּעטער" איז אינטים פאַרבונדן מיט אסך „פריערס", און איז אַליין אַ „פריער" פאַר אַ קומענדיקן „שפּעטער", וואו איז דאָ פאַראַן אַזאַ אַנדערשקייט אין פאַרשיידענע דערגרייכונגען אַז איינע זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ מיטל און די צווייטע ווי אַ ציל? זאָלן מיר אָננעמען אַז דאָס איז טאָקע דער געמיינטער טייטש פון אָט די צוויי אומשולדיקע ווערטער? זענען טאָקע פאַראַן אַזעלכע געשעענישן וואָס זענען אין זיך גופא „מיטלען", און אַנדערע וואָס זייער אינערלעכע טבע איז צו זיין „צילן"?

עס איז גאָרניט בייטיק זיך באַזונדערס צו פאַרטיפן אין דעם ענין כדי איינצוזען אַז דאָס קען ניט זיין. אַ מענטש באָרגט זיך געלט כדי צו קויפן אַ בוך. ער קויפט דאָס בוך ווייל דערמיט שטיצט ער אַ וויכטיקע אינסטיטוציע. די אינסטיטוציע וויל ער שטיצן ווייל דערמיט באַפרידיקט ער די פאָדערונגען פון אַ פריינט. דעם פריינט וויל עס באַפרידיקן ווייל ער דאַרף צו אים אָנקומען. אַזוי קען זיך דער חד גדיא ציען אָן אָן אויפהער. באַטראַכט דעם דאָזיקן ביישפּיל און איר וועט באַמערקן אַז יעדער ציל איז אַ מיטל, אַז אַלע מיטלען זענען צילן. ניטאָ אין די האַנדלונגען גופא עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל פאָדערן מען זאָל זיי געבן פאַרשיידענע באַצייכענונגען פון שטאַנדפּונקט פון מיטלען און צילן. עס איז אַלץ געווענדט אָן די כוונות פונם מענטשן וואָס טוט די אַלע זאַכן. דאָרט וואו ער האָט בדעה זיך אָפּצושטעלן און ער באַטראַכט עס פון שטאַנדפּונקט פון אַ לעצטן אַקט אין אַ סעריע טעטיקייטן — כאָטש ער מעג באַלד ווייטער ציען די סעריע און זוכן נייע דערגרייכונגען — דאָס וועלן מיר רופן „ציל". דאָרט וואו ער האָט ניט בדעה זיך אָפּצושטעלן, און ער באַטראַכט די האַנדלונג ווי עפּעס וואָס דאַרף פירן צו ווייטערדיקע פועל יוצאס — כאָטש ער מעג, צוליב פאַרשיידענע סיבות, באַלד איבערהאַקן די גאַנצע סעריע — דאָס וועלן מיר רופן „מיטל".

עס איז קלאָר אַז מיטלען און צילן זענען, ראשית, ריין רעלאַטיווע טערמינען, אַז זייער כאַראַקטער ווערט באַשטימט פון די שייכותן זייערע צו פריערדיקע און שפּעטערדיקע האַנדלונגען. שנית, אַז זיי זענען בכלל ניט קיין אָפּשפּיגלונג פון אָביעקטיוועווירקלעכקייטן, נאָר זיי באַצייכענען בלויז די כוונות פון מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט זיי. צילן זענען יענע מאָמענטן פון פּראָצעסן וואָס מענטשן שטעלן אַוועק, אָדער נעמען זיך אונטער לכתחילה דורכצופירן ווי ענדגילטיקע רעזולטאַטן פון אַ ריי טעטיקייטן. בעת די פּאַרשיידענע כסדר׳דיקע טעטיקייטן, אויף וויפיל זיי ווערן באַטראַכט ווי פונקציעס פון אַ שפּעטערדיקן אָוועקגעשטעלטן רעזולטאַט, זענען זיי מיטלען. ווען מיר זעען מענטשן עפּעס טאָן איז אוממעגלעך צו דערגיין וואָס ביי זיי איז מיטל און וואָס — ציל, ווייל די מעשים גופא טראָגן אויף זיך ניט קיין דרויסנדיקע סימנים פון איין קלאַס, אָדער פון צווייטען. ערשט ווען זיי זאָגן אונדז ווייסן מיר דאָס. די אינערלעכע כוונה ווערט אַנטפּלעקט.

אָבער כאָטש די טעטיקייטן גופא דערציילן אונדז גאָרניט וועגן זיך צו זיי זענען מיטלען אָדער צילן, דערציילן זיי אונדז עפּעס אַנדערש וואָס איז אומגעהייער וויכטיק. זיי ווייזן זיך אַרויס מיט אַן אינערלעכער געבונדנקייט, עס זעען זיך אין זיי די אינטימע שייכותן וואָס הערשן צווישן יעדן פריער און יעדן שפּעטער. ווען מיר זעען אַ מענטשן זיך אויפזעצן אויף אַ שיף איז אוממעגלעך צו זאָגן וואָס זיין ציל איז, אָבער עס איז לייכט צו זען די שייכות צווישן דעם און, לאָמיר זאָגן, אָנקומען קיין ענגלאַנד. די אינערלעכע געבונדנקייט צווישן טעטיקייטן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט איז ניט קיין פראַגע פון אינערלעכע מענטשלעכע כוונות, נאָר קען אָביעקטיוו באַשטימט ווערן. אמת, עס זענען פאַראַן שייכותן וואָס זענען ניט גילטיק פאַר אַלע מענטשן. ביי איינעם קען זיין אַ נאָענטע שייכות צווישן אָפּשפּרעכן אַן עין הרע און זיך אויסהיילן פון אַ קאָפּ־ווייטאָג. אַ צווייטער קען טראַכטן אַז אָט די צוויי האָבן קיין שום שייכות ניט צווישן זיך. דאָס לייקנט אָבער ניט אָפּ דעם געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקער אינערלעכער געבונדנקייט צווישן מיטלען און צילן. דער ערשטער קען טענהן אַז דעם צווייטן פעלט די געהעריקע אינפאָרמאַציע. דער צווייטער וועט זאָגן אַז דעם ערשטנס אינפאָרמאַציע איז אַ פאַלשע. די פראַגע וועט דעריבער זיין וועגן דעם צי די שייכות צווישן אָפּשפּרעכן אַן עין הרע און אָפּשטעלן פיזישן ווייטאָג איז אַן אָביעקטיוו ריכטיקע צי אַן אויסגעדוכטע, אָבער ניט וועגן דעם

צי ניט־שייכות׳דיקע האַנדלונגען קענען פֿירן צו אַ פֿאָרויסבאַשטימטן פּועל יוצא. דערין זענען בײדע מסכּים אַז דאָס קען ניט זײַן. בײדע זענען אויך מסכּים אַז די שייכותן, אויב אַזעלכע זענען דאָ, דאַרפֿן ליגן אין די האַנדלונגען גופֿא, ניט אין פּריוואַטן דמיון פֿון די באַטייליקטע. די נפֿקא מינה איז בלויז אין דעם וואָס אײנער טענה׳ט אַז ער זעט יאָ אַזאַ אָביעקטיווע געבונדנקייט אין דעם פֿאַל, און דער צווייטער וויל האָבן אַז אַזאַ שייכות איז ניטאָ.

די דאָזיקע געדאַנקען ברענגען אונדז צו דרײַ אויספֿירן וואָס זייער וויכטיקייט, סײַ אין טעאָרעטישן, סײַ אין פּראַקטישן לעבן, איז ממש גאָר ניט אָפּצושאַצן. ערשטנס, פֿאַרשטייען מיר שוין פֿאַרוואָס מענטשן צעגייען זיך אָפֿט אַזוי ווײַט אין דעם צי געווויסע אונטערנעמונגען וועלן מיט זיכערקייט פֿירן צו באַשטימטע פֿאַרלאַנגטע צושטאַנדן. דער גאַנצער וויכּוח איז דאָך באַזירט אויף דער הנחה אַז עס מוז זײַן אַן אינערלעכע געבונדנקייט צווישן מיטלען און צילן. די פֿראַגע הייבט זיך אויף צוליב דעם וואָס אָט די געבונדענע שייכותן זענען אָפֿט אָפּהענגיק אַן פֿאַרשיידענע זײַטיקע פֿאַקטאָרן, אָדער זענען אײַנגעוויקלט אין טעאָרעטישע אויסטײַטשונגען, ממילא קענען ניט אַלע אײַנזען אויפֿן זעלביקן אופֿן צי אַזעלכע שייכותן זענען בכלל דאָ, און צי זיי פֿירן נויטווענדיק אין דער פֿאַרלאַנגטער ריכטונג. דאָס ווײַזט זיך אַרויס בײַ אַזאַ אומוויכטיקער פֿראַגע וועגן דערווירקעוודיקייט פֿון אָפּשפּרעכן אַן עין הרע, אָדער וועגן אַזאַ אומגעהײַערער וועלט פּראָבלעם צי די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון די פּראָדוקציע־מיטלען אין אַ לאַנד איז אין זיך גופֿא גענוג גאַראַנטיע אַז דאָס וועט אויפֿהייבן דעם עקאָנאָמישן מצב פֿון דער באַפֿעלקערונג און נויטווענדיק פֿירן צו אַ העכערער מדרגה פֿון פֿרײַהייט.

דער צווייטער אויספֿיר פֿון די פֿריערדיקע געדאַנקען ברענגט אונדז אײַנצוזען אַז עס זענען פֿאַראַן צוויי סאָרטן דערגרייכטע צושטאַנדן: געשטעלטע און ממילאדיקע. אַ געשטעלטער ציל איז אַזאַ וואָס אַ מענטש שטעלט באַוואוסטזיניק אַוועק, און וויקלט פֿאַנאַנדער אַ קייט מעשׂים וואָס ער רעכנט אַז זיי זענען פֿונם פּאַסיקן סאָרט דעם ציל צו פֿאַרווירקלעכן. אָבער מעשׂים, אַזוי שנעל ווי זיי ווערן געלאָזן אין גאַנג, ווערן באַווירקט פֿון כּוחות וואָס זענען אי שטאַרקער פֿון מענטשלעכע כּוונות, אי אָפֿט ניט אין הסכּם מיט זיי. הערשעלע דובראַוונער, פֿון יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול״, האָט זיך געשטעלט זײַער הויכע, דערהויבענע צילן, אָבער די מעשׂים וואָס ער האָט אונטערגענומען זיי צו פֿאַר־

ווירקלעכן האָבן אים דערפירט אין שאול תחתיה. טעטיקייטן מוזן דאָך ממילא ערגיץ פירן, אָבער מיר זענען ניט קיין פּולע באַלעבאַטים איבער זיי. יעדע ענדגילטיקע סיטואַציע וואָס איז פון שטאַנדפּונקט פון אונדזערע לכתחילה׳דיקע כוונות אַ דורכפאַל, איז פונדעסטוועגן אַ דערגרייכטער ממילא׳דיקער צושטאַנד, רעזולטאַטן צו וועלכע עס האָבן געבראַכט די טעטיקייטן פון זיך אַליין. ווען דער געשטעלטער ציל ווערט אין גאַנצן באַפרידיקט איז אייגנטלעך אויך פאַראַן אַ ממילא׳דיקער רעזולטאַט, נאָר אין דעם פאַל זענען ביידע אַקוראַט די זעלביקע. דער ממילא׳דיקער רעזולטאַט קען דעריבער זיין דער זעלביקער וואָס דער געשטעלטער ציל, ער קען אויך זיין אַנדערש, און אָפט — די שעה זאָל ניט זיין — קען ער זיין אַקוראַט דער היפּוך פון דעם וואָס מיר האָבן געוואָלט דערגרייכן. פאַראַן אָבער אַ וויכטיקע נפקא מינה צווישן זיי וואָס מען קען קיינמאָל ניט אויסמיידן. דער געשטעלטער ציל איז אַזאַ וואָס לויט זיין זינען ווייסן מיר וועגן אים נאָך איידער דער לעצטער אַקט האָט פאַר׳חתמה׳ט זיין מזל. וועגן דעם ממילא׳דיקן רעזולטאַט קענען מיר בלויז וויסן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט ערשט דעמאָלט ווען ער ווערט אַ ווירקלעכקייט.

די דאָזיקע פאַקטן פאַראינטריגירן דעם געדאַנק מיט אַלע רייצן פונם וויסנשאַפטלעכן יצר הרע. וואָסערע באַדינגונגען זענען נייטיק כדי די געשטעלטע צילן און ממילא׳דיקע פּועל יוצא׳ס זאָלן זיך צונויפטרעפן? אויף פּראָסט יידיש וועט עס הייסן: ווען קענען מיר זיין זיכער אַז אַן אונטערגענומענער ציל וועט דערגרייכט ווערן? ווען מיר זאָלן קענען פאַרענטפערן אַזאַ פראַגע אויפן זעלביקן אופן ווי פראַגעס ווערן פאַר־ענטווערט אין פיזיק און אין כעמיע וואָלטן דערמיט אויפגעדעקט געוואָרן די טיפסטע סודות פון מענטשלעכן לעבן. סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפטן האַלטן נאָך ניט ביי אַזאַ מדרגה, איך שטעל מיר ניט פאָר אַז זיי וועלן אפילו אין דער ווייטער צוקונפט פאַרענטפערן פּראָבלעמען אויף אַזאַ מין אופן. אָבער אפשר קענען אַנגעוויזן ווערן כאָטש אַלגעמיינע כללים כדי צו דערגיין ווען עס זענען פאַראַן מער שאַנסן און ווען ווייניקער אַז פאַרלאַנגטע און ממילא׳דיקע רעזולטאַטן זאָלן קומען צום זעלביקן פּונקט? אויך דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, און מיר וועלן עס נאָך שפּעטער באַרירן. דערווייל וועלן מיר צוטרעטן צום דריטן אויספיר צו וועלכן דער פריערדיקער שמועס פירט אונדז.

אויב דער צווייטער אויספיר האָט בלויז אַ שייכות צו צילן וועלן מיר איצט אָנווייזן אויף געוויסע כאַראַקטער־שטריכן וואָס ליגן אין מיטלען.

דער געדאַנק וועגן דער רעלאַטיווקייט פון צילן און וועגן זייער געבונדנקייט מיט די מיטלען איז דאָך מחייב אַז די זעלביקע געבונדנקייט זאָלן אויך הערשן ביי די מיטלען צווישן זיך גופא. וואָרים ווי מיר האָבן שוין געזען — למשל, אין ביישפּיל פון קויפן אַ בוך — קענען זיין אין יעדן פּראָצעס אַ סך צילן, און יעדער פון זיי קען אויך זיין אַ מיטל לויטן טוערס כוונה אין אַ באַשטימטן מאָמענט. הייסט עס אַז אויב עס איז פאַראַן אַ געבונדנקייט נעמט זי אַרום אַלע טיילן פונם פּראָצעס. דאָס איז נאַטירלעך. אָבער דאָס זאָגט אויך אַז די מלוכה פון מיטלען איז בטבע אַ דעמאָקראַטישע, עס קען ניט זיין צווישן זיי קיין יחסן און קיין „פּראָסטער בעל מלאכה". מיר ווייסן אַז, למשל, איינס און צוויי און דריי און פיר באַטרעפט צען. אויב דער ציל איז צען דעמאָלט איז איינס אַקוראַט אַזוי וויכטיק ווי פיר. אמת, אין סאָציאַלן לעבן שטעלט מען זיך ניט אַזעלכע פּינקטלעכע אויפגאַבן און מען האָט ניט קיין מאַטעמאַטישע אַמביציעס. דאָרט דאַנקט מען גאָט אַז מען דערגרייכט „מער אָדער ווייניקער". ממילא איז בעסער אָן אַן איינס ווי אָן אַ פיר. אָבער דאָס איז ניט דערפאַר ווייל עס איז פאַראַן אַן אומגלייכקייט צווישן די מיטלען, נאָר דערפאַר ווייל עס איז פאַראַן אַן אומפּינקטלעכקייט אין די צילן. פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען זיין נאָך מער אָפּגעהיט אין מענטשלעכן לעבן ווייל קוואַנטיטעט איז אָפט לחלוטין ניט דאָס וואָס וועגט אַריבער. דאָ איז מעגלעך אַז סימבאָלישער מאַטעריאַל זאָל זיין וויכטיקער און ערנסטער ווי רעאַלער מאַטעריאַל. ממילא איז שווער צו זאָגן אויף וויפל די „איינס" איז „פיר", אָדער פאַרקערט, ווען מען האָט אין זינען קוואַליטעט.

עס איז אויך וויכטיק צו געדענקען אַז אין מענטשלעכן לעבן האָבן מיטלען אומגעריכטע פּאָטענצן און ריכטונגען. למשל, קויפן אַ בוך כדי צו שטיצן אַן אינסטיטוציע קען פירן מען זאָל לייענען דאָס בוך, און דאָס קען ברענגען אַז עס זאָלן אויפגעוועקט ווערן גאָר אַנדערע אינטערעסן, און ממילא אָפּשוואַכן דעם פאַרלאַנג צו שטיצן אַזאַ מין אינסטיטוציע. דער אַמאָליקער פרומער ייִד וואָס האָט זיך געצאַפּלט פון מורא ווען דער זון האָט אָנגעטאָן אַ האַרטן קאַלנער, איז פון זיין שטאַנדפּונקט גאָר ניט געווען אומגערעכט. אמת, מיט אַ האַרטן קאַלנער האָט דער זון ניט עובר געווען אויף קיין שום געשריבענעם דין. אָבער דער פרומער ייִד האָט געפילט אַז אָט דאָס אומוויכטיקע מיטל קען פירן צו זייער גרויסע אַפּיקור־סישע צילן. דאָס איז מחייב אַז ווען מיר האָבן צו טאָן מיט מענטשלעך

לעבן טראָגט אין זיך יעדעס מיטל אומגעהייערע מעגלעכקייטן פאַרן מזל פונם ציל; עס קען מיט קפיצת הדרך דערנענטערן דעם ציל, אָדער אים צעשטערן ביזן גרונט.

3

מען קען אָפּפרעגן דעם גאַנצן הויפּט־געדאַנק וואָס איז ביז איצט ארויסגעזאָגט געוואָרן דורך אריינוואַרפן א ספק אין דער נויטווענדיקייט אַז עס מוז זיין אַן אינטימע פאַרבינדונג צווישן מיטלען און צילן. מען קען טענה'ן אַז, אמת, עס זענען פאַראַן צילן פון אַזאַ טיפּ, ווי אין די ביישפּילן וואָס זענען פריער אנגעגעבן געוואָרן. אָבער דאָס איז ניט קיין מוז־זאַך. עס זענען אויך פאַראַן צילן וואָס האָבן בכלל ניט קיין אינערלעכע שייכות צו די מיטלען וואָס פאַרווירקלעכן זיי. אַ סטודענט באַמיט זיך צו טאָן זיין אַרבעט אויפן בעסטן אופן כדי צו באַקומען אַ סטיפּענדיע, אָדער אַן אויסצייכענונג, פונם אוניווערזיטעט. די מיטלען און דער ציל זענען דאָ גאָר פון אַנדערע מינים, און האָבן אינערלעך לחלוטין קיין שייכות ניט צווישן זיך.

עס זענען אויך פאַראַן מיטלען וואָס זענען אין כאַראַקטער אַקוראַט דער היפּוך פון ציל. אַ קינד האָט די מיאוס'ע טבע צו שלאָגן זיינע חברים פאַר יעדער קלייניקייט. די מוטער שלאָגט עס כדי אָפּצוגעוויינען איר קינד פון אַזעלכע אויסברוכן. דאָ האָבן מיר אַ מיטעל — שלאָגן, כדי צו דערגרייכן דעם ציל — ניט שלאָגן. הייַנט ווי אַזוי קענען מיר אָננעמען אַז עס מוז זיין אַן אינערלעכע שייכות צווישן דעם כאַראַקטער פון די מיטלען און דעם כאַראַקטער פון די צילן? אַ באַטראַכטונג פון די דאָזיקע ביישפּילן — וואָס זענען בלויז מוסטערן פון אַ גרויסער צאָל אַזעלכע פּראָצעסן אין אונדזער לעבן — וועלן אונדז העלפן זיך טיפער פאַנאַנ־דערצוקלייבן אין דער פּראָבלעם פון מיטלען און צילן.

וועלן מיר זיך ווענדן צום ערשטן פון די צוויי לעצטע ביישפּילן. אין פלוג זעט עס אויס ריכטיק, די אַרבעט פונם סטודענט האָט בטבע קיין שייכות ניט צו זיין ציל — דער סטיפּענדיע, אָדער דער אויסצייכונג. אָבער דאָס איז דורכויס אַ טעות. עפּעס ווערט דאָ פאַרזען דערפאַר איז דער אויספיר אַ פאַלשער. אין דער אמתן קומען דאָ פאַר צוויי פּראָצעסן, מיט צוויי סאָרטן מיטלען און צווייערליי צילן. קודם האָבן מיר דעם סטודענטס אַרבעט, זאָגן מיר, אַן אונטערגענומענע אויספאָרשונג. דער

ציל פון דער דאָזיקער ארבעט איז אַרויסצוברענגען אַ וויסנשאַפטלעך רייפן פּראָדוקט. די אַנגענומענע מיטלען און אָט דער ציל זענען פון זעלביקן סאָרט און זענען דורכויס געבונדן צווישן זיך. ביידע געהערן צו דער וועלט פון שטודירן, פאָרשן, און קומען צו שלוסן וואָס האָבן אַ וויסנשאַפטלעכן ווערט.

פון דער אַנדער זייט קומט פאָר נאָך אַ פּראָצעס פון מיטלען און צילן. יעדע דערגרייכונג פונם סטודענט אין זיין פאָרשערישער טעטיקייט רופט אַרויס ביי די פירער פונם אוניווערזיטעט אַ צופרידנקייט, די גייס־טיקע הנאה אַז אונטער דער השגחה פון זייער אַקאַדעמישער אינסטיטוציע שאַפן זיך ערנסטע ווערטן. אָט די צופרידנקייטן זאַמלען זיך צונויף און פירן צום העכסטן אויסדרוק אַ סטיפּענדיע אָדער אַן אויסצייכנונג. דאָ האָבן מיר ווידער אַן אינטימע שייכות צווישן די מיטלען און דעם ציל. בלויז אין דער שנעלקייט און ניט־אָפּגעהיטקייט פון מענטשלעכן טראַכטן ווערט פאַרטונקלט די צוויאיקייט פונם פּראָצעס, מען פאַרמישט דעם סטודענטס אַרבעט מיט דער צופרידנקייט וואָס אירע געלונגענע מאָמענטן רופן אַרויס. ממילא מישן מיר צונויף די מיטלען פון איין פּראָצעס מיט דעם ציל פון אַ צווייטן, און דאָס פירט אונדז צום איינדרוק אַז זיי האָבן קיין שייכות ניט צווישן זיך. די זעלביקע אַרגומענטאַציע קען אַנגעווענדט ווערן ווען די מיטלען זענען אַרבעט און דער ציל איז שכירות, אָדער ווען דאָס מיטל איז הילף און דער ציל איז זיך צו פאַר־שאַפן אַ גוטן נאָמען, אאז״וו.

אַ טעות פון אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט ווערט באַגאַנגען ווען עס דאַכט זיך אַז דאָס מיטל איז דער היפוך פונם ציל. עס איז אמת אַז דורך פיזישן ווייטאָג, למשל, זאָל מען פועלן ביי מענטשן זיי זאָלן טאָן אָדער ניט טאָן אַלץ אין דער וועלט. און דאָך קען מען ניט זאָגן אַז דאָס אַליין איז גענוג צו דערגרייכן אַן אמתן ציל. וואָרים כדי אַ ציל זאָל האָבן אַ ווערט אין לעבן פון מענטשן דאַרף ער דאָך זיין פונקציאָנעל לעבעדיק, ער דאַרף אַרויסווייזן אַז ער קען ווירקן מיט די אייגענע כוחות. גאַלילעי האָט געזינדיקט קעגן דער קירך. האָט אים די אינקוויזיציע באַשטראָפט, און ער האָט חרטה געהאַט. אָבער ווען מען האָט אים געלאָזן פריי האָט ער נאָך עטלעכע יאָר ווידער געזינדיקט, זיין חרטה איז געווען בלויז אַ מויל־חרטה, אין האַרצן איז ער געבליבן ווי פריער. דער אמתער ציל איז ניט דערגרייכט געוואָרן. מען קען אונטערשפּאַרן אַ שווערע משא מיט אַ שטיין, אָבער בלויז אויף אַ מאָמענט. ווען מען האָט אין זינען

פּערמאַנענטע סטאַביליטעט קען אַזאַ שטיין קנאַפּ וואָס אויפטאָן. אַזעלכע דערוויליקע דערגרייכונגען זענען מעגלעך אויף די פאַרשידנסטע אופנים, אָבער זיי האָבן ניט קיין ווערט פון אַן אמתן דערגרייכטן ציל.

אין פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן האָט מען אויסגעפונען אַז מען קען פאַרבינדן צוויי ניט שייכות׳דיקע פּראָצעסן און באַנוצן די ערשטע צו דערגרייכן די צילן פון דער צווייטער. מען קען, למשל, אויסלערנען אַ קאַץ אַז פון צוויי קעסטלעך, וואָס איינס פון זיי איז באַלויכטן און דאָס צווייטע ניט, זאָל זי תמיד לויפן צום באַלויכטענעם קעסטל צו שטילן איר הונגער. דאָס ליכט וועט דעמאָלט שפּילן ביי איר די זעלביקע ראָלע אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען פלייש. דאָס קען אָבער געטאָן ווערן בלויז אויף דער עלעמענטאַרסטער פלאַך פון לעבן, און דער עיקר, די פאַרבינדונג האַלט אָן בלויז אַ קורצע צייט, און מען דאַרף כסדר אונטער־שטופּן כדי די ווירקונג זאָל לענגער בלייבן. מיר קענען שלאָגן אַ קינד כדי עס זאָל ניט שלאָגן, און אין דער רגע ווען דאָס ווערט געטאָן וועלן מיר אונדזערס אויספירן. אָבער דאָך קען מען ניט זאָגן אַז דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. וואָרים די ווירקונג פונם שלאָגן וועט ניט זיין אַז מען טאָר ניט שלאָגן, נאָר דאָס קינד וועט זיך אָפּהאַלטן דערפון בעת מיר זענען דערביי כדי אויסצומיידן פיזישן ווייטאָג. אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס זעלביקע קינד וועט זיך פילן פריי, אָן אונדזער סטראַשענדיקן בליק, וועט עס ווידער טאָן דאָס זעלביקע פונקט ווי נעכטן־אייערנעכטן.

אינם ביישפּיל פון שלאָגן אַ קינד כדי עס זאָל ניט שלאָגן איז פאַראַן אַן ערנסטער מאָמענט פון פאַרבלייבנדיקן ווערט. דער איינדרוק אַז דער געשטעלטער ציל איז דערגרייכט געוואָרן וועט, ווי געזאָגט, זיין אַ פאַלשער, דערפאַר איז אָבער פאַראַן אַ זייער באַרעכטיקטע מורא אַז דער היפּוכדיקער ממילא׳דיקער רעזולטאַט וועט יאָ, און אויף אַן אמת, דערגרייכט ווערן. אויב דאָס מיטל פון שלאָגן וועט אָפט באַנוצט ווערן וועט דאָס קינד אויסוואַקסן אַ שלעגער. דאָס וועט זיין דער אמתער גאַנג פונם קינדס אַנטוויקלונג, אויב עס וועלן זיך ניט אַריינמישן קיין אַנדערע פאַקטאָרן וואָס זאָלן דאָס אָפּהאַלטן. און דעמאָלט וועלן שוין מיטל און ציל — ממילא׳דיקער פּועל יוצא — זיך אויסגעצייכנט צונויפטרעפן: שלאָגן וועט פירן צו שלאָגן.

אין לעבן גופא וועלן מיר געפינען טויזנטער פאַלן וואָס דער מאָ־מענטאַלער איינדרוק וועט אין זיי ניט אויפכאַפּן די נאָענטע, אינטימע שייכות צווישן מיטלען און צילן. דער שנעל־לויף פון געדאַנק לאָזט

דורך פעדים, שפרינגט אַריבער פאַראַנענע רינגעלעך אין דער קייט, פאַר־מישט אַ מאָמענטאַלן אויסוועג מיט אַ דערגרייכטן ציל, פאַרגעסט אַז מען טאָר ניט אַרויסרייסן אַ ציל און באַטראַכטן אים ווי אָפּגעריסן פון גאַנצן לעבנס־געוועב, פון אַנדערע צילן און אַנדערע מיטלען וואָס מיט זיי איז ער געקניפּט און געבונדן. די בליציקייט פון געדאַנקלעכע אָפּעראַציעס איז אויך עלול צו פאַרבלענדן די אויגן מען זאָל ניט זען די געפאַר פון שפּראַך. שוין דער פאַקט וואָס מיר באַנוצן צוויי באַזונדערע ווערטער — „מיטלען" און „צילן" — פאַרפירט אונדז צו מיינען אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אַבסאָלוטע צוויייקייט, באַזונדערע קאַטעגאָריעס, וואָס קענען אויך צווישן זיך קיין שום אינערלעכע שייכות ניט האָבן.

איך געדענק קלאָר דעם איינדרוק וואָס אויף מיר האָט געמאַכט אַ דרשה פונם באַרימטן מגיד ר׳ אליקום געצל. ער האָט אָנגעהויבן מיט: „רבותי, כך דרכו של יצר הרע", דער יצר הרע טענה׳ט צו אָפּגעהיטענע יידן: וואָסער חכמה איז עס צו זיצן אין בית המדרש און בלייבן ריין פון זינד. ווי אַזוי קען מען האָפן אויף שכר אַז מען דאַרף גאָר אין זיך ניט גובר זיין קיין מחשבות זרות. גייט אַרויס אין גאַס, זאָלן בחורים און בתולות הוליען צוזאַמען, און אויב איר וועט דעמאָלט ניצול ווערן פון ימח שמו׳ס הענט, וועט איר באַווייזן דעם רבונו של עולם אַז איר זייט קדושים וטהורים. אָט אַזוי טענה׳ט דער יצר הרע, ביז ער כאַפּט אייך אַריין אין זיין נעץ, רחמנא לצלן, אאז״וו.

דער תמצית פון די דאָזיקע רייד איז אַז לויטן יצר הרע׳ס לאָגיק דאַרף מען זיך שטאַרקן און דערגרייכן צילן דווקא מיט היפּוכ׳דיקע מיטלען. אָבער, זאָגט דער מגיד, מען ווערט פאַרפירט, מען פאַלט אַריין, ווייל די היפּוכ׳דיקע מיטלען פירן בויטוועגדיק צו ענדלעכע צושטאַנדן — אויב ניט געשטעלטע איז ממילא׳דיקע — וואָס געהערן בטבע צום זעלביקן קלאַס וואָס די מיטלען. מיט דער דאָזיקער מסקנא, ר׳ אליקום געצל׳ס, בין איך אין גאַנצן מסכים. דערויף זענען עדות דאָס פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון מענטשן. דערויף זענען עדות היסטאָרישע געשעענישן פון אַלע צייטן.

4

דאָס קריסטנטום איז געקומען אויף דער וועלט מיט גרויסע בשורות און ליכטיקע אידעאַלן. עס האָט אַרויסגענומען די העכסטע מענטשלעכע שטרעבונגען און די פּרעכטיקסטע עטישע פאָרמולעס פון דער אַלטער

יידישער קולטור און זיי געמאכט פאַרן פונדאַמענט פון אַן אוניווערסאַל אָרגאַניזירטער אמונה: „ואהבת לרעך כמוך״ ווערט דער ווינקעלשטיין פונם קריסטלעכן בנין.

יעזוס דערנענטערט זיך צו זינדיקע און קרעציקע. דער דאַרשט צו העלפן, רחמנות צו האָבן, צו רייניקן דאָס גייסטיקע לעבן פון אַלע מענטשן־קינדער ווערט אַן אינערלעכע דערהויבענע ליידנשאַפט. דער נייער טעס־טאַמענט דערהייבט און לייטערט דאָס דאַזיקע געפיל צו אומנאַטירלעכע עקסטרעמען: „איר האָט געהערט אַז עס ווערט געזאָגט: זאָלסט ליב האָבן דיין נאָענטן און פיינט האָבן דיין שונא. אָבער איך זאָג אייך: האָט ליב אייערע שונאים, בענטשט די וואָס שילטן אייך, טוט גוטס צו די וואָס האָסן אייך, און בעט פאַר די וואָס נוצן אייך אויס ביייזווויליק און פאַר־פאָלגן אייך.״

וואָס מער מיר דרינגען אריין אין אָט דעם גייסט, וואָס מער עס פלאַטערן פאַר אונדזערע אויגן אָט די אַלע געדאַנקען און געפילן פון דער ניי־טעסטאַמענטישער מאָראַל, אַלץ גרעסער, אַלץ מורא׳דיקער ווערט דער חידוש, אַלץ טראַגישער ווערט די רעטעניש. ווי קומט עס וואָס אַזעלכע דערהויבענע באַגריפן, אַזאַ אויפּציטערנדיקע מענטשלעכע אינער־לעכע שיינקייט פון רחמנות, דערלייזונג, האָפענונג, ליבע, האָט געקענט פירן צו די אַלע גרויזאַמקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער קירך? ווי אַזוי איז עס געקומען אַז די אַלע הימלישע געשטעלטע צילן וואָס דאָס קריסטנטום האָט זיך אָנגעצייכנט זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין די אומ־ברחמנות׳דיקע ממילא׳דיקע רעזולטאַטן וואָס האָבן געזייט אומגליק, טויט און חורבן אומעטום וואו די רייד וועגן „האָט ליב אייערע שונאים״ זענען נאָר געהערט געוואָרן?

פונקט ווי ביי אַלע סאָציאַלע דערשיינונגען קען מען אויך דאָ ניט אָפּקומען מיט קורצע, איינזייטיקע ענטפערס. אָבער וואָס די ענטפערס זאָלן ניט זיין וועט מען בשום אופן ניט קענען אויסמיידן דעם געדאַנק: עס ווענדט זיך אויך אָן די מיטלען וואָס די אָרגאַניזירטע קירך האָט אָנגענומען אירע צילן צו דערגרייכן. עס ווענדט זיך אויך אָן די מיטלען וואָס זי האָט דערלאָזן איר צו העלפן. די געשיכטע פון קריסטנטום וואָלט געדאַרפט זיין די שאַרפסטע וואָרענונג צו די אַלע וואָס צווייפלען אין דער געבונדנקייט צווישן מיטלען און צילן און זענען דעריבער ניט איין אַז כאָטש צילן זענען אין זיך אַליין ניט גענוג צו באַשטימען וואָסערע מיטלען עס זענען נייטיק זיי צו פאַרווירקלעכן, זענען אָבער מיטלען יאָ בכוח

צו בייטן די פאַרלאַנגטע אויף ממילא׳דיקע צושטאַנדן, אַזוי אַז מען באַמערקט אפילו ניט ווי אַלץ ווערט געביטן. דאָס אָפּנאַרערישע באַשטייט אין דעם וואָס די רייד בלייבן נאָך אַלץ די רייד פון די געשטעלטע צילן, בעת די מעשים פירן צו גאָר אַנדערע ממילא׳דיקע רעזולטאַטן.

די קריסטלעכע רעליגיע האָט לכתחילה געוואונען אַנהענגער אין פאַרשיידענע אָפּגעזונדערטע רוימישע קהילות. דאָס שטרענגע אַסקעטישע לעבן, די הויכע מאָראַלע געבאָטן, די אינערלעכע דערהויבנקייט פון אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס און די האָפענונג אַז אָט וועט דער נוצרי, דער משיח, צוריקקומען און די וועלט וועט אויסגעלייזט און אויפגעריכט ווערן — דאָס אַלץ האָט געוואונען הערצער, דערפרייט די צעבראָכענע געמיטער אין דער דעמאָלטדיקער צערודערטער וועלט. די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען און מארטירערשאפט וואָס די ערשטע קריסטן האָבן געהאַט אויסצושטיין האָט נאָך מער געצונדן די באַגייסטערונג, ארויפגעאַטעמט דעם הויך פון הייליקייט אויף די וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג.

אָבער דאָס איז בלויז אַ בילד פון קריסטנטום אין סאַמע אָנהייב. די צעוואָרפענע קריסטלעכע ברודערשאַפטן האָבן זיך גענומען בייטיקן אין א פעסטער אָרגאַניזאַציע, אין איינגעשטעלטע קאָנטראָלירנדיקע אינסטיטוציעס וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויפן לעבן פון די אָנהענגער אויף וויפיל זיי הימן אָפּ, אָן שום אָפּנייג, די דרויסנדיקע פאָרמען, און די טעאָלאָגישע פרטים פון דער נייער אמונה. עס איז געוואָקסן דער פאַרלאַנג זיך צו פאַרשפרייטן אין זיך טיפער צו באַפעסטיקן אין דער רוימישער אימפּעריע. עס איז, בקיצור, אָנגעקומען די אַמביציע צו ווערן אַ הערשנדיקע מאַכט.

אָבער דאָס קען מען דאָך ניט דערגרייכן ווען מען איז בלויז אַ גייסטיקע, איינגעשלאָסענע ברודערשאַפט, דערווייטערט פון די פּאָליטישע כוחות פון דער מלוכה. ממילא איז בייטיק זיך וואָס מער אריינצורייסן אין דער סעקולערער אָרגאַניזאַציע פון דער אימפּעריע, און אויף אַזאַ׳ן אופן, דורך ווערן די רעליגיע פון די הערשער, שוין ממילא אויך ווערן אַ הערשנדיקע רעליגיע. אַזאַ דרך פאָדערט נאַטירלעך גרויסע קרבנות. ער פאָדערט אַז דער אידעאַל זאָל איינגיין אויף פונדאַמענטאַלע פשרות וואָס בייטן אין גאַנצן זיין אויסזען פון די גוטע ערשטע צייטן. אין רוים זענען דעמאָלט נאָך געווען פעסט איינגעמויערט די אַלטע היידנישע פירונגען, די טראַדיציאָנעלע געטער, צערעמאָניאַלן, יום טובים, אאז״וו. כדי זיך אריינצורייסן אין אַזאַ קולטור און באַקומען פון איר די פולע

נוצן פאַר דער נייער קריסטלעכער פּאַרטיי און אָרגאַניזאַציע, איז נייטיק אָפּצומעקן וואָס מער גרענעצן צווישן די צוויי. עס איז נייטיק איבערצונעמען פון היידנטום וואָס מער פאָרמען און צערעמאָניאַלן כדי אויף אַזאַ אופן צו מאַכן קריסטנטום פאַר עפּעס וואָס רוימער — הערשער און מאַסן — זאָלן גיכער קענען אָננעמען. דאָס האָט געווירקט פון דער צווייטער זייט אַז דאָס באַזונדערע און ספּעציפישע פון דער נייער מאָראַל, און די אינערלעכע איבערקערעניש וואָס זי האָט פאָרגעלייגט, זאָל ווערן מער צוריקגעהאַלטן, מען זאָל ניט אונטערשטרייכן צופיל דאָס וואָס מען קען ניט לייכט מקיים זיין, און בכלל ווערן וואָס מער „מיט לייטן גלייך".

שוין אין צווייטן יאָרהונדערט האָט דער וויזיאָנער, טרוימער און פּראָפעטישע פיגור, מאָנטאַנוס , געזען אַז די קירך לאָזט זיך אויף געפערלעכע וועגן. דער גייסט פון געבן קרבנות, פון מאַרטירערשאַפט, האָט צו אים מער אַפּעלירט ווי דער מאָראַלישער דעפּיטיזם וואָס ליגט אין דערנענטערן זיך צו וועלטלעכע אינטערעסן און פּאָליטישע הערשער. פאַר אים איז ניט די אָרגאַניזאַציע פון דער קירך דער עיקר, נאָר איר אינערלעכער זינען און די הייליקע גלויביקייטן אויף וועלכע זי איז געבויט. האָט ער ממילא ניט געקענט פאַרטראָגן די פּאָליטישע צוגן פון דער קריסטלעכער פירערשאַפט. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער קאַמף מיטן מאָנטאַניזם וואָס די קירך האָט געוואָלט עוקר מן השורש זיין; זי האָט אים באַטראַכט פאַר אַפּיקורסיש און יידיש, וואָס גראָבט אונטער די אינטערעסן פון דער נייער וואַקסנדיקער אָרגאַניזאַציע.

טערטוליאַנוס, דער ערשטער לאַטיינישער שרייבער איבער קירכלעכע ענינים, וואָס האָט געלעבט ביים סוף פון צווייטן און אָנהייב פון דריטן יאָרהונדערט, האָט אין די שריפטן וואָס זענען געבליבן נאָך אים אַרויסגעוויזן דעם גייסט פונם לכתחילה'דיקן קריסטנטום. אין דער צייט ווען קריסטן האָבן געליטן שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען אין רוים האָט ער אָנגעשריבן אַ „פאַרטיידיקונג" וואו ער אַפּעלירט צום רוימישן אימפּעראַטאָר אין נאָמען פון די אמת'ן וואָס די ביבלישע אַנטפּלעקונגען ברענגען אַרויס. ער דערמאָנט אַז כאָטש קריסטנטום איז נאָך אַ יונגע באַוועגונג דאָך האָט זי שוין באַוויזן אַריינצודרינגען אין אַלע ווינקלען און שפּאַלטן פון דער אימפּעריע. ער זאָגט: „מיר האָבן אייך קיין זאַך ניט געלאָזן אַחוץ אייערע טעמפּלען. באַטראַכט וואָסערע מלחמות מיר קענען נעמען אויף זיך, מיט וואָסער שנעלקייט מיר וואָלטן זיך געקענט באַוואָפענען ווען עס וואָלט אונז ניט אָפּגעהאַלטן אונדזער רעליגיע וואָס לערנט אונדז אַז

ס׳איז בעסער געטייט צו ווערן איידער צו טייטן אַנדערע״. טערטוליאַנוס וואָס האָט מיט אַזאַ באַגייסטערונג פאַרטיידיקט די קירך פאַר אַנדערע איז אָבער אַליין ניט געווען שוה בשוה מיט איר. אים איז ניט געפעלן געוואָרן דאָס אָפּרייסן זיך פון תוך אין נאָמען פון דרויסנדיקע און אויבער־פלעכלעכע אמביציעס, די שטרעבונג מצד דער קירך צו ווערן א פאליטישע אָרגאַניזאַציע. איז ער שפּעטער איבערגעגאַנגען צום מאָנטאַניזם, ווייל ער האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער אָפיציעלער פירערשאַפט.

דער גייסט פון אַ מאָראַלער און הייליקער ברודערשאפט איז אַלץ מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין קריסטנטום. דער אומגעדולד מיטן פאַ־מעלעכדיקן אופן פון ווירקן דורכן כוח פון פערזענלעכן לעבן און רעליגיעז־עטישע מוסטער־גרופּעס, און די שטרעבונג זיך צו פאַרשפּרייטן דורך סאָציאַלן און פּאָליטישן דרוק, האָט אין גאַנצן געביטן דעם אַמאָליקן ציל, און דעם אַמאָליקן כאַראַקטער פון די צונויפהאַלטנדיקע פעדים פון דער אָרגאַניזאַציע. די געבאָטן פון ליבע, גוטסקייט, גייסטיקע ריינקייט, און די זיסע פּיין פון מאַרטירער־לעבן, זענען סוף כל סוף מדרגות וואָס בלויז יחידים קענען זיך דערהייבן צו זיי. די וואָס קענען ניט אריבער־טראָגן די ענוויים וואָס אַזאַ לעבן איז מחייב, טוליען זיך צו נענטער און אויסשליסלעכער צו די פאָרמולעס, גלויבנס, און טעאָרעטישע אויפפאַסונגען, כדי צו האַלטן די אייגנאַרטיקייט פון דער גרופּע אויף אַ פילאָזאָפישער פלאַך, וואָרים די אייגנאַרטיקייט פון מעשים, פון אַקטיוון פּערזענלעכן לעבן, שטעלן צו שווערע פאָדערונגען.

די פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע — וואָס איז נאַטירלעך פאַר־אינטערעסירט צו פאַרשפּרייטן איר ווירקונג אויף אַלץ גרעסערע צאָלן — מוז פריער אָדער שפּעטער קומען צו דער איינזעעניש אַז די אייגנאַרטיקייטן פון גלויבן און צערעמאָניע קענען האָבן מער הצלחה ווי דער באַזונ־דערער לעבנס־פּיר פון העכערע טאָג־טעגלעכע מעשים. ממילא ווערט אַלץ גרעסער און אַנזעעוודיקער דער כוח פון דער דאָגמע, פון טעאָרע־טישע פּרינציפּן. דאָס לעצטע ווערט ביסלעכווייז די איינציקע מאָס צו באַשטימען ווער עס איז „מיט אונדז״ און ווער „קעגן אונדז״, דאָס ווערט דער קריטישער פּונקט וואו יעדער מינדסטער אָפּנייג ווערט באַטראַכט ווי אַן אַטאַקע אויפן סאַמע לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע, בעת אָפּנייגן אין לעבעדיקע מעשים — דער לכתחילה׳דיקער הויפּט ציל פון דער גאַנצער ברודערשאַפט — ווערן „פּערזענלעכע״, אָדער זייטיקע ענינים, וואו מען קען זיך דערלויבן מער טאָלעראַנץ.

היינטיקע צייטן, ספּעציעל אין אונדזערע טעג, געפינען מיר אַקוראַט די זעלביקע טענדענצן אויף שריט און טריט. אָבער איצט דריקן זיי זיך אויס אין לאָגיש רעזאָנירנדיקער שפּראַך, אין וויסנשאַפטלעכע הנחות, און אָביעקטיווע פילאָזאָפישע אויפפאַסונגען. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ גלויבן וואָס האָט געזאָלט דינען ווי דער פונדאַמענטאַלער איינהייטלעכער פורעם פאַר אַלע אָנהענגער פון דער קירך.

די מענטשלעכע נאַטור איז אָבער אַזוי געבויט אַז מיר צעטיילן זיך אָפּטער און שאַרפער אין ענינים וואָס רירן אָן דעם שכל איידער אין אויפפאַסונגען איבער אַלגעמיינע פונדאַמענטאַלע מאָראַלע כללים. ממילא האָבן זיך שוין דעמאָלט אויפגעהויבן היציקע ויכוחים צווישן די קריסט־לעכע גרופּעס וואָס האָבן די גאַנצע באַוועגונג אָוועקגעפירט אין אומגע־ריכטע דרכים. ווי אַן אילוסטראַציע וועל איך דערמאָנען איינע פון די גרופּעס וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די אָפיציעלע שטעלונגען. איך האָב דאָ אין זינען די אַריאַנער וואָס אויף זיי, און אויף עטלעכע אַנדערע אפּיקורסישע סעקטעס, האָבן זיך די ערשטע קריסטן געלערנט זיך צו פאַרוואַנדלען פון מאַרטירער אין פּייניקער.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם באַגריף „דריי־אייניקייט״, וואָס וועגן דעם זענען אָנגעגאַנגען פּלאָמיקע ויכוחים, לכתחילה צווישן די קריסטלעכע גרופּעס אין עגיפּטן. אין עגיפּטן האָט די גריכיש־פילאָזאָפישע טראַדיציע אָנגעהאַלטן לענגער, און געהאַט אַ טיפערן איינפלוס. האָט מען זיך דאָרט דערלויבט שטרענגער און לאָגישער צו אַנאַליזירן באַגריפן און טעאָלאָגישע הנחות. אריוס, אַ קריסטלעכער געלערנטער פון אלעק־סאַנדריע, האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַ גרופּע וואָס האָט ניט געקענט מסכים זיין מיטן גלויבן אין דער דריי־אייניקייט. וואָרים אויב עס איז פאַראַן אַ „טאַטע״ מיט אַ „זון״ מוז מען דאָך אָננעמען אַז דער זון איז יינגער, אַנדערש האָט זיך דער באַגריף „זון״ קיין זינען ניט. אָבער ווי קען מען זאָגן אויף א גאָט „יינגער״ אדער „עלטער״? דאָס איז דאָך אַ סתירה צום באַגריף „אייביג״. עס איז קלאָר אַז אויב „טאַטע״ און „זון״, האָט דאָך אמאָל געמוזט זיין אַ צייט ווען דער זון איז נאָך ניט געווען אויף דער וועלט, היינט ווי קען מען דאָס זאָגן וועגן אַ גאָט? דאָס אַלץ פירט צום געדאַנק אַז ס׳איז בכלל פאַראַן אַן אומגלייכקייט צווישן די טיילן פון דער דריי־אייניקייט, אָבער דאָס צעשטערט דאָך דעם גאַנצן באַגריף פון „דריי״ וואָס זענען „איינס״.

אזוי האָבן גע׳טענה׳ט אַריוס און די אַריאַנער. דאָס האָט נויטווענדיק געפירט צו אַ מאָנאָטעאיזם לויט וועלכן דער נוצרי איז ניט פון דער זעלביקער סובסטאַנץ ווי גאָט. די וויכוחים און ביטערע מחלוקת צווישן די פונקציאָנערן פון דער קירך האָבן דערגרייכט עד לב השמים. אין פערטן יאָרהונדערט, ווען קאָנסטאַנטין דער גרויסער איז געקומען צו דער מאַכט, און זיך געגייטיקט אין אַן איינהייטלעכער רעליגיע וואָס זאָל פאַרבינדן די ריזיקע, צעשפרייטע רוימישע אימפּעריע, האָט ער נאָטיר־לעך געשטרעבט אריינצוברענגען שלום אין קריסטנטום. ער האָט געוואָלט אַז דער דאָזיקער נייער וואַקסנדיקער כוח זאָל פאַרבינדן און באפעסטיקן די מלוכה וואָס האָט איבערגעלעבט גרויסע סכנות. האָט ער פאַררופן אַ היסטאָריש־געוואָרענע באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון דער קירך אין יאָר 325. איינער פון די באַשלוסן איז געווען: „די הייליקע קאַטוילישע און אַפּאָסטאָלישע קירך פאַרשילט יענע וואָס זאָגן אַז עס איז געווען אַ צייט ווען גאָטס זון איז ניט געווען, אַז איידער ער איז געבוירן געוואָרן איז ער ניט געווען, און אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָרניט, אָדער פון אַן אַנדער סובסטאַנץ, אָדער תוך, און אַז ער איז אַ באַשאַפענער, אָדער קען זיך בייטן, אָדער ווערן אַנדערש". קאָנסטאַנטין איז אַליין געווען אין גאַנצן גלייכגילטיק צו דער באַהאַנדלטער פּראַגע. ער איז געזעסן אויף דער באַראַטונג, און דער ענין גופא האָט אים ניט געקענט אָנגיין. ראשית צוליב דעם וואָס אים איז געלעגן אין קאָפּ מער זיין אימפּעריע ווי די האַר־שפּאַלטערייען פון אַ טעאָלאָגישן כאַראַקטער. שנית, צוליב דעם וואָס די וויכוחים זענען פאָרגעקומען אין גריכיש, אַ שפּראַך וואָס ער האָט ווייניק פאַרשטאַנען. אָבער אים איז מסתמא געוואָרן ביטער אויפן האַרצן ווען ער האָט דערזען אַז בעת אַריוס האָט זיך אויפגעשטעלט רעדן האָט אים ניקאָליי פון מירא געגעבן אַ פּאַטש, און ווי דער עולם איז צעווילדעוועט געוואָרן, זיך פאַרשטאָפּט די אויערן כדי ניט צו הערן די אפיקורסותן וואָס אַריוס רעדט אַרויס.

דער באַשלוס פון דער קירך איז געפּאַסט געוואָרן. קאָנסטאַנטין, וואָס ביי אים איז אַ געאייניקט קריסטנטום געוואָרן אַ לעבנס־נויט, האָט גענומען דורכפירן דעם באַשלוס מיט דער מאַכט פון דער מלוכה. לכתחילה מיט האַרבערע פאַרפאָלגונגען קעגן די אומגלויביקע און אַנדערש־גלויביקע, שפּעטער מיט מער טאָלעראַנטער פאַראַכטונג. קריסטנטום איז געוואָרן, קודם כל, אַ פעסט־איינגעשטעלטע אָרגאַניזאַציע, וואָס דאָס האָט גענומען אריינשרויפן יעדן מיטגליד אינם ספּיראַל פון אַ מעכאַנישער דיסציפּלין.

דאָס שטרעבן צו מאַכט האָט אַלץ מער געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער נייטיקייט פון פאָרמעלער אָרגאַניזאַציע און פעסטער דיסציפּלין. די געשאַפענע אָרגאַניזאַציע האָט אַלץ מער געטריבן צו פאַרשפּרייטן די מאַכט אויף אַלץ גרעסערע צאָלן. קאָנסטאַנטין דער גרויסער האָט די קריסטן געשטעלט אויף דער מדרגה פון א פּאָליטיש־הערשנדיקער רעליגיע. אַזוי האָט זיך אויסגעוועפּט דער גייסט פון דער הייליקער ברודערשאַפט, און עס איז געבוירן געוואָרן דער גייסט פון אַ הערשנדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, מיט אַלע טעאָרעטישע און פּראַקטישע אַמביציעס וואָס אַזאַ סאָציאַלע איינס שטעלט מיט זיך פאָר אין אַ מאָנאַקראַטישער מדינה, א מדינה וואו עס איז דערלויבט בלויז איין אידעאָלאָגיע, און איין אבסאָלוטע מאַכט.

קאָנסטאַנטין האָט געמאַכט דעם אָנהייב. זיין נאָענטסטער שטעל־פאַרטרעטער, טעאָדאָסיוס, האָט שוין איינגעפירט אמת׳ע פאַרפאָלגונגען: אָרויסשיקן פון לאַנד, קאָנפיסקירן פאַרמעגן, און בכלל געזעצן קעגן אַפּיקורסות. אין געוויסע פאַלן האָבן די ערשטע קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן ניט אָפּגעשטעלט זיך אפילו פון באַשטראָפן מיט טויט פאַר קעגנערשאַפט צו די אָפיציעלע דאָגמעס פון דער קירך. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קריסטלעכע אינקוויזיציע וואָס האָט דערגרייכט איר פולע צעבליאונג אין דרייצנטן יאָרהונדערט. לכתחילה האָבן פאַרטרעטער פון דער קירך, למשל, דער הייליקער אויגוסטין, בשום אופן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט טויט־שטראָף פאַר אפּיקורסות. זיי האָבן געהאַלטן אַז שמייסן אָדער אָוועקנעמען דאָס רעכט עפנטלעך צו רעדן, איז גאַנץ גענוג. אָבער די פאָרמען לויט וועלכע קריסטנטום האָט איצט פונקציאָנירט — ווי אַן אָרגאַניזירטע היעראַרכיע בשותפות מיט אַן אָרגאַניזירטער מלוכה — האָט געטריבן צו אַנדערע צילן, צו די ממילא׳דיקע רעזולטאַטן וואָס די נייע מיטלען האָבן אַרויסגערופן.

דער עקלעזיאַסטישער היסטאָריקער מאָסהיים פאַרשטייט אויסגעצייכנט דעם ענין ווען ער דערקלערט: „צוויי מורא׳דיקע און אומגליקליכע פעלערן זענען אָנגענומען געוואָרן אין דאָזיקן פערטן יאָרהונדערט: 1) אַז עס איז אַ דערהויבענע מעלה צו באַשווינדלען און אָפּנאַרן ווען דורך דעם וועלן געווינען די אינטערעסן פון דער קירך; 2) אז פאַר רעליגיעזע טעותן, ווען מען האַלט זיך ביי זיי נאָך אַ געהעריקער וואָרענונג, מעג מען צומשפּטן ציווילע שטראָפן און קערפּערלעכע ענויים״.

אויב אין די אַלע זאַכן באַמערקט מען ווי געוויסע אַספּעקטן פֿון דער געשיכטע חזרן זיך איבער, איז פֿאַראַן נאָך אַ פּונקט וואו דער דאָזיקער איינדרוק איז נאָך שטאַרקער. איינע פֿון די פּסיכישע מעגלעכקייטן צו בלייבן געטריי אַן אידייע נאָך דעם ווי זי האָט זיך גרינטלעך געביטן — אונטערן דרוק פֿון נייע מיטלען — ליגט אין דעם וואָס ניט געקוקט אויף אַלע ענדערונגען ווערט אַלץ אויפֿגעהאַלטן די אַמאָליקע שפּראַך, און די אַמאָליקע פֿאָרמולעס וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געווירקט מיט זייערע אַפּעלירנדיקע כּוחות. דאָס איז אמת וועגן אַלע באַוועגונגען. די לכתחילה׳דיקע צילן פֿאַרשווינדן, אָבער די לכתחילה׳דיקע רייד פֿאַרבלייבן מיט אייזערנער עקשנות. אויך אין קריסטנטום איז דאָס נאַטירלעך פֿאָרגעקומען. די אינקוויזיציע, וואָס איז געוואָרן אַזוי אוממענטשלעך־גרויזאַם, אַזוי בלוט־פֿאַרגליווערנדיק קאַלט צו יסורים און פּיין פֿון לעבעדיקע מענטשן, האָט פֿונדעסטוועגן אויפֿגעהאַלטן די אַמאָליקע קריסטלעכע רחמנות־שפּראַך אפֿילו אין אירע שרעקלעכסטע מאָמענטן. ווען די אינקוויזיציע האָט איבערגעגעבן דער סעקולערער מאַכט דורכצופֿירן איר פּסק דין, איז די פֿאָרמולע געווען: „מען זאָל אים באַשטראָפֿן אַזוי רחמנות׳דיק ווי מעגלעך און ניט פֿאַרגיסן זיין בלוט.” דאָס האָט געהייסן פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט.

די שפּראַך איז געבליבן די שפּראַך פֿון די געשטעלטע צילן, אָדער פֿון אַמאָליקע שטרעבונגען. דאָס געפֿיל אַז שפּראַך איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון אַן אָביעקטיווער ווירקלעכקייט מאַכט מעגלעך מען זאָל זיך באַרואיקן אין דער ספֿערע פֿון אַפּעלירנדיקע רייד, אפֿילו ווען די מעשׂים זענען דער היפּוך פֿון זיי. דער ווידערווילן צו לאָגישע סתירות שאַפֿט אַ סיסטעם פֿון טעאָרעטישע אינטערפּרעטאַציעס לויט וועלכע די שענסטע כּוונות ווערן אַריינגעטייטשט, דורך ווערטער, אין די העסלעכסטע פֿאַקטן. אַזוי ווערט פֿרייער דער וועג פֿאַר די ווירקלעכע מיטלען און פֿאַר די ממילא׳דיקע פּועל יוצא׳ס צו וועלכע זיי פֿירן. דער פֿאַקט וואָס די זעלביקע שפּראַכלעכע פֿאָרמולעס קענען זיך אויפֿהאַלטן אפֿילו דעמאָלט ווען אַלע אינערלעכע און דרויסנדיקע פּראָצעסן זענען שוין געביטן, גיט אַ מעגלעכקייט מען זאָל קענען אַפּעלירן אין נאָמען פֿון אַ ווייטער צוקונפֿט, מען זאָל אַליין זען די ווייטע צוקונפֿט, ניט אין דער ראַם פֿון געשעענישן וואָס קומען באמת פֿאָר, נאָר אין טערמינען פֿון די רייד וואָס שטאַמען פֿון גאָר אַנדערע געשעענישן און אַנדערע פּראָצעסן. וואָרים אין אַזעלכע פֿאַלן אַנטפּלעקן ניט די רייד די שפּיל פֿון ווירקלעכע

כוחות אין דער וועלט, זיי פֿאַרבאַהאַלטן גאָר דעם סוד אַז דער וואָס רעדט, און דאָס וועגן וואָס ער רעדט, זענען שוין אין גאַנצן געביטן, און ביידע טראָגן זיך שוין צו גאָר אַן אַנדער צוקונפֿט, צו דער צוקונפֿט פֿון ממילא׳דיקע רעזולטאַטן, בעת די רייד זענען בלויז אַ לינגוויסטישער אויס־דרוק פֿון אַ וועלט וואָס ליגט שוין מער ניט אויף דער ליניע פֿון די איצטיקע רעאַלע געשעענישן.

היסטאָרישע ביישפּילן צו באַווייזן די געבונדנקייט צווישן מיטלען און צילן קען מען געבן לרוב. איך האָב איבערגעגעבן עטלעכע פֿאַקטן פֿון דער געשיכטע פֿון קריסטנטום, ווייל דאָס וואַרפֿט זיך גלייך אין די אויגן, און איז אַזוי טראַגיש ענלעך צו פֿאַקטן פֿון היינטיקן טאָג. ענלעכע אילו־סטראַציעס געפֿינען מיר אויף שריט און טריט, סיי פֿון גרעסערן, סיי פֿון קלענערן פֿאַרנעם.

אָט איז אַ ביישפּיל פֿון די צייטן פֿון דער רעפֿאָרמאַציע. איינער פֿון די וויכטיקסטע פּרינציפּן פֿון יענער באַוועגונג איז געוועזן אַז „יעדער מענטש זאָל קענען לייענען די ביבל״. דאָס האָט געפֿירט ניט בלויז צו לוטערס איבערזעצונג פֿון דער ביבל אין דייטש, נאָר עס האָט אויך אַרויסגערופֿן די סימפּאַטיעס פֿון די ברייטע מאַסן צום פּראָטעסטאַנטיזם, עס האָט אונטערגעשטראָכן דעם דעמאָקראַטישן עלעמענט פֿון דער נייער באַוועגונג. על פּי שכל וואָלט געדאַרפֿט אויסקומען אַז די אַנטוויקלונג פֿון עלעמענטאַר־שולן אין דער מוטער־שפּראַך — וואָס די מיטלאַלטער האָט ניט פֿאַרמאָגט — וואָלט געדאַרפֿט קריגן אַ פֿרישע אָנרעגונג ווי אַ פּועל יוצא פֿון דער גאַנצער פּראָטעסטאַנטישער טעאָריע. לאָזט זיך אויס אַז די ערשטע פּראָטעסטאַנטן האָבן דווקא געעפֿנט לאַטייניש שולן. עס איז אַפֿילו דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז דאָס פּראָטעסטאַנטישע זאַקסן, וואו אַ מלוכה׳שע שול־סיסטעם איז געשאַפֿן געוואָרן אין 1528, האָט בפֿירוש פֿאַרבאָטן צו לערנען דייטש. שולן וואו מען האָט געלערנט דייטש זענען שוין דעמאָלט געווען. אָבער אָפֿיציעל זענען זיי בלויז טאָלערירט געוואָרן, זיי זענען באַטראַכט געוואָרן ווי אינסטיטוציעס פֿון אַ נידעריקערן קלאַס, און זענען אין גאַנצן געלאָזן געוואָרן צו פּריוואַטער איניציאַטיווע. פֿאַרוואָס האָבן די ערשטע פּראָטעסטאַנטן ניט געשטויסן די אַנטוויקלונג פֿון עלעמענטאַר־בילדונג אין דער מוטער־שפּראַך?

ווען מיר האָבן אין זינען דעם פֿאַקטאָר פֿון מיטלען און צילן לאָזט זיך דאָס אַביסל בעסער פֿאַרשטיין. לוטער האָט ניט בלויז פֿאָרמולירט נייע פּרינציפּן אין קריסטלעכן דענקען און אין קריסטלעכן רעזשים. ער

האָט אויך געשאַפן אַ באַוועגונג. די באַוועגונג האָט זיך געגייטיקט אין פירער, פאַרשפּרייטער פון די נייע געדאַנקען, און אין אָרגאַניזירן מאַסן קעגן דער הערשנדיקער קירך. פאַר אַסך דייטשישע מלוכה׳לעך איז דאָס געווען אַ געלעגנהייט זיך צו באַפרייען פון דער אויבערהערשאַפט פון דער רעליגיעזער קאַטוילישער אימפּעריע. האָבן זיי נאַטירלעך געוואָלט העלפן דער לוטעראַנישער באַוועגונג. אָבער אַזוי ווי בילדונג און וויסן האָט מען דעמאָלט בלויז געקענט שעפּן פון דער לאַטיינישער ליטעראַטור, און אַזוי ווי אַן אַזאַ בילדונג קענען קיין פירער ניט אויסוואַקסן, איז דעריבער נייטיק געווען לכתחילה צו בויען שולן דורכויס אין לאַטיין. מען קען זיך לייכט פאַרשטעלן אויף וויפיל דאָס איז געווען אַן אבן נגף אינם וואוקס פון שולן אין דער דייטשישער מוטער־שפּראַך, און וויפיל דאָס האָט געווירקט מען זאָל אין דייטשלאַנד, ביז די גאָר לעצטע צייטן, גוזמא׳דיק איבערטרייבן די וויכטיקייט פון די קלאַסישע שפּראַכן. אַזוי האָט דער גאַנג פון פּראָטעסטאַנטיזם געפירט צו ממילא׳דיקע רעזולטאַטן וואָס זענען דער היפּוך פון די לכתחילה׳דיקע שטרעבונגען פון דער באַוועגונג. אינם קאָנפליקט צווישן גע׳חלומ׳טע צילן אוןווירקלעכע מיטלען האָבן די לעצטע, ווי דער שטייגער, געזיגט.

מהאי טעמא געפינען מיר פאַלן ווען אָנגענומענע מיטלען פאַרגיכערן דעם סאַמע אונטערגאַנג פון אַ באַוועגונג. אַזאַ ביישפּיל געפינען מיר אין חסידות. דער שפּעטער־געבוירענער צדיקיזם — דער פירער־פּרינציפּ צוזאַמען מיטן מאַנאַרכישן ירושה־פּרינציפּ, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צום צדיקיזם — איז לחלוטין ניט געלעגן אין לכתחילה׳דיקן פּלאַן און אין די שטרעבונגען פון דער באַוועגונג. לכתחילה איז דער רבי געווען אַ נייטיקער לעבעדיקער צענטראַל־פּונקט, און זיין באַזונדערער דרך אין טעאָריע און אין מעשים האָט צוגעגעבן פאַרב און טאָן אין דער גרויקייט און עצבות פון יידישן לעבן. אָבער דער צדיקיזם האָט באַלד אַרויסגערופן כיתות איבער כיתות מיט די באַזונדערע הויפן און די פּאָליטישע מחלוקתן וואָס האָבן מחלל געווען דאָס אַלגעמיינע אָריגי־נעלע בילד. די אריינגעבראַכטע דעמאָראַליזאַציע וואָס דער צדיקיזם האָט פאַרשפּרייט מיט אומגעריכטער שנעלקייט האָט אָפּגעשוואַכט דעם פונדאַ־מענט אויף וועלכן די ערשטע פירער האָבן די גאַנצע געביידע אוועק־געשטעלט.

אמת, די באַוועגונג האָט געלאָזן אַן אומגעהייערן רושם. אָבער דער צדיקיזם האָט ניט דערלאָזן אז זי זאָל ווערן אַן איינהייטלעכע פאָלק־

באַוועגונג. דעריבער האָט איר אויפבלי עפּאָכע אויך געטראָגן אין זיך סימנים פונם סוף. שוין אין די צייטן פון ר׳ מענדעלע קאָצקער איז חסידות געווען א פאר׳משפט׳ע באַוועגונג. די צעטיילטקייט פון אינווייניק איז געווען אָסך ערגער ווי די מחלוקת פון דרויסן; זי האָט פאַרטונקלט די טיפערע פילאָזאָפישע שיטות פון באמת אָריגינעלע פערזענלעכקייטן. דער־צו האָט נאָך דער מאָנאַרכישער ירושה־פּרינציפּ געעפנט אַ וועג פאַר צופיל „קליינע זין״ פון „גרויסע טאַטעס״. אויפן אָרט פון דער רירנדיקער אהבת ישראל פון א ר׳ משה לייב סאַסעווער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אויבן־אָן דער יחיד מיט זיינע אָפּגעזונדערטע זאָרג — פּרנסה, געזונט, אד״ג. ניט דאָס איז געווען די היסטאָרישע כוונה פון חסידות.

די אייביקע דראַמאַטישע שפּיל צווישן מיטלען און צילן, וואָס באַווייזן זייער אינערלעכע געבונדנקייט, שפּרייט זיך אויס אויפן גאַנצן געוועב פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אָבער איך קען זיך ניט פאַרגינען דורכצולאָזן דעם פיינעם מוסר השכל פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע. איך וויל דאָ באַרירן בלויז איין פּונקט פונם סוף וואָס איז אזוי מערקווערדיק אַנדערש פונם אָנהייב אַז עס רייסט ממש די אויגן. אויך דאָ זעען מיר מיט קלאָרסטן טאָג־ליכט דעם פירנדיקן און פאַר־פירנדיקן כוח פון מיטלען צו בייטן פאַרלאַנגטע צילן אויף ממילא׳דיקע רעזולטאַטן.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז לכתחילה געקומען אין נאָמען פון אלגעמיין מענטשלעכע אידעאַלן. ראָבעספּיער פרעגט: „וואָס באַטייט דען אָט די געהיימע וויסנשאפט פון רעגירונג און געזעץ־געבונג?״ און ער ענטפערט: „צו פאַרקערפּערן אין די געזעצן די מאָראַלע אמתן וואָס מען געפינט אין די ווערק פון פילאָזאָפן״. דער גייסט פונם קאַמף איז געווען דורך און דורך קאָסמאָפּאָליטיש. פראַנקרייך האָט געזאָלט זיין דער אָנהייב פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברי־דערלעכקייט״ פאַר אַלע מענטשן־קינדער איבער דער גאַנצער וועלט. די פראַנצויזישע דענקער פון אַכטצנטן יאָרהונדערט, די ענציקלאָפּעדיסטן, די פיזיאָקראַטן, און ספּעציעל רוסאָ מיט זיין פּראָפעטיש פייער, האָבן אויפגעהויבן דעם קולט פון דער „נאַטור״, פון שכל, פון נייע גראַנדיעזע פּלענער צו באַפרייען די מענטש־הייט פון אירע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע צרות. אַלץ איז געווען צייטיק פאַר אַ קאַמף אין נאָמען פון הויכע אַלמענטשלעכע אידעאַלן.

אָבער די אומרוען אין פראַנקרייך, און די דעמאָקראַטישע לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע האָבן דערציטערט די אייראָפּייאישע הערשער. אין

1791 האָט זיך דער פּרייסישער קעניג געטראָפן מיטן עסטרייכישן קייסער אין פּילניץ וואו זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג אַז גאַנץ אייראָפּע איז פאַראינטערעסירט עס זאָל הערשן אָרדענונג און אַז מען זאָל פאַרזיכערן די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך. לעבן די פראַנ־צויזישע גרענעצן האָט זיך אויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל אַנטלאָפענע פראַנצויזן, קעגנער פון דער רעוואָלוציע, און דערמיט אַרויסגערופן אַ באַרעכטיקטע מורא און אַ געררעכטן צאָרן ביי די נייע פירער פון לאַנד.

אין 1792 האָט פראַנקרייך דערקלערט מלחמה קעגן עסטרייך. די מאָטיוון פאַר אָט דעם אַקט זענען געווען פאַרשיידענע. טייל רעפּובליקאַ־נער האָבן געוואָלט באַפרייען זייערע בעלגישע „בלוט־ברידער" פון עסט־רייכישן יאָך. אַנדערע, ראָיאַליסטן, האָבן געוואָלט אויפהייבן דעם פּרעס־טיזש פון דער קרוין. די זשיראָנדיסטן האָבן געהאָפט אַז די מלחמה וועט פירן צו דער עטאַבלירונג פון דער רעפּובליק. דער יאַקאָבינער מאַראַ האָט ביטער געקעמפט קעגן דעם דאָזיקן שריט ווייל ער האָט מורא געהאַט צו פאַרוואַנדלען דעם רעפּובליקאַנישן ענטוזיאַזם אין באַגייסטערונג פאַר מלחמה. ראָבעספּיער און דאַנטאָן האָבן אויך גענומען אָן ענלעכע שטע־לונג. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן, און די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. פּרייסן האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון עסטרייך. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אייראָפּייאישע אַליאַנץ קעגן פראַנקרייך, און דאָס האָט נאַטיר־לעך נאָך העלער געצונדן דעם ענטוזיאַזם פאַר דער רעפּובליק. די יוגנט האָט זיך מיט שמחה איבערגעגעבן די רעפּובליקאַנישע אַרמייען וואָס האָבן געזאָלט פאַרשפּרייטן דעם אידעאַל פון רעפּובליקאַנישער פרייהייט איבערן גאַנצן קאָנטינענט. אין דעצעמבער פון זעלביקן יאָר האָט די נאַציאָנאַל פאַרזאַמלונג פייערלעך דערקלערט: „דאָס פראַנצויזישע פאָלק... וועט באַטראַכטן פאַר שונאים אַלע פעלקער וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן פון פרייהייט און גלייכהייט... און באַשליסן אויפצוהאַלטן, צוריקרופן, אָדער פאַרהאַנדלען מיט אַ פּרינץ אָדער די פּריווילעגירטע קלאַסן. פון דער אַנדערער זייט נעמט עס אויף זיך ניט אונטערצושרייבן קיין שום אָפּמאַך, און ניט אָנערקענען דאָס געוועזענע ביז עס וועט אויפגעשטעלט ווערן די סוּווערעניטעט און די אומהענגיקייט פונם פאָלק וואָס די רעפּובליקאַנישע אַרמייען וועלן אַריין אין זיין לאַנד, און ביז דאָס פאָלק וועט אָננעמען די פּרינציפּן פון גלייכהייט און שאַפן אַ פרייע דעמאָקראַטישע רעגירונג".

שפּעטער, נאָך דעם ווי לואי דער זעכצנטער איז אומגעבראַכט געוואָרן אויף דער גילאָטינע, האָט פראַנקרייך אויך דערקלערט מלחמה קעגן ענג־

לאַנד. איז געקומען דערצו אַז דער קאַמף פון אינווייניק האָט אַרויס־גערופן דעם אידעאַל פון אַ נייער וועלט וואָס די רעוואָלוציע וויל באַ־שאַפן, און דער קאַמף קעגן די שונאים פון דרויסן האָט געקרעפטיקט דאָס געפיל און דעם גלויבן אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז באַרופן דאָס צו טאָן. ממילא איז אויך די פראַנצויזישע שפּראַך געוואָרן „די שפּראַך פון פרייהייט" וואָס מען דאַרף אַרויפצווינגען אויף אַלע איינוואוי־נער פון לאַנד.

אַזוי איז צוזאַמען מיט די אַלמענטשלעכע אידעאַלן געוואַקסן דער רייך נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין די כאַראַקטעריסטישע מעשים וואָס שאָוועניסטישער און אימפּעריאַ־ליסטישער נאַציאָנאַליזם קען אַרויסברענגען. דאָס פאַרוואָס מאָראַ האָט זיך געשראָקן איז געקומען אין פולער מאָס, און זיך פאַר׳חתמ׳עט מיט דער נאַפּאָלעאָנישער טראַגעדיע.

די אַרמייען פונם רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך, נאָך פאַר נאַפּאָלעאָנס אויפשטייג, זענען אַריינגעדרונגען אין האָלאַנד, בעלגיע, שווייצאַריע, דרום דייטשלאַנד, צפון איטאַליע. קעניגן זענען אַראָפּגעזעצט געוואָרן. רעפּובליקן זענען געשאַפן געוואָרן. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט מען זיך ניט געשעמט צו באַרויבן די אוצרות פון די באַפרייטע פעלקער כדי צו פאַרלייכטערן די שלעכטע פינאַנציעלע לאַגע אין דער היים. דער אימפּעט פון אַ הייליקן קריג פאַר פרייהייט האָט זיך אויסגעוועפּט. די מלחמות האָבן אַלץ מער און מער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַגרעסיווע, אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטורעס, מיט אַ צו־שמעלץ פון אַ פאַרשפּיצטן, אומ׳ברחמנות׳דיקן נאַציאָנאַליזם.

כדי מען זאָל האָבן אַ קלאָר בילד פון דעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען איז גוט זיך צו דערמאָנען די רעדעס אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וואו עס איז געלייגט געוואָרן דער טראָפּ אויף פראַנקרייכס שטרעבונג צו וועלט־שלום, וואו עס איז מיט אַזאַ טיפן גלויבן פאַרזיכערט געוואָרן אַז דאָס ניי־געבוירענע פראַנקרייך וועט שוין קיינמאָל ניט פירן קיין אַגרעסיווע מלחמות, און אפילו די וואָס האָבן שפּעטער זיך געריסן צו מלחמה האָבן דאָס אויך *לכתחילה* מאָטיווירט מיט באַפרייען אונטערדריקטע פעל־קער. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען ביז דאַנטאָן, און אַנדערע, האָבן געפאָדערט אַז דער ציל פון דער מלחמה דאַרף זיין צו געווינען פאַר פראַנקרייך די גרענעצן וואָס „די נאַטור האָט אָויסגעשטעלט" — דעם ריין, די אַלפּן, און די פירענעיען.

די געשיכטע פון אייראָפּע נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אַ געשיכטע פון אומגעצאַמטן, אַגרעסיוון און אימפּעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם וואָס האָט באַקומען זיין באַפרוכפּערנדיקע אינספּיראַציעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז אויך די צייט פון די אויפוואַכנדיקע קליינע פעלקער, פונם אויפבלי פון נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, נאַציאָנאַלער קולטור, אַן עפּאָכע ווען „פאָלק" האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ נייע ראָלע אין אַלע ווינקלען פון מענטשלעכן לעבן. אָט דאָס אַלץ איז געקומען ווי אַ פּועל יוצא פון געשעענישן וואָס זייער אויפקום איז געווען כאַראַקטעריסטיש אַלמענטשלעך, און באַצירט מיט געדאַנקען און לאָזונגען פון טיפּישן קאָסמאָפּאָליטיזם. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געוואָרן דאָס וואָס אירע מיטלען האָבן דיקטירט, און ניט דאָס וואָס אירע צילן האָבן אויסגעמאָלן.

5

פאַקטאָרן וואָס קענען גרינגלעך בייטן דאָס לעבן פון גרופּעס און פעלקער דאַרפן, על פּי שׂכל, אויך קענען באַאיינפלוסן אויף אַן ענלעכן אופן דאָס לעבן פון איינצלנע מענטשן. דער געדאַנק אַז עס איז פאַראַן אַ וואָרצלדיקער אונטערשייד צווישן אַ יחיד און אַ גרופּע, האָט שוין היינטיקע צייטן קיין האַפט ניט. ממילא וואָלט זיך אויך אין פּערזענלעכן לעבן פון מענטשן געדאַרפט אָנזען די דעצידירנדיקע ראָלע פון דער שפּיל צווישן מיטלען און צילן. צום גליק דאַרף מען ניט זוכן קיין אויסטערלישעביישפּילן כּדי צו דערוויזן אַז עס איז טאַקע אַזוי.

דער געדאַנק אַז „מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה" (איין מצוה ברענגט צו נאָך אַ מצוה און אַן עבירה ברענגט צו נאָך אַן עבירה) שטרייכט אייגנטלעך אונטער דעם פּראָצעס אויף וועלכן איך האָב דאָ אָנגעוויזן. אין ווערטלעך פון קלוגע לייט און אין פאָלקלאָר פיגורירט זייער אָפט די זעלביקע טעמע. דאָס לעבן ווייזט אויף שריט און טריט אַז „אַזוי ווי מען בעט זיך אַזוי שלאָפט מען" — די באַנוצטע מיטלען פירן נויטווענדיק צו רעזולטאַטן וואָס זענען לאָגיש און מאָראַליש מיט זיי געקייטלט. אין גרעסערע בעלעטריסטישע און דראַמאַטישע ווערק טרעפט זיך זעלטן אַז די דאָזיקע טעמע זאָל ניט באַרירט ווערן. דאָס מזל פון הערשעלע דובראָונער, וואָס איך האָב פריער שוין דערמאָנט, איז אייגנטלעך דאָס מזל פון אונדז אַלעמען אויף דער זינדיקער ערד.

מיר מאָלן זיך אויס צילן, דערנאָך קומט עפּעס אָן אויפן וועג און די ריכטונג פון גאַנצן לעבן דרייט זיך אַוועק פון לכתחילה'דיקן אויסגאַנג פּונקט, אַמאָל צום בעסערן, אַמאָל צום ערגערן, אַמאָל סתם אויף אומגע־ריכטע וועגן. דאָס איז אויך די לעבנס־פילאָזאָפיע פון דער מעשה וואָס מען דערציילט, דאַכט זיך, וועגן עזאָפּן. מען האָט אים אַרעס־טירט, ווייל אויף דער פראַגע פון אַ פּאָליציי־באַאַמטן וואוהין ער גייט האָט ער געענטפערט: „איך ווייס ניט". ווען מען האָט אים אין תפיסה געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אַזוי חוצפה'דיק געענטפערט האָט ער זיך פאַרטיידיקט דערמיט וואָס ער האָט באמת ניט געוואוסט וואוהין ער גייט. אָט האָט ער געוואָלט גיין ערגעץ אַנדערש צום סוף איז ער גאָר אין תפיסה. אַ מענטש קען בלויז וויסן וואוהין ער וויל גיין, אָבער וואוהין ער גייט אין דער אמתן איז פאַרבונדן ניט בלויז מיטן ווילן נאָר אויך מיט די מיטלען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך, מיט די קאָנקרעטע אַקטן פון טאָן, פון מעשים.

כדי כאָטש צו ברענגען איין אַנזעעוודיקן ביישפּיל וועט זיין זייער פּאַסיק צו דערמאָנען אַן עפּיזאָד פונעם לעבן פון ראָבעספּיערן. אַז מיר האָבן פריער געבראַכט אַ סאָציאַלן ביישפּיל פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, טאָ לאָמיר איצט אָנווייזן אויף אַן אינדיווידועלן ביישפּיל פון איר הויפּט־פירער. ראָבעספּיער איז געבוירן געוואָרן אין 1758. ווען ער איז אַלט געווען 23 יאָר איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען אים באַשטימט פאַר אַ קרימינאַל־ריכטער אין דער פּראָווינץ־שטאָט וואו ער האָט פּראַקטיצירט. דאָס האָט זיך מסתמא גענומען דערפון וואָס ער איז תמיד געווען ערלעך ביז גאָר, ענערגיש, און דערצו נאָך זייער ראַפינירט אין זיינע מאַניערן. אָבער ער האָט באַלד רעזיגנירט פון דער דאָזיקער שטעלע אויס מורא אַז עס קען אים נאָך אויסקומען צו פאַר'מישפּט'ן אַ מענטשן צום טויט.

איר לייענט דעם דאָזיקן עפּיזאָד און, אויב איר האָט אים פריער ניט געוואוסט, דאַרפט איר בלייבן מיט אַן אָפן מויל פון איבעררעשנדיקן חידוש. דאָס איז דער זעלביקער מענטש וואָס איז געווען אַזוי ווילד־דאָגמאַטיש, אַזוי ענגהאַרציק־זיכער אין פאַרטיידיקן רוסאָס אויסגע־חלומ'טע אידייען. דאָס איז דער זעלביקער מענטש וואָס האָט טויזנטער מענטשן געשיקט צו דער שחיטה. דאָס איז דער מענטש וואָס נאָך אַ חודש אַפּרו אין 1794 כדי צו באַטראַכטן זיין שטעלונג, איז ער געקומען צום באַשלוס, ווי איין שרייבער דערציילט: „אַז אַפּשטעלן די הער־

שאַפט פון טעראָר וואָלט באַטייט צו פאַרלירן יענע הויכע פאָזיציע דורך וועלכער ער האָט געהאָפט צו פאַרווירקלעכן רוסאָס אידעאַל". דאָס איז דער מענטש וואָס כדי צו פאַרווירקלעכן זיינע אמת־הויכע מענטשלעכע חלומות האָט ער געהאָלפן דורכפירן אַ געזעץ (10טן יוני 1794) וואָס האָט אָװעקגענומען יעדן שאָטן פון אַן אויסרייד פון גערעכטיקייט פון רעוואָלו־ציאָנערן טריבונאַל. וואָרים אזוי ווי קיין עדות זענען ניט צוגעלאָזן געוואָרן האָבן זיך די פונקציעס רעדוצירט בלויז צו באַשולדיקן און פאַר־משפט'ן. דער פועל יוצא פון אָט דעם געזעץ איז געווען אַז פון 12טן יוני ביזן 28טן יולי — דעם טאָג ווען ראָבעספּיער אַליין איז אומגעקומען — זענען 1,285 קרבנות געפאַלן פון דער גילאָטינע אין פאַריז. אָט דער דאָזיקער מענטש האָט אין גאַנצן מיט צוועלף יאָר צוריק זיך אָפּגעזאָגט פון אַן אַמט אויס מורא אַז ער קען נאָך חס ושלום געצוואונגען ווערן צו פאַרמשפּטן אַ מענטשן צו טויט־שטראָף.

די מיטלען וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן — און אויף וועלכע ראָבעספּיער איז ביסלעכווייז איינגעגאַנגען אין נאָמען פון זיין איבערגעגעבנקייט צו גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן — האָבן אין גאַנצן געביטן זיין פּערזענלעכקייט. די גאַנצע סיסטעם פון זיינע געוואוינ־הייטן, פון זיין אויפפיר, פון די עטישע כללים וואָס האָבן רעגולירט זיינע קאָנקרעטע שייכותן צו טאָג־טעגלעך מענטשלעך לעבן איז אויפגעריסן געוואָרן ביזן סאַמע דנאָ. אָבער איין זאַך איז געבליבן ווי געווען, זיינע פאָרמולעס פון די געשטעלטע צילן, די ווערטער, די לאָזונגען, דאָס אַפּעלירן אין נאָמען פון פרייהייט און מענטשלעך גליק — דאָס אַלץ האָט זיך ניט געענדערט. אין דער צייט ווען פון די מעשים האָט זיך שוין געטראָגן דער דומפּער ריח פון פאַרגאָסן בלוט — און פון אַן אַ שיעור אומשולדיק בלוט — האָבן נאָך אַלץ די רייד געשפּריצט מיטן זיסן גערוך פונם אַמאָליקן ווייַן. און וואָס מער עס איז געוואַקסן די פאַנאַטישע עקשנות מיט וועלכער ער האָט זיך איינגעלעבט אין דער אילוזיע פון זיינע ליכטיקע ווערטער אַלץ פינסטערער זענען געוואָרן זיינע מעשים ביז זיי האָבן אים אַליין פאַרשניטן פון דער וועלט.

דאָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ נייעם סוד אין דער שפּיל פון מיטלען און צילן. די מיטלען זענען בכוח צו פירן אין נייע ריכטונגען — אפילו ווען דער שכל מיינט אַז ער גייט נאָך אַלץ אויף די אַלטע וועגן — ניט בלויז צוליב דער אילוזיע פון שפּראַך און לאָזונג, נאָר דער

עיקר צוליב דעם וואָס די מיטלען בייטן דעם מענטשן, און דער נייער מענטש, דער געביטענער, זעט ניט די ענדערונג וואָס אין אים אַליין איז פאָרגעקומען. ער זעט דאָס ניט דערפאַר ווייל מיר האָבן אַלע אַ טענדענץ זיך צו דעפינירן לויט די ווייטסטע שטרעבונגען אין אונדזער דמיון — וואָס דאָס איז אַזוי לייכט און אַזוי זיס — און ניט לויט די פּרטים׳דיקע טאָג־טעגלעכע האַנדלונגען וואָס שטעלן אַזעלכע שטרענגע און שווערע פאָדערונגען. מיטלען וואָס זענען ניט פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע וואָס די געשטעלטע צילן אָדער געהערן לאָגיש צו אַן אַנדער סיסטעם, מוזן — אויב קיין אָפּהאַלט איז ניטאָ — נויטווענדיק פירן צו זייערע אייגענע ממילא׳דיקע רעזולטאַטן סיי אין געזעלשאַפטלעכן, סיי אין אינ־דיווידועלן לעבן. וואָרים אין ביידע פאַלן האָבן מיר אַלץ צו טאָן ניט מיט סתם פּראָצעסן, נאָר מיט לעבעדיקע מענטשן וואָס גייען זיי דורך, וואָס זענען דאָס אַליין. יעדע ענדערונג אין די מיטלען ברעכט אויף די לכתחילה׳דיקע באַלאַנסירטקייט, און שטעלט אריין נייע ענד־מאָמענטן אין דער סיסטעם וואָס זענען אין הסכם מיטן גאַנג פון די קאָנקרעטע מעשים, און מיט די ניי־געוואָרענע מענטשן וואָס זיי פאָרמירן. עס איז נאַטירלעך אַז וואָס טיפער אַ מענטש איז אַליין אַריינגעוועבט אין אַזאַ פּראָצעס אַלץ גרינטלעכער זאָל ער געביטן ווערן, און זאָל דעריבער אַלץ ווייניקער פייאיק זיין צו באַמערקן אַז די ענדערונגען גייען להיפּוך צו די אמאָליקע פאַרלאַנגטע צילן, אָדער גייען בכלל אוועק פון זיי.

דער לעצטער געדאַנק וועגן די „נייע ענד־מאָמענטן" פאַרדינט אַ ווייטערדיקע באַטראַכטונג. דאָס לעבן איז טאַקע איין גרויסע צעמענטירטע גאַנצקייט, אָבער מיר נעמען עס אויף ניט ווי אַ גלייכע ליניע נאָר כוואַליע־מעסיק, זיגזאַגיש. אין באַוואוסטזיין שטאַרן אַרויס געוויסע מאָ־מענטן מער פון אַנדערע. די וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון מיטלען זענען ווייניקער אַנזעעוודיק, די וואָס האָבן דעם ציל־כאַראַקטער פאַר־נעמען דעם אויבן־אָן. ווען מיר פּלאַנעווען אַן אונטערנעמונג טראַכטן מיר וועגן איר אין איר גאַנצקייט, אפילו ווען עס דויערט יאָרן, אָדער דורות, זי צו פאַרענדיקן. אין געדאַנק שפּאַרט זיך אַרויס דער ענדגיל־טיקער ציל, אַלץ וואָס פירט צו אים איז בלויז אַ מטושטוש׳דיקע, גלייכע איין־ליניקע סעריע מיטלען. ממילא, אַזוי ווי אונדזער באַוואוסטזיין פונק־ציאָנירט כסדר אין טערמינען פון צילן, איז דעמאָלט דער ענדגילטיקער ציל דער איינציקער מאָמענט וואָס גיט אונדזער געמיט זיין טאָן און זיין פאַרב.

אָבער אַזוי שנעל ווי מיר הייבן אָן די אונטערנעמונג דורכצופירן אין לעבן צעטיילט זיך די לאַנגע סעריע מיטלען אויף קלענערע גרופּעס, יעדע מיט איר שפּיץ, מיט איר ציל, און די נייע צוגעקומענע ענד־מאָמענטן באַהערשן דאָס באַוואוסטזיין אין די קאָנקרעטע טעטיקייטן. דער סאָוויעטישער פליער אויפן פינלענדישן פראָנט איז אפשר לכתחילה איבער־געצייגט געוואָרן אַז דאָס גליק פון דער וועלט אָדער פון סאָוויעטן פאַר־באַנד פאָדערט אַ סאָוויעטישע אויבערהערשאפט איבער יענער מדינה. אָבער בעת עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און ער נעמט זיך דורכפירן זיין טייל פון דער אַרבעט, איז קודם כל זיין ציל זיך דורכצורייסן בשלום אין לאַנד פון שונא. אַלע איבעריקע טעטיקייטן באַקומען פאַר אים דעם כאַראַקטער פון מיטלען. זיין ווייטערדיקער ציל קען זיין צו וואַרפן באָמבעס אויף די געהעריקע פּאָזיציעס. זיין דריטער ציל איז מעגלעך זיך אַרויסצודרייען פון סכנות ביים אומקערן זיך אַהיים, אאז״וו. אָט די נייע ענד־מאָמענטן זענען די צוגעקומענע צילן וואָס אין זייערע טער־מינען טראַכט ער, לעבט ער, און זיי באַפאַרבן זיינע קאָנקרעטע טעטי־קייטן. די נאַטירלעכע און צופעליקע פאַנאַנדערוויקלונגען פון געשעענישן ווערן באַשטימט פון אָט די נייע צילן, און ניט פון די געשטעלטע ענד־מאָמענטן וואָס האָבן אים באַגייסטערט בעת מען האָט געפלאַנעוועט צו באַקומען ספּעציעלע רעכט אין פינלאַנד. און אויב די דאָזיקע טעטיקייטן זענען ניט פון דער זעלביקער מאָראַלער קאַטעגאָריע ווי דער ערשטער פּלאַן דעמאָלט וועלן זיי נאַטירלעך פירן צו ממילא׳דיקע דערגרייכונגען וואָס האָבן קיין שייכות ניט צו די געשטעלטע צילן.

די געפאַר פון האַלטן צילן וויכטיקער פון מיטלען איז גרעסער צוליב דעם, ווייל דער געדאַנק פאַרמאָגט אין זיך אַ טיילווייזן אמת. וואָרים יעדער דין וחשבון וואָס מיר גיבן זיך אין לעבן איז געבויט אויף די צילן וואָס מיר שטעלן זיך. אָבער מיר באַמערקן ניט אַז אין קאָנקרעטע טעטיקייטן בייטן מיר אויס דעם ווייטן געשטעלטן ציל אויף קלענערע באַלדיקע צילן, און די לעצטע זענען בלויז געוויסע מאָמענטן פון די מיטלען וואָס באַקומען אַ ציל־כאַראַקטער, זיי זענען די שפּיצן פון די זיגזאַגישע פאָרמען פון די פּראָצעסן וואָס די מיטלען גייען דורך. יעדע נייע סעריע מיטלען שאַפט נויטווענדיק אירע אייגענע צילן, און זיי טרייבן געשעענישן אין נייע ריכטונגען, און בייטן די מענטשן וואָס דאַרפן די געשעענישן איבערלעבן און אויסדריקן. און אויב מיר באַמערקן בלויז די דרויסנדיקע ענדערונגען און ניט די אינווייניקסטע, איז דאָס ראשית

דערפאַר ווייל מיר קענען באַנוצן די זעלביקע שפּראַך וואָס פריער. שפּראַך איז אַ זייער עלאַסטישער אינסטרומענט. מען קען אפילו באַגיין אַ מאָרד און דאַך דאָס אָנרופן „ראַטעווען אַ נשמה". מיר פאַרדעקן פאַר זיך אַליין דעם כאַראַקטער פון די קאָנקרעטע ענד־מאָמענטן מיט די רייד פונם אַבסטראַקטן וויטן ציל.

די צווייטע סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג ליגט שוין גאָר אויף אַן אַנדער פּונקט. זאָל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן עטלעכע זאַצן פון מיין בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון ליטעראַטור": „אָט די טענדענץ פון מיטלען פאַרוואַנדלט צו ווערן אין צילן נעמט זיך דערפון וואָס מיר האָבן בכלל ניט צו טאָן מיט ליניעס נאָר מיט זיגזאַגן, ניט מיט זאַכן נאָר מיט פּראָצעסן, און דער מענטש און דער ציל זענען ניט וויניקער פּראָצעס ווי די מיטלען וואָס ווערן אָנגענומען און האַלטן זיך אין איין בייטן. די אורזאַך פאַרוואָס מיר זעען בלויז ענדערונגען אין די מיטלען, און ניט אין זיך אַליין אָדער אין די צילן, נעמט זיך דערפון וואָס בנוגע די צילן זענען זיי ענינים וואָס מיט זיי האָבן מיר בכלל וויניק וואָס צו טאָן. זיי ווערן אָוועקגעשטעלט אין דער דערוויטערטקייט פון אַ צוקונפט... בנוגע דער פאַרענדערלעכקייט פונם מענטשן גופא האָבן מיר די שווערי־קייט וואָס אונדזערע חושים און געפילן זענען מער צוגעפּאַסט אויפצונעמען געוויסע צושטאַנדן איידער די דינאַמישע מאָמענטן פון פּראָצעסן. בכלל זענען מיר צופיל גענייגט צו באַטראַכטן די אַרומיקע וועלט און צו וויניק צו באַטראַכטן זיך אַליין.

„אויפצופאַסן זיך אַליין ניט בלויז ווי אַ צענטער פון טעטיקייט נאָר אויך ווי אַן אומפאַרענדערלעכן צענטער, וואו אַלע טיילן זענען תמיד אַראַנזשירט אויפן זעלביקן אופן און געפינען זיך אין דער זעלביקער שייכות, דאָס זעט אויס צו זיין אַן איינגעוואָרצלטער געדאַנק וואָס מיר וועלן אים ניט אַזוי לייכט פּטור ווערן."

אָט דאָס וואָס מיר געדענקען זיך אַזוי גוט פון נעכטן־אייערנעכטן דערלאָזט ניט מיר זאָלן אַזוי לייכט דערזען די ענדערונגען וואָס קומען אין אונדז פאָר. מיר פילן זיך אַלץ ווי די זעלביקע וואָס געווען, כאָטש די נייע מאָמענטאַלע קאָנקרעטע צילן האָבן אונדז אַזוי שאַרף און פאַטאַל געביטן. דאָס מאַכט מעגלעך מיר זאָלן מיט אַ לייכט האַרץ קענען איינגיין אויף ענדערונגען אין מיטלען — פּאַקטיש הייסט דאָס, די קאָנקרעטע מאָמענטאַלע צילן — אָבער מיר וועלן זיך ראַנגלען מיט ווילדער עקשנות אויפצוהאַלטן אין דער ריינסטער פאָרם די וויטע, גע'חלומ'טע צילן.

וואָרים די דאָזיקע שטרעבונגען זענען פאַרקערפּערט אין סטאַטישע, פאַרגליווערטע פאָרמולעס. מיר אידענטיפיצירן מיט זיי דעם סאַמע תמצית פון אונזער גייסטיקן אינהאַלט. זייער שטייענדיקע, אומבאַוועג־לעכע עקזיסטענץ פאַרשטאַרקט די וואָרעמע אילוזיע אַז מיר זענען אַקוראַט די זעלביקע ווי געווען. אַן ענדערונג אין די דאָזיקע פרטים וואַרפט זיך דעריבער שטאַרק אין די אויגן, רופט אַרויס דעם ענערגישסטן ווידער־ווילן, שמעקט מיט זעלבסט־פאַרניכטונג. אָבער די ווירקונגען פון ענדע־רונגען אין די מיטלען זעען מיר ניט, ווייל זיי טראָגן זיך מיט האַסטיקער באַוועגונג, ווייל זיי זענען ניט קיין פאָרמולעס, אָדער אַבסטראַקטע פאַר־שטעלונגען אויף וועלכע מיר קענען קוקן, נאָר אינוווייניקסטע געשעענישן וואָס בלויז אַ טיפער אינטראָספּעקטיווער אַנאַליז קען אויפכאַפּן, ווייל זיי זענען צו נאָענט, ווייל מיר לעבן זיי בפועל ממש.

אַ דריטע סיבה ליגט אינם פאַקט וואָס אונדזער פסיכיק פונקציאָנירט אין טערמינען פון סימבאָלישע אויסדרוקן און געשטאַלטן, און נעמט אָן ריין פאָרמעלע דערגרייכונגען פאַר רעאַלע נצחונות. ווען א געזעלשאַפט־לעכע אידייע געלינגט צו שאַפן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פילט מען אַזוי ווי דערמיט אַליין דערנענטערט מען זיך צו די געשטעלטע צילן, אפילו ווען אין דער אמתן קומט פאַר פונקט דער היפּוך. ווען עס געלינגט אריינצופירן אין לעבן אַ דינעם שאַטן, אַ סימבאָל, פונם ווייטן ציל, מאַכט עס אויף דעם איינדרוק פון אַ ווערטפול געווינס. אין פערטן יאָרהונדערט האָבן די קריסטן געפילט אַז זיי האָבן טאַקע עפּעס ממשות׳דיקס דערגרייכט — פון שטאַנדפונקט פון זייערע ווייטע סאָציאַלע צילן — ווען זיי איז געלונגען צו ווערן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע און באַהערשן די רוימישע אימפּעריע. זיכער האָט אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער נצחון דער פאַקט וואָס מען האָט אָפיציעל אָנגענומען דעם גלויבן אין דער דריי־אייניקייט — דעם הוילן טעאָרעטישן סימבאָל וואָס דערנענטערט אויף אַ האָר ניט צו די לכתחילה׳דיקע ווירקלעכע שטרעבונגען פון דער קריסטלעכער רע־ליגיע. דער ווייטערדיקער גייסטיקער באַרג־אַראָפּ פון קריסטנטום האָט זיך ניט געקענט אָנזען אַזוי שנעל, ווייל די טעכנישע און סימבאָלישע געווינסן האָבן אַלץ פאַרשטעלט.

די באַגייסטערונג, אָדער די הויכע אָפּשאַצונג, וואָס דער איצטיקער סאָוויעטן פאַרבאַנד רופט נאָך אַלץ אַרויס ביי געוויסע אָביעקטיוו־טראַכטנדיקע מענטשן וואָלט געווען ממש אַ רעטעניש ווען מען לאָזט אויס פון אויג דעם לעצט־דערמאָנטן פאַקטאָר. דער כוח פון טעכנישע און

סימבאָלישע געווינסן — אפילו ווען זיי פאַלן צונויף מיט די טראַגישסטע דורכפאַלן פון דעם וואָס די לכתחילה'דיקע צילן האָבן אָנגעצייכנט — איז אַזוי אומגעהייער גרויס אַז ער קען פאַרבלענדן און בלינד מאַכן מיט זיין ליכט דעם פיינסטן חוש הראיה.

6

דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט האָט לחלוטין ניט געהאַט בדעה צו מאַכן דעם איינדרוק אַז „מיטלען" און „צילן" זענען אַ מין לעצטע טערמינען וואָס צו זיי קען מען רעדוצירן אַלע ענדערונגען אין סאָציאַלן און אינדיווידועלן לעבן. דאָס קען זיכער ניט זיין די אַמביציע פון אַ מענטשן וואָס האַלט בכלל ניט פון אַזעלכע „לעצטע טערמינען", וואָס איז איבערגעצייגט אַז מענטשלעך לעבן איז בטבע אַזוי פאַרמירט אַז די וואָס ווילן אַלץ דערקלערן מיט איין פאַקטאָר, אָדער מיט איין הויפּט־פאַקטאָר, מוזן גלייך צעברעכן די סיסטעם וואָס זיי פאַרשן, און דערנאָך דערקלערן זיי בלויז אַבסטראַקטע ברוך־שטיקער פון אַ גאַנצקייט וואָס איז שוין מער ניטאָ.

דאָס איז ריכטיק ניט בלויז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע קאָמפּליצירטע דערשיינונגען ווי אין סאָציאַלן לעבן, נאָר אפילו אין לעבן פון אַן איינצלנעם. אפילו ווען מען האָט צו טאָן מיט עלעמענטאַרע דערשיינונגען אין פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישע פונקציעס ביי בעלי חיים שווימט אויף אַרויס דער זעלביקער אמת. מען דאַרף ניט האָבן קיין בעסערן באַווייז ווי דאָס מזל פון דער ביאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער שיטה וואָס איז געבויט אויף די באַרימטע עקספּערימענטן פונם גרויסן רוסישן פיזיאָלאָג וו. פּאַוולאָוו. מען קען פאַרשטיין אַז בעת מען ווייזט אַ הונט פלייש זאָלן זיינע מאָגן־דריזן נעמען אַרויסברענגען דעם זאַפט וואָס איז נייטיק כדי דאָס עסן צו פאַרדייען. עסן איז דעריבער די נאַטירלעכע אָנרעגונג אָדער „סטימול" פאַר מאָגן־זאַפט. אָבער זאָל מען קלינגען מיט אַ גלאָק אין מאָמענט ווען מען ווייזט דעם הונט דאָס פלייש. ווען מען טוט דאָס אַ שטיקל צייט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך. וואָרים נאָך דעם, אַזוי שנעל ווי מען קלינגט דעם גלאָק, ווען דער הונט זעט אין גאַנצן קיין עסנוואַרג ניט, סטימולירט דאָס זיינע מאָגן־דריזן צו פּראָדוצירן זאַפט. אין פּאַוולאָווס לשון ווערט דער קלאַנג אַ „באַדינגטער" סטימול,

און ער טוט אויף דאָס זעלביקע וואָס פריער האָט בלויז געקענט אויפטאָן דער נאַטירלעכער סטימול, דאָס פלייש.

אונדזער לעבן איז, פאַרשטייט זיך, אסך רייכער ווי די נאַטירלעכע סטימולן וואָס מען קען באַמערקן ביי אַ קליין קינד. פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע עשירות? דאָס נעמט זיך פון די צאָלרייכע „באַדינגטע" סטימולן וואָס זענען אי צופעליק אי פלאַנמעסיק פאַרבונדן געוואָרן מיט די באַגרענעצטע נאַטירלעכע סטימולן אין משך פון אַסך יאָרן. און אויב דאָס איז ריכטיק אין פערזענלעכן לעבן, פאַרוואָס זאָל דאָס סאָציאַלע לעבן זיין אַנדערש? אזוי טענהן די וואָס בויען זייערע טעאָריעס אויף פּאַוולאָווס עקספּערימענטן. דער פּראָצעס פון „באַדינגען" ווערט ביי זיי דער פאַקטאָר וואָס דאַרף אַלץ דערקלערן. דאָס האָט געמאַכט אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק אויף די וואָס האָבן זיך ליב סומך צו זיין אויף איינפאַכע אָדער מעכאַנישע אויסטייטשונגען.

אָבער וויטערדיקע עקספּערימענטן באַווייזן אַז יענע דערקלערונגען דערקלערן צו ווינציק. פּאַוולאָוו האָט אין דער לאַבאָראַטאָריע זיינע היינט אַזוי געבונדן און געפּענטעט אַז ס'איז פּשוט קיין געלעגנהייט ניט געבליבן ער זאָל זען די גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם מיט וועלכער ער האָט צו טאָן. וואָרים „פלייש" אָדער „קלאַנג" און דאָס רינען פון מאָגן־זאַפט זענען בלויז איינצלנע רינגעלעך פון אַ לאַנגער קייט דערשיינונגען וואָס די טעכניק פונם עקספּערימענט האָט ניט דערלאָזן זיי זאָלן זיך אַרויס־ווייזן.

פון מאָגן־זאַפט ביז סאָציאַלע געשעענישן איז פאָלג מיך אַ גאַנג. דאָך איז אינטערעסאַנט וואָס אפילו אין ערשטן פאַל זעט זיך בולט ארויס דער חסרון פונם צוגאַנג וואָס שניידט אָפּ אַ שטיק פון לעבן און וויל אין טערמינען פונם אָפּגעשניטענעם אבער דערקלערן דעם גאַנצן אָרגאַניזם. דאָ איז עס נאָך ערגער צוליב אַן אַנדער סיבה. וואָרים אַזעלכע עקספּע־רימענטן ווי פּאַוולאָוו האָט דורכגעפירט פאָדערן אָן אַ שיעור מי, גאונישע איינפאַלן און אומגעווײנטלעכע טעכנישע צוגרייטונגען. אין אַ סאָציאַלן אַנאַליז פונם סאָרט וואָס מען רופט „איין־פאַקטאָר" אָדער „הויפּט־פאַקטאָר" קען מען מאַכן די אָפּעראַציע אַסך לייכטער. דאָ לאָזן גיכער די היינט — אין דעם פאַל זענען דאָס סאָציאַלע דערשיינונגען וואָס מען באַטראַכט זיי בלויז אין געדאַנק — מיט זיך טאָן וואָס מען וויל, און נאָך דער אָפּעראַציע קען מען אפילו ניט זאָגן מיט זיכערקייט צי די באַשעפענישן לעבן נאָך בכלל. דער אַנאַליז קען אַנגיין סיי ווי סיי.

עס איז ניטאָ, און עס קען ניט געמאָלט זיין קיין אויסשעפנדיקער אַנאַליז פון סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס אין זיי בין איך דאָ דער עיקר פאַראינטערעסירט. אַפילו ווען מען וואָלט געקענט אויסרעכענען אַלע מעגלעכע פאַקטאָרן וואָס שפילן אַ ראָלע אין אַלע מעגלעכע געשעענישן וואָלט דאָס אויך צום ענדלעכן ציל ניט געפירט. וואָרים דער זעלביקער פאַקטאָר איז לחלוטין ניט דער זעלביקער אין צוויי פאַרשיידענע סיטואַציעס, ווייל די סיסטעם פון דער סיטואַציע באַשטימט דעם כאַראַקטער פון די באַטייליקטע פאַקטאָרן, און ניט עפעס אַן אייביקער אומפאַרענדערלעכער אינהאַלט וואָס ליגט אין זיי משֵשת ימי בראשית. ווען איך דערצייל, למשל, אַן עפיזאָד וועגן אַ קאָנפליקט צווישן צוויי מענטשן וואָס יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין דער באַזיצער פון אַ געגעבענער סומע עקאָנאָמישע ווערטן, ווען איך דערצייל דעם עפיזאָד אויף אַזאַ מין אופן, וואָלטן מיר געזען פאַר זיך אַן עקאָנאָמישן פאַקטאָר וואָס אָפערירט („אומגעפער", ווייל די מענטשן רעאַגירן ניט אַקוראַט גלייך) אויפן זעלביקן אופן ביי ביידע צדדים. אָבער ווען איך וועל מוסיף זיין אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פאַל וואו דער ערשטער איז געווען אַ רויבער אין אַ וואַלד, און דער צווייטער, דער באַרויבטער וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט, דעמאָלט האָבן מיר שוין אין גאַנצן אַנדערע פאַקטאָרן, און לחלוטין אַנדערע מענטש־סיסטעמען, ביי די צוויי באַטייליקטע אינם עפיזאָד. עס איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ שטיקל רעכט — אויב איר האָט ליב אַבסטראַקציעס, און זייט בכלל אַן עקשן — ביידע אָנצורופן „עקאָנאָמיש", און דערמיט אפשר באַפרידיקן אַ טעאָריע, אָבער צום רעאַלן לעבן האָט דאָס קיין שייכות ניט. דאָס זעלביקע איז ריכטיק וועגן פאַקטאָרן וואָס ווערן באַצייכנט ווי געאָגראַפישע, ביאָלאָגישע, קולטורעלע, עטישע, אאַז"וו. אין לעבן אַרבעטן ניט קיין אַבסטראַקטע פאַקטאָרן נאָר קאָנקרעטע סיסטעמען; דאָס צעטיילן אויף פאַקטאָרן איז בלויז מעטאָדאָלאָגיש נויטווענדיק כדי מען זאָל קענען פאָרשן און פאַרשטיין וועגן וואָס מיר רעדן.

וואָרים בלויז געוויסע דרויסנדיקע מאַניפעסטאַציעס פון געשעענישן מאַכן מעגלעך אַז מען זאָל זיי קלאַסיפיצירן לויט באַזונדערע סאָרטן פאַקטאָרן. אויב איר באַמערקט געוויסע ענדערונגען אין דער טעכניק פון פראָדוצירן סחורות און ממילא ענדערונגען אין די באַציאונגען אויפן עקאָנאָמישן פעלד, וועט איר דאָס נאַטירלעך רופן עקאָנאָמישע דערשיינונגען, ווען קיין מענטשן וואָלטן דאָ ניט געווען פאַרוויקלט, אָדער ווען מענטשן וואָלטן געווען אַזעלכע מעכאַנישע באַשעפענישן וואָס זייערע

אַפּרופן זענען אַקוראַט אַזוי גרויס אין צאָל און אַזוי פאַרשיידן אין כאַראַקטער ווי די פאַקטאָרן וואָס אַ וויסנשאַפטלער קען אויסרעכענען, דעמאָלט וואָלט געניג געווען אַנצורופן געוויסע מאַניפעסטאַציעס מיטן געהעריקן נאָמען, און אַלץ וואָלט דערפון שוין קלאָר געווען. מען וואָלט, למשל, געוואוסט אַז אויב מען האָלט אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע לעבן פון אַ באַשטימטער באַפעלקערונג נעמט זיך פונעם אויסזען פון לאַנד, פון דער אָפּטקייט און אינטענסיטעט פון רעגן, פון דער נאָענטקייט צום ים, פונעם גאַנג פון דער טעמפּעראַטור, אאז״וו, וואָלט מען דאָס גערופן געאָגראַפישער פאַקטאָר. דאָס איבעריקע וואָלט שוין געקומען פון זיך אַליין. ווארים עס וואָלט דאָך געווען שוין באַקאַנט פון פריער ווי אַזוי מענטשן רופן זיך אָפּ אויף אַזעלכע סאָרטן פאַקטאָרן. אָבער אַזוי לאַנג ווי מענטשן זענען דאָס וואָס זיי זענען קען מען בשום אופן קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען ניט פאַרענטפערן מיט אַזאַ גאַנג. אַסך פאַרשער האָבן געמאָלן מיט אַלע פּרטים דאָס לאַנד און דעם קלימאַט פון גריכישן האַלב־אינזל. דאָס האָט געדאַרפט דערקלערן פאַרוואָס דאָרט זענען געווען מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק אַזוי פיל קינסטלער און פילאָזאָפן. אָבער אין זעלביקן לאַנד לעבן היינט מיליאָנען מענטשן און זיי צייכענען זיך ניט אויס אַזוי ווי די איינוואוינער פון אַלטן גריכנלאַנד.

דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג הענקינס רעכנט אויס 59 פאַקטאָרן וואָס זענען אָנגעגעבן געוואָרן צו דערקלערן דערשיינונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַלע צייטן. פאַרשטייט זיך אַז קיינער פון זיי לייקנט ניט אין דער עקזיסטענץ פון די איבעריקע 58. יעדער קאָנסעקווענטער דעטערמיניסט האַלט בלויז אַז דער פאַקטאָר פאַר וועלכן ער שטעלט זיך איין איז דער איין־איינציקער געזעצלעכער טאַטע פון אַלע איבעריקע. אַזאַ געדאַנק פירט אָבער אַריין אין אַ קנויל סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע סתירות פון איין זייט און טונקעלע מעטאַפיזישע חקירות פון דער אַנדערער, וואָס עס זענען פשוט קיין וויסנשאַפטלעכע מיטלען ניטאָ זיך פון זיי ארויסצופּלאָנטערן. דאָס פאַרקלענערט אָבער ניט דאָס עכטע סאָציאָלאָגישע געווינס פון יעדן בייעם פאַקטאָר וואָס ווערט אַנטדעקט. עס ברענגט אונדז נענטער צו דער קאָלאָסאַלער רייכקייט און פילפאַרביקייט פון דער סיסטעם.

עס וועט זיין ניצלעך צו צעטיילן די כוחות וואָס ווירקן אין סאָציאַלן לעבן אויף צוויי סאָרטן. פאַראַן אַזעלכע וואָס ליגן אין די „שטאָפן", אַזוי צו זאָגן, וואָס פון זיי ווערט די סיסטעם צונויפגעשטעלט. פאַראַן

אויך אַזעלכע וואָס ווייזן אָן אויפן כאַראַקטער און די באַוועג־ריכטונגען פון דער סיסטעם אין איר גאַנצקייט. די ערשטע האָבן צו טאָן מיט די שוין דערמאָנטע פאַקטאָרן. זיי דערציילן אונדז וועגן אינערלעכע אָדער דרויסנדיקע, פיזישע אָדער גייסטיקע, סטאַטישע אָדער דינאַמישע „מאַטעריאַלן" וואָס פאָרמירן דאָס גאַנצע סאָציאַלע געוועב. די צווייטע באַציען זיך אויף די כאַראַקטעריסטישע קרומעס וואָס די סיסטעם מאַכט דורך אין איר לויף, און זיי שטרייכן אונטער אַז אויך פון דעם דאָזיקן קוואַל שווימען אַרויס ווירקונגען וואָס שפּילן אַן אומגעהייערע ראָלע אין סאָציאַלע געשעענישן. אויך אַזאַ מין געדאַנקען־גאַנג איז מחייב מען זאָל צעגלידערן געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און באַציאונגען, אָבער דאָס איז אַן אַנאַליז פון גאָר אַן אַנדער טיפּ. ווארים אַזאַ סאָרט צעגלידערונג טיילט אויס כוחות וואָס כאַראַקטעריזירן דעם גאַנג פון אַלע מענטשלעכע טעטיקייטן אָן שום חילוק וואָסערע קאָנקרעטע אינטערעסן זיי באַפרידיקן. אויף וויפיל מיר האָבן אין זינען די ריין מעטאָדאָלאָגישע זייט איז בשום אופן ניטאָ קיין סתירה צווישן אָט די צוויי אַנאַליזיר־טיפּן, און קיין איינער דאַרף ניט אָפּלייקענען דאָס פאַרדינסט פונם צווייטן. עס ווענדט זיך אַלץ אָן דער פּראָבלעם וואָס מיר ווילן באַהאַנדלען און אָן די ספּעציפישע דערשיינונגען וואָס מיר ווילן אונטערשטרייכן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן פּסיכיאַטרן זיך גענומען אָפּשטעלן אויף דורכפאַלן אין לעבן און זייער גרויסע ראָלע אין פּסיכישע אויפטרייסלונגען. דאָס האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון די באַגריפן „אַגרעסיע" און „דורכפאַל" ווי סיבות פון דערשיינונגען אין אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן בכלל. אין אַ בוך וואָס אַכט פאָרשער האָבן צונויפגעשטעלט ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך צו דערקלערן כאַראַקטעריסטישע מאַניפעסטאַציעס פונם לעבנס־שטייגער פון אַ פּרימיטיוון שבט (אַשאַנטי) אין טערמינען פון אַגרעסיע און דורכפאַל. אָט דאָס איז אַן אַנאַליז פונם לעצט־דערמאָנטן טיפּ. די סאָציאַלע מאַשינעריע ווערט ניט צעריטלט אויף באַזונדערע חלקים מיטן צוועק צו באַווייזן וואָס איז עיקר און וואָס טפל, אָדער וואָס איז „אמת'ע" סיבה, און וואָס בלויז פּועל יוצא, נאָר די שטרעבונג איז צו דערזען די כאַראַקטעריסטישע זיגזאַגן פון דער גאַנצער באַוועגלעכער סיסטעם אין רוים און אין צייט, און די פּסיכישע סימנים וואָס דאָס לאָזט איבער אינם לעבן פון די באַטייליקטע.

דאָס לעצטע — דער אינדיווידועלער אָפּרוף — דאָס איז אַ ספּעציעל פאַרדינסט פון אָט דעם סאָרט אַנאַליז. דאָרט וואו מען האָט צו טאָן

מיט באזונדערע „שטאָף"־פאַקטאָרן ווי עקאָנאָמיק אָדער אידייע, דאָרט איז דער איינצלנער מענטש מיט זיינע פסיכישע טענדענצן ניטאָ. עס ווערט עפּעס אַ וועלט פון סתם טעטיקייטן, אָדער הוילע אַבסטראַקציעס, — די קאָנקרעטע, לעבעדיקע מענטשן ווערן דעמאָלט אַ מין אגב אורחא־דיקע באַמערקונג צום בוך פון לעבן. אָבער אַן אַנאַליז פונם דינאַמישן כאַראַקטער פון דער סיסטעם אין איר גאַנצקייט, אַ סיסטעמישער אַנאַליז, קען ניט אַרויסלאָזן דעם מענטשן וואָס אָן אים איז קיין גאַנצקייט ניטאָ.

מען דאַרף פון דעם ניט דרינגען אַז יעדער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון געזעלשאַפטלעכן לעבן מוז דווקא זיין פון סיסטעמישן טיפּ. דער פּרוידיאַנישער אַנאַליז, למשל, איז דאָס ניט. פּרויד איז ניט פאַראינ־טערעסירט אזוי ווייט אין די באַוועג־ליניעס פון דער סיסטעם ווי אין די איינצלנע פאַקטאָרן וואָס שטייען פון הינטן און טרייבן די גאַנצע מאַשין. ביי אים זענען די דאָזיקע פאַקטאָרן פון פּסיכאָלאָגישן מין, צו וועלכע אַלע אַנדערע מאַניפעסטאַציעס קענען און דאַרפן רעדוצירט ווערן. פונקט דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן פרוידס קעגנער מעקדוגל. ביי אים ווערט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן רעדוצירט צו אַ ליסט אינ־סטינקטן און עמאָציעס, און אַלץ אין דער אינדיווידועלער און סאָציאַלער וועלט ווערט דערקלערט פון שטאַנדפּונקט פון אָט דער ליסט. מיט איין וואָרט, דער פאַקט וואָס אַ טעאָריע האָט דירעקט צו טאָן מיט דער מענטשלעכער נאַטור איז נאָך ניט גענוג זי זאָל זיך קענען ראַטעווען פון די באַגרענעצטקייטן פונם צוגאַנג וואָס איז דער עיקר פאַראינטערע־סירט צו רעדוצירן קאָמפּלעקסן צו איינצלנע טיילן.

פון קלאָרקייט וועגן וואָלט מען די דאָזיקע צוויי מעטאָדאָלאָגישע דרכים געקענט מסביר זיין אויך אויף אַן אַנדער אופן. ראַשית האָבן מיר אַן אַנאַליז פון רוימלעכן טיפּ. ער גלידערט פאַנאַנדער די פּרטים פון דער סיסטעם, די רוימלעכע שייכותן, אַזוי צו זאָגן, פון איינעם צום צווייטן, די וויכטיקייט פון יעדן, און זייערע קעגנזייטיקע אורזאַכלעכע ווירקונגען. אויף וויפיל אין אָט דעם סאָרט אַנאַליז גייט אַריין דער צייט־מאָמענט, דער גאַנג, די באַוועגונג פונם גאַנצן, ווערט דאָס רעדוצירט צום כאַראַקטער פון די טיילן, צום רוימלעכן אינהאַלט. פון דער אַנדערער זייט וואָלט מען די צווייטע מעטאָדע געקענט רופן צייטלעכער אַנאַליז. דאָ איז די הויפּט־פּראָבלעם ניט דער כאַראַקטער פון די פאַרשיידענע טיילן, נאָר דער כאַראַקטער פון די פאַרשיידענע מאָמענטן אינם כסדר׳דיקן

לעבן פון דער גאַנצער סיסטעם. אַזאַ צוגאַנג וויל אויסגעפינען די שייכותן צווישן אַט די מאָמענטן, און די ווירקונגען פון איין לעבנס־אַפּשניט פון דער גאַנצער סיסטעם אויפן צווייטן. אויך דאָ מוזן קומען צום אויסדרוק געוויסע באַזונדערע טיילן פון דער אַלגעמיינער גאַנצקייט, אָבער דער דאָזיקער אַנאַליז איז דער עיקר פאַראינטערעסירט אין זייערע צייטלעכע ענדערונגען, ניט אינם „שטאָף״ וואָס כאַראַקטעריזירט זייער אינהאַלט.

צו אַט דעם טיפּ אַנאַליז געהערט דער געדאַנק פון מיטלען און צילן וואָס אויף אים שטעלט זיך אָפּ די דאָזיקע עסיי. דאָס מענטשלעכע לעבן געפינט זיך תמיד אונטערן דרוק פון הערשנדיקע ענד־מאָמענטן און די סובאָרדינירטע טעטיקייטן וואָס פירן צו זיי. דאָס טראַכטן וועגן די דאָזיקע ענינים הייבט זיך אָן מיטן פאַרלאַנגטן ענד־מאָמענט, מיטן ציל. די מיטלען — כאָטש אָן זיי קען קיין זאַך ניט פאַרווירקלעכט ווערן — ווערן דעמאָלט מער אָדער ווייניקער אויסגעלאָזן פון חשבון, ווייל דער „חשבון״ באַשטייט דאַך דעמאָלט בלויז פון פאַרלאַנגען, וואונטשן, שטרעבונגען, און האָט דערוויל גאָרניט וואָס צו טאָן מיט דער „געאָגראַפיע״ פון „ים און יבשה״ וואָס מען דאַרף דורכפאָרן כדי צוצוקומען צו די צושטאַנדן וואָס זיי, די וואונטשן און שטרעבונגען, מאָלן אויס. דאָס עפּנט אָ וועג מען זאָל דעם ציל קענען אָרגאַמענטירן מיט די פאַנטאַסטישסטע חלומות און פלי־טערלעך, און די סתירה צו קאָנקרעטע מעגלעכקייטן זאָל ניט זיין צו שרייאיק. ווארים אַזוי לאַנג ווי ער איז אָפּגעריסן פון מיטלען איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל קאָנטראָלירן זיין אויפקום און צעבליאונג אחוץ אינ־ווייניקסטע פאַרלאַנגען.

אָבער אַזוי שנעל ווי מען נעמט זיך אויף אַן אמת דורכפירן דעם ציל פאָרמירן זיך די טעטיקייטן אין אייגענע זיגזאַגן פון מאָמענטאַלע מיטלען און צילן. זיי רופן דעמאָלט אַרויס אייגענע כוחות וואָס טרייבן דעם גאַנג פון דער גאַנצער אויפגאַבע, און שאַפן דעם פיזישן און גייסטיקן אוניווערס, אַ נייע סיסטעם פון שייכותן, אין וועלכן די באַטייליקטע מענטשן לעבן זיך אַריין און ווערן אָרגאַניש אַ טייל פון דער דאָזיקער געשאַפענער סיסטעם. אויב אַט דער אוניווערס איז אין זיין כאַראַקטער אַנדערש פונם פאָרויסיקן ענד־מאָמענט, דעם לכתחילה׳דיקן ציל, וואָס אַ דאַנק אים האָט זיך די גאַנצע טעטיקייט אָנגעהויבן, דעמאָלט באַשטימט ער, און ניט דער ערשטער אַלגעמיינער ציל, דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער אונטערנעמונג. דאָס ליגט שוין אין דער נאַטירלעכער געבונדנקייט פון מיטלען און צילן וואָס איז שוין פריער, דאכט זיך, גאַנץ קלאָר

אַרויסגעבראַכט געוואָרן. בקיצור, די מענטשלעכע פּסיכיק איז אַזוי גע־בויט אַז טעטיקייטן האָבן פאַר אונדז אַ ציל־כאַראַקטער אָדער אַ מיטל־כאַראַקטער. דאָס וויקלט פאַנאַנדער אַ שפּיל פון אייביקע קאָנפליקטן און האַרמאָניעס וואָס האָבן אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג סיי אויף די אינדי־ווידועלע, סיי אויף די סאָציאַלע דראַמעס פון לעבן.

7

עס איז לייכט צו באַמערקן אַז כאָטש איך האָב גערעדט וועגן מיטלען און צילן ווי אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון מענטשלעכער טעטיקייט זענען אָבער די ביישפּילן וואָס אויף זיי האָב איך זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט געווען על פּי רוב פון איין באַשטימטן מין, פונם עטישן מין. איך האָב דאָס געטאָן מחמת דעם פּשוטן טעם וואָס איך האָב געוואָלט צופירן דעם אַלגעמיי־נעם געדאַנק צו די קאַרדינאַלסטע פּראָבלעמען וואָס ציטערן אויף דאָס לעבן פון היינטיקן טאָג. די לעבנס־קאַריערעס פון איינצלנע מענטשן, אָדער פון אָרגאַניזירטע גרופּעס, זענען צו אָפטע עדות פונם פאַקט אַז מיטלען וואָס מען נעמט אָן אויף דערווייל ווערן פּערמאַנענטע צושטאַנדן, און שאַפן אַ לאַגע וואָס איז לחלוטין אַנדערש פונם לכתחילה׳דיקן ציל וואָס אין זיין נאָמען זענען די מיטלען אָנגענומען געוואָרן. דאָס זענען באמת מעשים בכל יום. פון שטאַנדפּונקט פון אַן אַלגעמיינער טעאָריע פון דער ראָלע פון מיטלען און צילן זענען אַזעלכע פאַקטן תמיד זייער וויכטיק. אָבער אויף וויפיל דאָס האָט אַ שייכות צו די פּראָבלעמען פון דער איצטיקער צייט איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן דער עיקר אויף יענע געשעענישן וואו עס זענען פאַרוויקלט די מאָראַלע שייכותן צו מענטש און וועלט.

דאָס מאָוים׳דיקע ווערטל אַז „דער ציל היילִיקט די מיטלען״ ווערט צוגעשריבן צו די יעזואיטן. איך ווייס ניט צי זיי האָבן טאַקע אויס־געטראַכט די דאָזיקע פאָרמולע, דעם פּרינציפּ — זיכער ניט. „קין און הבל״ איז אַן אַלטע מעשה, און אילוסטרירט שוין אַביסל צו שאַרף די האַנדלונגען פון רוב מענטשן אין אימפּולסיווע מאָמענטן. עס איז אונדז צו גוט באַקאַנט וואָס יעדער מענטש איז גרייט צו טאָן — אײדער ער נעמט זיך אָן מיט קאָנטראָלירנדיקע כוחות — יעדן געוויינטלעכן מיטוואָך. ווען מען טרעפט אָן אַן אבן נגף וואָס שטערט די פיזישע אָדער גייסטיקע פרייע באַוועגונג איז דער ערשטער פאַרלאַנג צו באַזייטיקן, אָוועקשטויסן, אויסראָטן.

פּאַרוואָס האָבן די עקלדיקסטע פאָרמען פון פיזישער שטראָף אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג אין דערציאונג? לכתחילה איז דאָס געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכער אימפּולס. ווער עס וויל ניט, קען ניט, טוט ניט, פאָלגט ניט, וואָס מיר הייסן אים, פילן מיר זיך ווי געראַטעוועט ווען מיר „דערלאַנגען אים איבערן קאָפּ.״ אויב דער בעל המשלי האָט דאָס שפּעטער איבערגעגעבן אין דער פאָרם פון אַ טעאָרעטישער פאָרמולע, („נאַרישקייט איז איינגעבונדן ביי דעם ייִנגל אין האַרצן, די שטראָפרוט וועט זי דערווייטערן פון אים״), איז דאָס אויך נאַטירלעך פאַרן גאַנג פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. סוף כל סוף איז אין ספּאָנטאַנע אימפּולסן אויך פאַראַן אָרגאַנישער שכל, און מען קען געוויסע אספּעקטן זייערע מיט גרויס נוצן ראַציאָנאַליזירן, בפרט ווען מען איז געוואָרנט זיך אויסצוהיטן פון די טעותן וואָס האָבן אַן אומגעהייערע שליטה אויף זיי.

אָבער זייער זעלטן ווערט דאָס געטאָן מיט אַזאַ אַלזייטיקער באַרעכנטקייט. געוויינטלעך ווערט דאָס געטאָן דורך צוטשעפּען היכּע און נידעריקע מאָראַלע ווערטן צו זאַכן, און ממילא פאַרגרעסערן מיר אחריותן אויף איין פּונקט, און פאַרקלענערן זיי, אָדער שאַפן זיי אָפּ, אויף אַ צווייטן. אָט דאָס פּאַסירט אויך מיט דער פאָרמולע אַז „דער ציל הייליקט די מיטלען״. וואָרים שטרענג גערעדט האָבן די דאָזיקע האַנדלונגען גאָרניט צו טאָן מיט אַ באַשלוס עפּעס צו כשרן, נאָר מיט עמאָציאָנעלע שייכותן וואָס צעשפּאַלטן די וועלט אויף ציל און ניט־ציל; דאָס ערשטע איז דער איינציקער מאָמענט מיט וועלכן מען אידענטיפיצירט זיך, דער איינציקער מאָמענט וואָס ליגט אויף דער ליניע פון מאָראַלע קאַטעגאָריעס. דאָס צווייטע, דער ניט־ציל — אָדער אַלע מעגלעכע מיטלען — רופט בכלל ניט אַרויס קיין שום מאָראַלע באַציאונגען, פּונקט ווי שטיינער און ביינער. דאָרט וואו קיין מאָראַלע התחייבותן זענען ניטאָ איז דאָך ניט שייך צו זאָגן „כשרן״. וואָרים עס איז ניט קיין „טריף״ וואָס איז געוואָרן „כשר״. די מיטלען זענען דעמאָלט פון אַזאַ מין אַז זיי זענען בכלל ניט בנמצא אין מאָראַלן אוניווערס, זיי געפינען זיך גאָר אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט.

פאַר די וואָס זייער פילאָזאָפיע וועגן מיטלען און צילן ציט איר יניקה פונם קין־הבל אימפּולס, פאַר זיי מעג מען מיט זיכערקייט זאָגן אַז וואָס העכער, וואָס מענטשלעכער, וואָס מאָראַלישער עס זענען די צילן אַלץ געמיינער, אַלץ גרויזאַמער, אַלץ עקלדיקער קענען ווערן די מיטלען. ממילא איז אַלץ גרעסער די געפאַר, אַז דאָס וועט טאַקע פאַרבלייבן דער פערמאַנענטער צושטאַנד, די נאַטירלעכע רעזולטאַטן צו וועלכע די מיטלען

האָבן דערפּירט. אין ליכט פון דעם וואָס עס קומט פאַר איצט פאַר אונדזערע אויגן פאַרדינט דער דאָזיקער געדאַנק מען זאָל אים גענויער באַטראַכטן.

יעדער מענטש איז סוף כל סוף אַ מאָראַלע באַשעפעניש מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. ניטאָ קיין שום טעאָרעטישע השערה אין קיין שום וויסנשאַפט וואָס זאָל קענען צופרידן־שטעליק דערקלערן אַט דעם ים־טיפן סוד פון דער מענטשלעכער נשמה. קיין מענטש קען ניט זיין אין גאַנצן רואיק ווען ער דערפילט אַז ער איז די סיבה פון אַ באַגאַנגענער עוולה. אפילו אַ גזלן, איידער דאָס ווערט ביי אים אַ שטענדיקע פּראַ־פעסיע, זוכט אויס פאַר זיך פון אונטער דער ערד אַ מאָראַלן הכשר אויף יעדן גזלנישן אַקט זיינעם. די אומזיכערקייט אין דער אייגענער גערעכ־טיקייט שוואַכט אָפּ די ענערגיע אין יעדער טעטיקייט, און רופט אַרויס אומעטיקע שטימונגען. מיר האָבן אַ טיפן דאַרשט נאָך גערעכטיקייט, מאַכט ניט אויס וואָס דער דאָזיקער אימפּולס רייסט זיך אָפּט אַרויס אין העסלעכע אָדער צעהויקערטע פאָרמען. אין מאָמענטן פון שולד־באַוואוסט־זיין האָבן מיר אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרענטפערן פאַר עמיצן: פאַר גאָט, פאַר אַ גרויסן נפטר, פאַר דער „געשיכטע״, אָדער פאַרן אייביקן מוסר־זאָגער וואָס וואוינט אין אייגענעם האַרצן.

דער אונטערשייד צווישן מענטשן אין דעם פּרט איז ניט בלויז דאָס וואָס ביי איינעם איז דאָס געוויסן צאַרטער ווי ביי אַן אַנדערן, נאָר אויך דאָס וואָס ניט ביי אַלע שפּרייט זיך אויס די מאָראַלע ספערע אויפן זעלביקן שטח. ביי אַ וועגעטאַריער, למשל, גייען אַריין אין אַט דער ספערע אפילו בהמות און חיות. אַ ווייסער בירגער פון די דרום׳דיקע שטאַטן קען אפילו אַ שוואַרץ־הויטיקן מענטשן אויסשליסן פון זיינע מאָראַלע התחייבותן. ווען עס קומט צו מאָראַל איז דעריבער ניט בלויז די אינטענסיטעט פון געפילן נאָר אויך די גרענעצן פון זייער אויסשפרייט אַן אומגעהייערע סאָציאַלע פּראָבלעם.

ווי שוין באַמערקט זענען מיר מאָראַלע באַשעפענישן אין סאַמע וואָרצל. אָבער די אויסשפרייט־גרענעצן פון דער מאָראַלער ספערע, דאָס זעט אויס צו זיין אין גאַנצן אַ סאָציאַלער פּראָדוקט. ניטאָ קיין פּרימי־טיוועך שבט וואָס זאָל זיך גלייכגילטיק באַציען צו גנבה אָדער מאָרד, אָבער ביי אַסך פון זיי איז דאָס חל בלויז אויף אייגענע, ניט אויף פרעמדע. עס איז ביי אונדז אַלעמען פאַראַן אַ היפּשער חילוק אין די אחריות־געפילן וואָס „אינגווייניקסטע״ און „דרויסנדיקע״ רופן אַרויס. אָבער אין

אַן „אָפּענער״ סאָציאַלער סיסטעם — ווי, למשל, אַ שטאַט אין אַ דעמאָ־קראַטישער מדינה — קען דער חילוק ווערן שוואַך ביז צום פאַרשווינדן, בעת אין אַ „פאַרמאַכטער״ סיסטעם — אַ שבט, אַ רעליגיע, אַ פאַרטיי — קען דער חילוק ווערן אַזוי גרויס און שאַרף אַז די דרויסנדיקע זאָלן מאָראַליש אָוועקגעשטעלט ווערן עפּעס ווי אַ טייל פון דער אומאָרגאַנישער וועלט, אָדער באַטראַכט ווערן ווי אַ שונא וואָס דאָ איז שוין פאַראַן אַ מאָראַלישער חוב צו די אינווייניקסטע אים צו פאַרטיליקן.

אין ביידע פאַלן באַקומט דער אינווייניקסטער, דער מיטגליד, דעם כאַראַקטער פון אַ ציל, מיט דער גאַנצער חשוב׳ער און וואַרעמער פּאָזיציע וואָס דער דאָזיקער מאָמענט פאַרנעמט אין באַוואוסטזיין. דער דרויסנ־דיקער ווערט דעמאָלט אַ מיטל וואָס מען קען עס אויסנוצן ווי אַ מאַשין אויף צו העלפן דעם אינווייניקסטן — ממילא איז ניטאָ קיין אַנדער אחריות צו אים אַחוץ די וואָס אַ מאַשין קען אַרויסרופן. אָדער, ווען מען דער־זעט אינם דרויסנדיקן אַן אבן נגף, דאַרף מען אים אָפּראַמען פון וועג, צו דערגרייכן דעם ציל. אין לעצטן פאַל איז דאָס מיטל ניט סתם אַזוי דער דרויסנדיקער נאָר דאָס אָפּראַמען אים פון וועג, זיין חורבן. דאָס קומט אויך ניט אָן צו שווער ווייל ער איז דאָך לכתחילה ניט קיין אָביעקט וואָס רופט אַרויס מאָראַלע געפילן.

די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט וואָלט געקענט דעפינירט ווערן ווי דער איבערגאַנג פון דער הערשאַפט פון פאַרמאַכטע געזעלשאַפטן צו דער הערשאַפט פון אָפענע. פון דעם פּרימיטיוון שבט מיט אַלע זיינע געהיימע חברות, וועלכע דער אַנטראָפּאָלאָג וועבסטער האָט אַזוי געניי באַשריבן, ביז דער מאָדערנער ציוויליזאַציע זענען מיר דורכגעגאַנגען לאַנגע עפּאָכעס ווען יעדער מענטש איז געווען איינגע־גלידערט אין אָפּגעזונדערטע איינסן צו וועלכע עס איז קיין פרייער צוטריט ניט געווען. די ליניע צווישן אינווייניקסטע און דרויסנדיקע אויף אַלע פעלדער פון לעבן איז געווען שאַרף און בולט. ממילא איז די וועלט פול געווען מיט די מאָראַלע געפאַרן און קאַטאַסטראָפעס אויף וועלכע איך האָב פריער אָנגעוויזן. דער וואָס איז געווען אין דרויסן פון דער פאַרמאַכטער פּאָליטישער אָדער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, פון דער סאָציאַלער קאַסטע, פון דער רעליגיעזער חברה אאז״וו. איז געווען אין דער גרעסטער סכנה צו באַקומען אין די אויגן פון די אינווייניקסטע דעם כאַראַקטער פון אַ מיטל, און ממילא ניט איינגעשלאָסן ווערן צווישן די וואָס די באַציאונגען צו זיי דאַרפן מאָראַליש קאָנטראָלירט ווערן.

ווען מיר באַטראַכטן די איצטיקע וועלט־לאַגע פון דעם שטאַנדפּונקט וואַרפן זיך באַזונדערס אין די אויגן די טראַגישע ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען. גרויסע לענדער, מיט באַפעלקערונגען פון צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען, האָבן זיך אָרגאַניזירט לויטן טיפּ פון פאַר־מאַכטע געזעלשאַפטן, מיט היפּוכ׳דיקע מאָראַלע קאָדעקסן פאַר אינווייניק און דרויסן. אין אַמאָליקע צייטן, אַפילו ווען אַזעלכע סאָרטן אָרגאַניזאַ־ציעס זענען געווען די הערשער פון לעבן, זענען זיי אָבער געווען לפּי ערך קליינע גרופּעס, ממילא זענען געווען אזוי פיל דרויסנדיקע שכנים פון אַלע זייטן, אַז דאָס אַליין איז שוין געווען אַ קאָנטראָלירנדיקער כוח. עס האָט ניט דערלאָזט אַז די מאָראַלע גלייכגילטיקייט פון די אינווייניקסטע צו די דרויסנדיקע זאָל גיין צו ווייט, אָדער עס האָט געשאַפן אַן אָפּהאַלט אין קריטישע מאָמענטן. וואָרים יעדער אינווייניקסטער האָט מיט עטלעכע מייל ווייטער, אָדער מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, אויך געקענט באַטראַכט ווערן ווי אַ דרויסנדיקער מצד זיינע שכנים, און דעריבער מוזן ליידן פון זעלביקן מזל. אָבער פאַרמאַכטע געזעלשאַפטן וואָס פאַרנעמען ריזיקע שטחים פון דער ערד און מיליאָניקע צאָלן מענטשן, וואָס זייער פאַר־מאַכטקייט איז אַזוי הערמעטיש זיכער, און ווערט אָפּגעהיט מיט אַזעלכע טייוולאָנישע באַוואָרענישן פון מעטאַל און פייער — דאָס האָט נאָך די וועלט ביז איצט ניט געזען. גאַנצע קאָנטינענטן קענען דאָך, דורך אַ וואונק פון אַ הערשער פון אַזאַ פאַרמאַכטער סיסטעם, אַוועקגעשטעלט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון מיטלען וואָס צו זיי איז קיין שום מענטש־לעכע התחייבות ניטאָ. דאָס קען, פון דער אַנדערער זייט, פירן דערצו אַז די סיסטעם גופא זאָל אזוי מאָראַליש דעגענערירן אַז זי זאָל אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן פאַרלירן יעדן צלם אלהים. דאָס וואָס קומט פאַר פאַר אונדזערע אויגן איז אייגנטלעך ניט זייער ווייט דערפון. שווער זיך פאָרצושטעלן דעם וועלט־חורבן און מענטש־חורבן צו וואָס דאָס קען פירן.

אָבער פאַראַן נאָך אַ כאַראַקטעריסטיק, אחוץ פאַרמאַכטקייט און אָפּנ־קייט, וואָס שטעלט אַוועק אַ געזעלשאַפט פאַר טראַגיש־שווערע מאָראַלע נסיונות. פאַרמאַכטע געזעלשאַפטן מיט וועלט־באַהערשנדיקע יצר הרע׳ס, וואָס נעמען אַרום צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען, זענען אייגנטלעך שוין היפּשלעך אַלט, כאָטש אַמאָל זענען זיי געווען אין גאַנצן אַנדערש פון די היינטיקע מאָנאָקראַטיעס. די גרויסע וועלט־רעליגיעס פון די מזרח־לענדער און קריסטנטום האָבן שוין לאַנג באַוויזן די קונץ. אָבער אין

אַלע פֿאַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס קען געטאָן ווערן בלויז דעמאָלט ווען מען קומט אין נאָמען פֿון בלענדנדיקע הבטחות, פֿון צוקונפֿט אידעאַלן מיט אַפּאָקאַליפּטישע בשורות. דער „והיה באחרית הימים" — צי מיט רעאַל־מעגלעכע בילדער, צי פֿאַנטאַסטישע, צינדט דאָס געמיט מיט אַלע פּרעכטיקסטע פֿייערן פֿון פּסיכישן רעגנבויגן, בינדט מענטשן צונויף און באַהויכט זיי מיט געפֿילן פֿון הייליקייט און אַנטפּלעקטן ענדגילטיקן אמת. אָבער וואָס לענגער דער אידעאַל פֿונקציאָנירט אין צושטאַנד פֿון אַ שטרעבונג, און האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו ווערן קאָנקרעט לעבן, וואָס מער די צוקונפֿט איז „צוקונפֿטיק", אַלץ שאַרפֿער ווערט די באַציאונג צו די „דרויסנדיקע".

דאָס לאָזט זיך אויך פֿאַרשטיין. וואָרים אויב פּראַקטיקייט קען ענגער מאַכן די גרענעצן פֿון מאָראַלע ווערטן דעמאָלט, ווען צו דעם קומט נאָך צו אַ ווייטער צוקונפֿט־אידעאַל, קענען די דאָזיקע גרענעצן ניט בלויז ווערן נאָך ענגער נאָר זיי קענען אפֿילו אין גאַנצן געביטן ווערן אויף אַ מערקווירדיקן פֿערוועזן אופֿן. ווען דער עכטער מאָראַלער ענטוזיאַזם, וואָס טוליעט זיך אַזוי האַרציק צום אַפּאָקאַליפּטישן אידעאַל, האָט ניט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצודריקן אין פֿאָרמען פֿון אייגענעם און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אין באַציאונגען צו מענטשן און טעטיקייטן, איז ער געצוואונגען זיך צו באַפֿרידיקן מיט די סימבאָלישע פֿאַרשטייער פֿונם צוקונפֿטיקן מלכות השמים. ער אידענטיפֿיצירט דעמאָלט דאָס העכסטע מענטשלעכע וואָס אין אים מיט צייכנס, סימנים, ווערטער, עמבלעמען, פּרינציפּן, טעאָריעס — אַ מין פּאַפּיר־געלט וואָס דאָס גאָלד פֿון דער צוקונפֿט דאַרף פֿאַרזיכערן זיין ווערט. אַזוי צינדט זיך אָן אַ פֿייערדיקע געטריישאַפֿט צו אַ באַפֿעלקערונג פֿון לויטער סימבאָלן, און צו מענטשן בלויז אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿיל אין זיי איז קענטיק דער אויסדרוק פֿון די פֿאַרגעטערטע סימבאָלן. עס עפֿנט זיך אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ שרעקלעכער, פֿאַטאַלאַגישער צעטיילונג פֿון מאָראַלע ווערטן. אין דער פֿאַרמאַכטער געזעלשאַפֿט האָט זיך די ליניע געקענט ציען צווישן „אינווייניק" און „דרויסן". ווען עס קומט נאָך צו אַ צוקונפֿט־אידעאַל הייבט זיך אויף די סכנה אַוועקצושטעלן סימבאָלן ווי דעם ציל און די גאַנצע איבעריקע וועלט — איינשליסנדיק די אייגענע — ווי דאָס מיטל. דאָס פֿירט דערצו אַז בלויז דאָס ערשטע, די אויסגעטראַכטע סימבאָלן — סימנים פֿון גליקלעכע צייטן און גליקלעכע דורות וואָס וועלן קומען — זאָלן געהערן צו דער מאָראַלער ספֿערע וואָס פֿאָדערט די פֿולסטע מענטש־

לעכע אחריות. דער פאַראַנענער מענטש, די וועלט וואָס לעבט איצט פאַר די אויגן, און די רעאַלע טאַט, האָבן דערמיט קיין שייכות ניט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזעלכע געזעלשאַפטן אַז טאָמער האָבן זיי חרטה אויף פריערדיקע האַנדלונגען זאָלן זיי עס באַצייכענען מיטן וואָרט „טעות". עס מעגן זיין האַנדלונגען וואָס האָבן געפירט צו טויט, פאַרוויסטונג, שפיכת דמים און חורבן פון אומשולדיקע מענטשן און אינסטיטוציעס — אַלץ איינס. אויב חרטה איז דאָס בלויז אַ „טעות". ביי זיי קען ניט זיין קיין „עוולה", זיכער ניט קיין „פאַרברעך", ווייל דאָס וואָלט געהייסן זיך מודה זיין אין מאָראַלע אחריותן. אָבער אַ „טעות" איז בלויז אַ לאָגישע קאַטעגאָריע, ווי מען וואָלט אין איילעניש זיך פאַרקירעוועט אין צפון זייט בעת די ריכטיקע אַדרעס איז גאָר אין דרום. די חרטה שטאַמט ניט פון האַרצווייטאָג איבער די רעזולטאַטן פון די באַגאַנגענע מעשים נאָר פונם פאַרדראָס וואָס מען האָט אומזיסט אָנגעלייגט וועג אין אַ פאַלשער ריכטונג. נאַפּאָלעאָן האָט אַמאָל געזאָגט: „מאָראַל האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט אַזעלכע מענטשן ווי איך בין". שיינע צוקונפט־אידעאַלן וואָס לאָזן זיך אויף אויסגעלאַסענע וועגן קענען אויך זאָגן: „מאָראַל אין שייכות צו איצטיקע מענטשן, זאַכן און געשעע־נישן, דאָס האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט אַזעלכע הייליקע אידעאַלן ווי מיר זענען". אַזוי קען די נשמה זיין פאַר'שיכור'ט פון סימבאָלישן וויין בעת דער גוף באָדט זיך אין רעאַלן בלוט.

פיער וואַן פּאַסען דערציילט אין זיין „טעג פון אונדזערע יאָרן" וועגן צוויי יידן וואָס האָבן אים באַזוכט בעת ער איז געווען אין ארץ ישראל. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אַראַבישן טעראָר. אַ צאָל יידן וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט קעגן אַראַבישע אָנפאַלן זענען אַרעסטירט געוואָרן פון די ענגלענדער פאַר האַלטן געווער אָן אַ דערלויבעניש. האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר זיי און ענדלעך געווירקט מען זאָל זיי באַפרייען. זענען צו אים געקומען צוויי מערקווערדיקע טיפּן פון אחינו בני ישראל, אָנגעטאָן אין טראַדיציאָנעלן פרום־יידישן טראַכט און ביי אים געבעטן ער זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זייער טענה איז געווען, אַז אַזוי ווי זיי זענען מקובלים ווייסן זיי אַז איצט איז משיח'ס צייטן. וואָס מער יידן ליידן אַלץ נעענטער ברענגט עס אונדז צום אָנהייב פונם גרויסן טאָג. אָבער מיט זיין הילף איז ער ניט ווילנדיק מעכב די גאולה.

די פּסיכישע צעדרייעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון די דאָזיקע יידן איז אומגעהייער אינטערעסאַנט. די פולשטענדיקע

אַריינגעטאָנקייט אין דער אויסגעַ׳חלומ׳טער וועלט פון מענטשלעכן גליק וואָס דאַרף קומען האָט ביי זיי פּאַראַליזירט דעם מאָראַלן חוש פאַר דעם וואָס איז שוין דאָ. זיי ווערן מער ניט גערירט פון פּיין און ליידן. אין זיי רעוואָלטירט מער ניט דאָס אייביק־מענטשלעכע — דער נאָרמאַ־לער אָפּרוף פון יעדן פּסיכיש־געזונטן בשר ודם — ווען אומשולדיקע ווערן באַשטראָפט. די קבליסטישע טעאָריע האָט דאָס אַלץ געמאַכט פאַר אַ צייכן אַז דאָס מאָראַליש־דערהויבענע קומט אָן. און אָט די טעאָריע פאַרנעמט ביי זיי דעם פולן פּלאַץ פון רעאַלן לעבן. אַ ווּאונק ערגיץ אין זהר, אַן אַנגעוויזענע גימטריא פון אַ מקובל, באַפרידיקט די טיפסטע דאַרשטן פונם געטלעכן ניצוץ וואָס אין זיי. די פּייניקער און די געפּיי־ניקטע ווערן מער ניט צעטיילט אין באַוואוסטזיין פון אַזעלכע מענטשן אויף צוויי באַזונדערע מאָראַלע מדרגות. די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט, ד״ה די טראַגעדיע וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ פאַר זייערע אויגן, פאַלט אין גאַנצן אַרויס פונם גדר פון זייער מאָראַלער ספערע. דאָס ווערט ביי זיי בלויז אַ סיסטעם פון סימבאָלן, צייכנס, אגב אורחא׳דיקע מיטלען, וואָס אין זיך גופא רופן זיי מער ניט אַרויס קיין געפילן פון גייסטיקער הנאה אדער צער. אַזעלכע געפילן קען ביי זיי אויפוועקן בלויז דער העכערער ציל צו וועלכן זיי שטרעבן. און אויב אַ געהיימע שטים — וואָס איז פאַר זיי די איינציקע רעאַליטעט — האָט זיי מבטיח געווען אַז דער פּייניקער איז אַ זיכערער צייכן פון „אתחלתא דגאולה״, שטעלט דאָס אים שוין ממילא אַוועק אויף דער העכערער מאָראַלער מדרגה, אויף דער מדרגה פון אַ סימבאָלישן שליח פון „עפּעס העכערס״. אין פּסיכישן לעבן איז קיין נייס ניט אַז נאָרמאַלע געפילן זאָלן זיך אויסדריקן אויף אַזעלכע אומנאָרמאַלע אופנים. עס איז אפילו מעגלעך אז א הייסער באַגער זיך צו נעמען דאָס לעבן זאָל ווערן אַ סימבאָלישער אויסדרוק פון א דאָרשט נאָך פּערזענלעכער פרייהייט. יעדנפאלס, דער עפּיזאָד מיט די צוויי מקובלים איז א פיינע אילוסטראַציע פון עמאָציאָנעלער פּאַטאָלאָגיע.

אויב מען מיינט אַז דאָס קען נאָר געמאָלט זיין אין דער רעליגיעזער וועלט איז דאָס אַ גרויסער טעות. דאָס ווייזן אַרויס געוויסע זייער חשובע מענטשן אין זייערע באַציאונגען צו די מעשים תעתועים פון סאָוויעטן פאַרבאַנד. זייער טענה איז אַז מיר זענען אריינגעטראָטן אין דער עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ממילא קומט אויס אַז דאָס וואָס קען אויסזען שרעקלעך איז אין דער אמת אַ צייכן אַז מיר דערנענטערן זיך צום יום שכולו טוב. היינט פאַרוואָס זאָלן מיר אַריינ־

פּאַלן אין עצבות אָדער פּראָטעסטירן קעגן סאָוויעטן פּאַרבאַנד, דעם אַקטיוון כוח וואָס פירט צו דער גרויסער צוקונפט? ווען מען קוקט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט דאַרף אַזאַ אַקט ווי דער אָנפאַל אויף פינלאַנד אַרויסרופן גרויס פרייד. מען דאַרף בלויז זען אין דעם אַ סימן אַז די מאָראַליש־שיינע צוקונפט קומט אָן. די קאָנקרעטע געשעענישן פון חורבן וועלט און חורבן מענטש וואָס שפילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן, דאָס דאַרף אונדז ניט אויפשוידערן ווייל עס איז בלויז אַ מיטל אין די אָביעקטיווע פּראָצעסן פון דער „געשיכטע“, און פאַלט דעריבער אַרויס פון גדר פון דער מאָראַלער ספערע.

אויב איר ווילט קענט איר אויך קריגן אַן אָפּגעטאָקטע מאָראַל־טעאָריע וואָס גיט דעם הכשר אויף דעם אַלעם. דר. זשיטלאָווסקי לאָזט וויסן („קעמפער“, 2טן פעב. 1940) אַז: „דער מאָראַלישער משפּט אויף אַ מענטשן, צי אויף אַ פּאַרטיי, סיי לגנאי, סיי לשבח, הענגט ניט אָפּ פון זיינע אָדער אירע האַנדלונגען און אויפפיר. דער עיקר איז דאָס וואָס דיקטירט די אָדער יענע האַנדלונג; וועלכע צילן, געפילן און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן ליגן הינטער דער האַנדלונג“. איר באַמערקט אַז אפילו קיין ספּעציעלע אומשטענדן פון אַ האַנדלונג ווערן ניט דערמאָנט. אונטערגעשטראָכן ווערן בלויז צוויי ווערטער „דיקטירט“ און „הינטער“. דער עיקר, הייסט עס, איז בלויז דער מאָטיוו וואָס „דיקטירט“, און דער טרייבנדיקער ציל וואָס שטייט „הינטער“ דער האַנדלונג. די האַנדלונג גופא, און די תנאים ביי וועלכע זי איז פאָרגעקומען, דאָס וואָס שטייט ניט פון „הינטן“ נאָר אין סאַמע פראָנט, דאָס האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיטן „מאָראַלישן משפּט אויף אַ מענטשן צי אויף אַ פּאַרטיי“. עס איז באַטירלעך מיר זאָלן אויך באַטראַכטן דעם ציל פון שטאַנדפּונקט פון די וואָס שטעלן זיך איין פאַר אים. אויב אין דעם איז ניט פאַראַן קיין פּערזענלעכער עגאָאיסטישער אינטערעס, אויב אַלץ ווערט געטאָן אין נאָמען פונם גליק פאַר קלאַסן, לענדער, פעלקער, איז עס דעמאָלט מאָראַליש כשר. אויב, למשל, מען וואָלט געקענט אין נאָמען פון אַ היים פאַרן יידישן פאָלק — זייער אַ הויכער אידעאַל — אויס׳הרג׳ענען אַלע אַראַבער וואָס זענען אַ שטער אין דעם, וואָלט דאָס על פּי זשיטלאָווסקי, וואָס וויל אויך אַ היים פאַר יידן, געדאַרפט זיין אַ הויכער מאָראַלישער אַקט. פון דעם שטאַנדפּונקט איז היטלער זיכער גלייכווערטיק מיט אַלע פיינסטע מאָראַלישע מענטשן; זיין הויפּט־ציל איז דאָך לכתחילה געווען צו באַפרייען דאָס דייטשישע פאָלק. עס איז ניטאָ קיין שום סיבה

צו צווייפלען אין זיין אויפריכטיקייט ווען ער פילט אַז זיין פאָלק מיט אַזאַ טויטנדיקער שנאה קעגן די „פּלוטאָקראַטיעס”. ער האָט אויך אָוועק־געשטעלט זיין לאַנד אויף דער סאַמע גרענעץ פון „אַנטי־פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם”. בקיצור, ווען אַזאַ מאָראַלער דרך וואָלט געקענט האָבן אַן אָנהאַלט ביי מענטשן וואָלטן מיר געהאַט אַ וועלט פון מעדאַלן־באַהאַנגענע מענטשן־פרעסער — לטובת הכלל. ווען איר דער־מאָנט זיך אַז היינטיקע צייטן איז דאָס ניט בלויז אַ טעאָריע נאָר אַ פּראַקטישע פּראָגראַם אין לעבן ביי אַסך וואָס זענען מיילן־ווייט פון רעליגיע, איז שוין קלאָר אַז די פיינע אילוסטראַציע פון עמאַציאַנעלער פּאַטאָלאָגיע קען מען אויך געפינען צווישן וועלטלעכע קבליסטן.

דער געדאַנק אַז אין מאָראַל האָבן מיר דער עיקר צו טאָן מיט דעם וואָס דיקטירט די האַנדלונג און דאָס הענגט גאָר ניט אָפּ פון דער האַנדלונג גופא, איז אַ געפערלעכער שטעקן מיט צווי עקן. גאַלילעי זאָגט ערגיץ אַז ער וואָלט געקענט באַגיין אַ גנבה ווען זיין פאַמיליע איז אין נויט, אָבער ער וואָלט קיינמאָל ניט געקענט אַרויסציען קיין פאַלשן קוואַדראַט וואָרצל. דאָס עפּעס פאַר אונדז אַן אינטערעסאַנטע מאָראַלע פּראָבלעם. אַ וויסנשאַפטלער געפינט זיך אין גרויס דחקות באַשליסט ער צו גנב'ענען כדי צו שטילן זיין הונגער. אַ צווייטער, אין אַן ענלעכער לאַגע, טראַכט אויס אַ פיקאַנטע טעאָריע, באַווייזט זי מיט געפעלשטע ציפערן, וואָס דאָס ברענגט אים אריין אַ שטיקל הכנסה. דער ציל איז איןביידע פאַלן דער זעלביקער, דאָך וועט יעדער נאָרמאַלער מענטש פילן אַז דאָס ערשטע פאַרברעך איז לייכטער צו פאַרגעבן ווי דאָס צווייטע. עס איז ניט נייטיק דאַ אריינצוגיין אין אַלע פּרטים פאַר־וואָס דאָס איז אַזוי. זאָל זיין גענוג צו דערמאָנען כאָטש איין סיבה. אין ערשטן פאַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אָפּענעם קרימינעלן אַקט. אין צווייטן פאַל זענען שוין באמת פאַרוויקלט צוויי פאַרברעכנס. וואָרים לאַ־די וואָס ער פעלשט מאַטעמאַטישע חשבונות טוט ער עס אַזוי אַז מיר זאָלן אים נאָך געבן כבוד און קרעדיט פאַר אַ וויסנשאַפטלעכן אויפטו, ד"ה, אי ער גנב'עט, אי ער נאַרט אונדז אָפּ.

אין פּריוואַטן לעבן פאָדערט זיך אַסך הפקרות און אַ ספּעציעלער טאַלאַנט אויף געמיינהייט אַז אַ מענטש זאָל קענען אָפּטאָן אַזאַ העסלעך שטיקל אַרבעט. אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט — וואו דער דיקטירנ־דיקער מאָטיוו איז טובת הכלל — זענען דאָס מעשים בכל יום. אין

אַלגעמיין דאַרף מען שטאַרק האָבן אין זינען דעם אונטערשייד צווישן יחידים און גרופּעס, אָדער באַוועגונגען, ווען עס קומט צו מאָראַל. אין צווייטן פאַל זענען שטאַרקער די טענדענצן אַז מיטלען זאָלן זיך פאַר־וואַנדלען אין צילן, און צילן זאָלן זיך דערהייבן, אָדער זינקען, צו דער מדרגה פון די מיטלען. מען דאַרף אויך געדענקען אַז געזעלשאַפט־לעכע באַוועגונגען שאַפן מאָראַלע סטאַנדאַרטן פאַר גאַנצע געזעלשאַפטן, ממילא זענען זייערע אויפפיר־סיסטעמען אַ גרעסערע סכנה.

זיכער קען מען פון מאָראַלע אַקטן ניט אויסשליסן אי כוונות, אי מאָטיוון וואָס שטויסן צו די מעשׂים. דזשאָן סטיואַרט מיל גייט באמת צו ווייט ווען ער זאָגט: „דער מאָטיוו האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט דער מאָראַל פון אַ האַנדלונג, כאָטש אַסך מיטן ווערט פון דעם וואָס פירט זי דורך". ברוטוס שטייט זיכער ניט אויף דער מדרגה פון אַ פּשוטן מיט־גליד פון אַ רויבער באַנדע. ווען סטאַלין האָט 1905 אָרגאַניזירט אַן איבער־פאַל איבער אַ צאַרישער קאַסע און אומגעבראַכט און פאַרוואונדעט עטלעכע און פופציק אומשולדיקע פאַרבייגייער, אַלץ כדי צו קריגן געלט פאַר זיין פּאַרטיי, דאַרף מען אים צוליב דעם ניט אַוועקשטעלן אויף אַקוראַט דער זעלביקער מדרגה פון אַ געוויינטלעכן גענגסטער. נאַפּאָלעאָנען האָט מען צוויי מאָל געכאַפּט, צוויי מאָל פאַרשיקט, אָבער ניט פאַר'משפּ'ט צום טויט. קענטיק אַז ס'איז ניט געווען, און ס'איז אויך ניטאָ, קיין געפיל אַז ער איז געווען אַ פּשוט'ער וואַלד־גזלן. מען קען דאָס אויך בשום אופן ניט זאָגן אויף היטלערן.

אָבער ווען מיר זאָגן אַז אַזעלכע געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע „רויבער" אָדער „גענגסטערס" מיינען מיר בלויז פעסטצושטעלן אַז נאָך דעם ווי מיר קאָנטראָלירן אונדזערע נאַטירלעכע אימפּולסן און גייען דורך אַ פּראָצעס פון קילן ישוב הדעת באַמערקן מיר אַן אונטערשייד אין די קוואַליטעטן וואָס כאַראַקטעריזירן אונדזערע „מאָראַלע געפילן" צו פּשוט'ע מערדער און צו די וואָס טוען אַזעלכע זאַכן ניט צוליב מאַטעריעלע אָדער אַנדערע נוצן פאַר זיך אַליין. אין ערשטן פאַל איז שטאַרקער די פאַרניכטונג־לוסט צו דער פּערזאָן פון איינצלנעם פאַרברעכער ווי אין צווייטן. היינטיקע צייטן ווען קרימינעלע טובת הכלל־אַרבעט ווערט פאַרקערפּערט אין יחידים־דיקטאַטאָרן ווערט אויך דער דאָזיקער אונ־טערשייד אָפּגעשוואַכט, דאָך איז דאָס אין אַלגעמיין ריכטיק.

אַזאַ צוגאַנג איז זייער וויכטיק פאַר א מאָראַל־טעאָריע, אָדער עטיק, וואָס איר עובדה איז צו אַנאַליזירן דאָס פעלד פון די אַזוי־גערופענע מאָראַלע געפילן לויט די פאַרשיידנסטע פאַקטאָרן און באַשטימען די כאַראַקטער־שטריכן פון די מאָראַלע מאָמענטן אין אונדזערע האַנדלונגען. דאָס קען אויך זיין וויכטיק פאַר אַ געזעץ־פילאָזאָפיע, און קען אפילו פירן דערצו עס זאָל אויסגעטיילט ווערן א באַזונדער קאַטעגאָריע פּאָליטישע פאַרברעכער. אָבער פון שטאַנדפונקט פון סאָציאַלע רעזולטאַטן — ספּעציעל ווען מיר האָבן אין זינען די צייט אין וועלכער מיר לעבן — זענען אַזעלכע פאַרברעכער שעדלעכער, געפערלעכער פון סתם רויבער, און עס איז אונדזער הייליקער מענטשלעכער חוב צו שטיין אויף דער וואַך.

איצט האַלטן מיר דאָך ניט ביי אַ ריין אבסטראַקטן, טעאָרעטישן אַנאַליז. עס האַנדלט זיך דאָך אויך ניט וועגן אַ געריכטלעכן משפּט מיט דער פראַגע ווי שטרענג עס זאָל זיין די שטראָף. מיר האָבן בלויז צו טאָן מיט שטעלונגען און געפילן. אין אַזאַ לאַגע, ווען מען פאַרלאַנגט פון אונדז אַ מילדע באַציאונג צו די אידעאַליסטישע בלוט־פאַרגיסער איז דאָס אַ פאָדערונג צו פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן די געזעלשאַפטלעכע סכנות וואָס רינגלען אונדז אַרום. ווען דאָס זאָל געלינגען קען דאָס אונדז בלויז אריינאַרבעטן אין אַ מאָראַלן פאַראַליז מיר זאָלן זיך אַפילו אינערלעך ניט קענען ווערן אַנטקעגן די געפאַרן וואָס לויערן אויפן מין מענטש וואָס אין אונדז.

די פּראָבלעם איז זייער אַ קאָנקרעטע און זייער אַ פּראַקטישע, אַנדערש וואָלטן די חילוקי דעות ניט אַנגעיאָגט אויף אונדז אַזאַ קאַלטן שוידער. ווען מעדיסאָן גרענט האָט געמאָלן אין אַזעלכע ליכטיקע פאַרבן די נאָרדישע ראַסע אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע, פאַרוואָס האָבן מיר אים דעמאָלט אַזוי רואיק אויסגעהערט? ווען איפּאָליט טען זאָגט בפירוש אַז די אַרישע ראַסע שטייט העכער פון דער סעמיטישער, פאַרוואָס האָט ער צוליב דעם ניט פאַרלוירן ביי אונדז זיין חשיבות? מען מעג זינגען די פּאַטעטישסטע לידער צו נאַפּאָלעאָנס העלדישקייט, ווי רואיק, אפילו מיטפילנדיק, מען קען זיי איופנעמען נאָך דעם ווי דער קאָרסיקאַנער האָט שוין פאַרענדיקט זיין פאַרברעכערישע קאַריערע. ווען מען באַהאַנדלט אַזעלכע טעמעס אַבסטראַקט, אָדער רעטראָספּעקטיוו, אַפּעלירט דאָס צו גאָר אַן אַנדער געמיט־צושטאַנד. דאָ מישן זיך אויך אַריין די געפילן וואָס זענען פאַרוועבט אין מאָראַל־טעאָריעס און אין יורידישע

פילאָזאָפיעס. אָבער מיר וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א סטאַדע שאָף ווען פנים אל פנים מיט סאָציאַלע אומגליק־ברענגער זאָלן מיר דערדריקן אין זיך דעם מאָראַלן שוידער בלויז דערפאַר ווייל עס איז פאַראַן אַ קוואַליטאַטיווער אונטערשייד צווישן מאָטיוון.

אַחוץ דעם, ווען אַ מענטש זינדיקט, למשל, קעגן דער אָפּיציעלער שטע־לונג פון אַ הערשנדיקער פאַרטיי, איז מעגלעך מען זאָל אים באַשטראָפן אויף פאַרשיידענע אופנים. מען קען אים צונעמען זיין מיטגליד־רעכט, מען קען אים דערוויטערן פון זיין אַמט, מען קען אים האַלטן אין תפיסה, מען קען אים צווינגען אַז ער זאָל זיך עפנטלעך דערקלערן פאַר אַ שפּיאָן, מען קען אים דערשיסן. איז פאַראַן עפּעס אַ מאָראַלער אונטער־שייד צווישן די אַלע שטראָפן? אויב דער עיקר ליגט אינעם ציל וואָס מען וויל דערגרייכן איז אייגנטלעך קיין חילוק ניטאָ. אויב מען האַלט אַז דער נייער אידעאַלער אויפבוי פון לאַנד פאָדערט מען זאָל באַזייטיקן יעדן קעגנער, וואָס איז דעמאָלט די נפקא מינה צי מען שליסט אים אויס פון דער פאַרטיי צי מען דערשיסט אים? אין ביידע פאַלן קענען דאָך זיין די זעלביקע געפילן, די זעלביקע מאָטיוון, און די זעלביקע צילן. שווער צו גלויבן אַז מען זאָל אַזאַ טעאָריע קענען פאַרטיידיקן, אָבער איר זעט דאָך. אַ גרויסער נביא האָט אַמאָל צווישן אונדז געלעבט, יחזקאל האָט ער געהייסן. טרייסט ער אונדז אין גאָטס נאָמען:

„און איך וועל זיי געבן איין האַרץ,
און אַ ניי געמיט וועל איך אריינגעבן אין אייך;
און איך וועל אָפּטאָן דאָס האַרץ פון שטיין פון זייער לייב,
און וועל זיי געבן אַ האַרץ פון פלייש.“

די פריערדיקע טעאָריע קען אונדז, ווייזט אויס, דעם נביא׳ס טרייסט ניט פאַרגינען.

ווען עס רעדט זיך וועגן אונדזער צייט, דערצו נאָך ווען מען האָט אין זינען די טענדענצן פון מאָראַלן אויפפיר אין געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, ווערט אַוודאַי ניט פריילעך פון אַזעלכע געדאַנקען. וואָרים די וועלט האָט פאַר אונדזערע אויגן שוין געגוג טייער באַצאָלט פאַר מאָראַלער טעמפּקייט אין סאָציאַלן לעבן. פעלשן דאָקומענטן, אויסטראַכטן בילבולים כדי אָפּצוראַמען פון וועג איינצלנע אָדער גרופּעס פאַר דער מינדסטער קעגנערשאַפט, פאַרשפּרייטן שענדלעכע ליגנס כדי אָנצופאַלן אויף שכנישע פעלקער — אין אַלע פאַלן ווערן אַזעלכע אַקטן געפּאָרט

מיט זייער דערהויבענע סאָציאַלע כוונות. די הערשער פון סאָוויעטן פאַרבאַנד האָבן נאָך מסתמא איצט אויך אין געדאַנק בלויז גרויסע און באַפרייענדיקע צילן וואָס דיקטירן זייערע האַנדלונגען, דאָס האָט זיי אָבער ניט געשטערט צו העלפן דערטרינקען אַ וועלט אין בלוט און אין מאָראַלן עיפּוש דורך אַריינלאָזן זיך אין דער אַלטער פאַרדאָרבנקייט פון בכיוונ׳דיק „אַרויסציען פאַלשע קוואַדראַט וואָרצלען״.

דער פּועל יוצא פון דער דאָזיקער אויסגעלאַסענער שפּיל איז נאָך אַסך ערגער ווען מיר דערמאָנען זיך ווי דאָס האָט געווירקט אויף מענטשן וואָס געפינען זיך טויזנטער מיילן ווייט פונם בלוטיקן אייראָ־פּייאישן טעאַטער. אין מיינע באַגעגענישן מיט מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער האָב איך געפונען אַז אַזעלכע וואָס האָבן אַסך גוטע ווערטער פאַר היטלערס ערגסטע מעשים, אַז אַזעלכע וואָס פאַרטיידיקן און באַ־רעכטיקן דאָס ברוטאַלסטע אין סטאַלינען. איך האָב דאָ אין זינען מענטשן אָן אַ פלעק אויף זייער מאָראַל אין פּריוואַטן לעבן, און וואָס האָבן אין אַלגעמיין אַ גאַנץ פּראָגרעסיוון בליק אויף די פאַרשיידנסטע וועלט־פּראָגן. עס כאַפּט אָן ממש אַ פּחד ווען איר באַרעכנט ווי הויכע מאָראַלע צילן קענען פאַרטעמפּן און פאַרזשאַווערן די פיינסטע שאַרפן פון מענטשלעכן געוויסן. אַהאַ, מען דאַרף זיך היטן פאַר דער טעאָריע אַז „דער עיקר איז דאָס וואָס דיקטירט די אָדער יענע האַנדלונג״.

8

די פאַרפירערישע אויפפאַסונג פון מיטלען און צילן ; די אילוזיעס וואָס שטאַמען פון שפּראַך ; די אינוווייניקסטע לאָגיק פון ממילא׳דיקע רעזולטאַטן ; די טבע פון פאַרמאַכטע און אָפענע געזעלשאַפטן ; די צוויי־זייטיקע ווירקונגען פון צוקונפט־אידעאַלן — איך וויל באַין אופן ניט זאָגן אַז דאָ ליגט עפּעס אַ נויטווענדיקער „מוז״, אָן אייביקער פאַטום, אָדער וויסנשאַפטלעכע געזעצן קעגן וועלכע עס קען קיין שום עצה ניט זיין. אין סאָציאָלאָגיע זענען אַזעלכע אומפאַרמיידלעכע געזעצן ניטאָ, און אויב יאָ האָט זיי נאָך דערוויל קיינער ניט אויסגעפונען. דאָ האָב איך בלויז אין זינען אַנצוצייכענען טענדענצן, און — ווען זיי פאַר־וויקלען מאָראַלע ענינים — די ערנסטע סכנות וואָס לויערן אויף אונדז. אויך אין פּריוואַטן לעבן ווייזן זיך אַרויס ענלעכע טענדענצן און זענען עלול צו פירן צו מורא׳דיקע רעזולטאַטן. ראָבערט דזש. עליאָט, דער

אַפּיציעלער הענקער פון די שטאַטן ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, מאַסאַטשו־זעטס, פּענסילוועניע, קאָנעטיקוט און ווערמאָנט, האָט אומגעבראַכט אין זיין קאַריערע 381 מענטשן. אין זיין בוך וואָס ער האָט אָנגעמעלדן אַרויסגעגעבן, צוזאַמען מיט אלבערט ר. ביטי, לאָזט ער וויסן אַז ער איז קעגן טויט־שטראָף. פּרינציפּ איז זיך פּרינציפּ, און טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ וויטן ציל. אָבער מיטלען — צי דאָס האָט צו טאָן מיט פּרנסה, אָדער כבוד, אָדער מאַכט, אָדער געזעלשאַפטלעכן חוב, אָדער גאָט ווייס וואָס — מיט זיי צערעמאָניעט מען זיך ווייניקער.

אָבער ווען עס קומט צו גרויסע סאָציאַלע אונטערנעמונגען שטייט די גאַנצע וועלט אין קאָן. דאָס אויסשליסן פון דער מאָראַלער ספערע די טאָג־טעגלעכע מעשים און די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, בפרט נאָך ווען דאָס ווערט אָן אייגנשטעלטע, אויסגערעכנטע סיסטעם, דעמאָלט ווערט יעקבֿ׳ס קול דערשטיקט פון עשׂו׳ס הענט. פון דער געטרוימטער צוקונפט פאַרבלייבט בלויז אַ ליכטיקער שפּרוך וואָס הענגט אַ פאַרשעמטער איבער די בית עלמינס פון דער וועלט.

עס האָט נאָך קיינער ניט צונויפגעזאַמלט קיין סטאַטיסטיק פון אומ־גליק, פּיין, טויט, און חורבן וואָס מיט זיי האָבן גרויסע, ערלעכע מענטשן, מיט בלענדנדיקע צוקונפט־וויזיעס, פאַרדעקט דאָס ליכט פון דער ערד. עס וואָלט געווען אַן אומגעהייער לאַנגע שוואַרצע רשימה, געניאַל אין אירע המצאות צו צעשטערן און פאַרוויסטן, און טראַגיש־אימפּאָזאַנט אין איר אויסשפּרייט איבער לענדער און צייטן. וואָס גרעסער דער צדיק אַלץ גרעסער זיין יצר הרע, וואָס ליכטיקער דער אידעאַל אַלץ פינסטערער זיינע סכנות ווען ער קאָנטראָלירט ניט זיין גאַנג אויף טריט און שריט, ווען ער ווערט מאָראַליש פאַרהאַרטעוועט צו דעם וואָס דער פאַרפירטער געדאַנק רופט אָן מיטלען. לאָמיר בענטשן די גרויסע מענטשלעכע צו־קונפט־אידעאַלן, זיי זענען אונדזער ליכט און אונדזער טרייסט. לאָמיר זיך היטן פאַר צוקונפט־אידעאַלן, זיי קענען אין נאָמען פון ענדלעכער דערלייזונג אונדז אַלעמען פאַרטיליקן.

אַ געוועזענער נאַצי מיטן נאָמען לודעקע האָט געמאַכט אַן אַפּלי־קאַציע צו ווערן אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דעצעמבער 1939 האָט ריכטער טאַטל פון דעטרויט מודיע געווען אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו דערפילן לודעקעס פאַרלאַנג. ער האָט דערביי אָנגעוויזן: „אינם בוך וואָס לודעקע האָט אָנגעשריבן פּראָקלאַמירט ער דעם פּרינציפּ אַז

דער ציל היילִיקט די מיטלען. דאָס איז אַ שרעקלעכע טעאָריע. ווען איך באַגעגן אַ מענטשן וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַט דער אידייע האָב איך פאַר אים מורא".

מורא? יאָ, זייער טרעפלעך געזאָגט. אָבער ניט קיין געוויינטלעכע מורא. עס איז ניט די מורא פאַר שווער־קלאַפּנדיקע טריט בעת מען איז אַליין אין אַ וואַלד וואו רויבער האָבן זייער נעסט געמאַכט. עס איז ניט די מורא פארן טויט אין אַ צעווילדעוועטן שטורעם. עס איז די מורא פאַרן הענקער וואָס איז קעגן טויט־שטראָף. עס איז די מורא פאַר אַ טארקוועמאדאן וואָס קען ניט פאַרטראָגן אַזאַ מאָראַלישע אומרייני־קייט ווי אָפּקויפן מיט גאָלד דעם קעניג כדי צו ראַטעווען דאָס „אומ־גלויביקע" פאָלק פון אומקום. עס איז די מורא פאַרן אַפּאָקאַליפּטישן בליק פון יענע הייליקע וואָס טויטן אָפּ די לעצטע האָפענונג פון אַלע קומענדיקע דורות אין אייך נאָך איידער איר האָט אין זייערע הענט אויסגעהויכט אייער נשמה.

אָט דאָס איז די מורא וואָס הענגט איצט איבער אונדז אַלעמען. טאָ לאָמיר זיך כאַטש גייסטיק ראַטעווען מיט אַ קלאָרן בליק אויף די וואָרצלען פון וואַנען זי שפּראָצט, כדי צו דערקענען איר טבע און זיך קענען היטן פון די הייליקע וואָס ברענגען אונדז חורבן מיט געזאַנג פון מלאכים.

יידן וועגן יידן

1

אין די לעצטע יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַרבעטן פון נאַצישע אַנטראָפּאָלאָגן וואו יידישע שטריכן און אייגנשאַפטן פאַרנעמען נאַטירלעך אַן אַנגעזעענעם פּלאַץ. איך האָב אויך מיט באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דורכגעקוקט די צעטלען יידישע אייגנשאַפטן אין ביכער וואָס זייערע שרייבער זענען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַנטיסעמיטן, ווי למשל רעימאָנד ב. קאַטעל, אָדער הילעיר בעלאָק. עס ווייזט זיך אַרויס אַז די אַרומיקע וועלט וואָס איז ניט צו פריינדלעך צו אונדז איז געקומען צו אַ גאַנץ אָפּענער הסכמה וועגן געוויסע פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן, כאָטש ניט אַלע שרייבער דריקן דאָס אויס אויפן זעלביקן אופן. אַחוץ דעם זענען אַזעלכע אַרבעטן, פונקט ווי יעדע פאָרם פון גייסטיקן שאַפן, אָפּהענגיק פון דער פּערזענלעכקייט פון שרייבער. די טיפערע און מער אַמביציעזע זוכן תמיד צו זאָגן עפּעס נייס, ווילן אויפדעקן געוויסע פאַרבאָרגענע ניואַנסן, אָדער נייע אַנאַליזיר־מעטאָדן, אָדער זאַמלען נייע פאַקטן און דאָקומענטן. די פלאַכערע זאָגן בלויז נאָך מיט אַנדערע ווערטער וואָס איז שוין פון לאַנג באַקאַנט.

ווען אַ מענטש לעבט אַ לענגערע צייט אין אַן אַטמאָספערע וואו זיין פאָלק ווערט כסדר אַנאַליזירט, געפּאַלמעסט, איז די שטענדיקע טעמע פון אַזעלכע וואָס זוכן ביי אים רק חסרונות און מעלות, — ביי אַזאַ מענטשן וועפּט זיך אויס די נאַטירלעכע ביטערקייט פון אַזאַ לאַגע; ער באַקומט אַ שטאַרקן חשק צו דערגיין דעם אָביעקטיוון אמת. טראַכטנדיק אַזוי אין דער דאָזיקער ריכטונג האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס וואָס האָט מיך שטאַרק פאַר׳חידוש׳ט. עס טרעפט ניט זעלטן אַז מיר „אַנטדעקן פּלוצלונג" דאָס וואָס איז געשטאַנען פאַר די אויגן אַ גאַנץ לעבן. אָט אַזאַ מאָדנע „אַנטדעקונג" האָט מיך ממש אויפגעטרייסלט מיט איר פּלוצלונגקייט בעת איך האָב געטראַכט וועגן אמת׳ע און אויסגעטראַכטע יידישע אייגנשאַפטן. איך האָב זיך געכאַפּט אַז כמעט אַלע חסרונות

וואָס גויים זאָגן וועגן ייִדן האָב איך ערגיץ געהערט אין אַ גאַנץ נאָענטער, היימישער סביבה. איך האָב זיך דערמאָנט די פּראָסט־ייִדישע פאָרמולעס פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן, און אין מיין זיכרון האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט ייִדישע פּנימער, מיט ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן תמיד אָנגעגעבן אַזעלכע חסרונות׳דיקע אייגנשאַפטן ווי אַ מין פּסי־כאָלאָגישע דעפיניציע פון ייִדן. מיר איז אין פלוג געוואָרן שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס ווען די ראַסן־טעאָרעטיקער האָבן מכבד געווען ייִדן מיט נעגאַטיווע כאַראַקטער־שטריכן האָט דאָס מיך אַזוי שאָקירט, בעת איך האָב אַקוראַט דאָס זעלביקע געהערט פון ייִדן וועגן ייִדן. איך האָב דאָס געהערט פון ייִדן פון אַלע קלאַסן, גרופּעס, לענדער — בקיצור ווי איר זאָלט ייִדן ניט צעטיילן, — עקאָנאָמיש, קולטורעל, לויט שפּראַך, לויט לענדער, לויט עלטער, לויט בילדונג — פאַראַן ביי ייִדן געוויסע סטערעאָטיפּישע מיינונגען וועגן ייִדן וואָס ווערן אומעטום באַשטעטיקט, און מערקווערדיק איז — און דאָס איז דער עיקר פון דער אַנטפּלעקונג — אַז די דאָזיקע מיינונגען זענען טאַקע די זעלביקע וואָס אַנטיסעמיטן פאַרשפּרייטן צום שטאַרקסטן.

וואָס מער איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט מיין זיכרון אַלץ מער איז מיר קלאָר געוואָרן אַז איך האָב פון מיין קינדהייט אָן פאַרבראַכט אין אַ סביבה וואָס איז אָפט געווען אָנגעלאָדן מיט זיכערקייט אַז ייִדישע אייגנשאַפטן זענען ווייט־ווייט ניט פון בעסטן סאָרט. ווען איך גיב נאָך צו אַז מיין סביבה איז תמיד געווען דורך־און־דורך ייִדיש, וואָרעם און טיפּיש ייִדיש, ווערט מיר אוודאי ניט פריילעך פונם בילד. דאָס בילד ווערט נאָך שאַרפער ווען מען דערמאָנט זיך אָן די ייִדישע חסרונות וואָס אונדזער פאָלקלאָר דערציילט וועגן זיי אַזוי אָפט און מיט אַזאַ באַזונדער הנאה. יעדער פון אונדז קען אָן גרויס טרחא אָנגעבן אַ היפּש ביסל ייִדישע וויצן, אַנעקדאָטן און ווערטלעך וואָס שטרייכן אונטער די מיאוס׳ע אייגנשאַפטן וואָס ייִדן האָבן. אַחוץ אַזעלכע באָבע מעשות ווי עלילת דם אָדער „זקני ציון״ פאַרמאָגט דער דאָזיקער פאָלקלאָר דאָס סאַמע וויכטיקסטע וואָס אַנטיסעמיטן זאָגן וועגן אונדז.

אין 1933 האָט די היגע אָפּטיילונג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכעלע: „דער ייִד, וועגן זיך און וועגן אַנדערע, אין זיינע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן״, צוזאַמענגעקליבן פון י. ל. כהן. געפינען איך דאָרט 49 שפּריכווערטער וואָס האָבן צו טאָן מיט ייִדישע חסרונות, טייל אויסגעדריקט אויף אַ ביטער־פאַרניכטענדיקן

אופן. זיי נעמען אַרום אומגעפער צען פאַרשיידענע טעמעס. יידישע איינגעגלויבטקייט אין די אייגענע פיאיקייטן — 4 שפּריכווערטער. די באַרימטע יידישע חוצפּה—7. ניט־ערלעכקייט—5. די מיינונג אַז מיר זענען געבוירענע אינדיווידואַליסטן—11. הענדלעריי און אַלע הענדלע־רישע חסרונות—4. וועגן אונדזער פּחדנות—4. יידן פאַרגעשטעלט ווי געלד־גייציקע און גראָבע עגאָאיסטן—3. מיר זענען ניט־פאַרגינער—2. מיר פאַרמאָגן אַלגעמיינע שלעכטסקייט—7. מיר זענען כיטרע—4. קוקט דורך אַן אַנטיסעמיטישן צעטל וועגן יידישע אייגנשאַפטן און איר וועט באַמערקן אַז דאָס רוב פון די דאָזיקע טעמעס ווערן אויך דאָרט אַרויס־געשטעלט אין סאַמע פראָנט.

אָבער דאָס אַלץ איז באמת ווי אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן דעם וואָס מיר קומט אויס צו הערן יעדן טאָג, מען קען זאָגן יעדע שעה. יידן שרייבן צו צו זייער פאָלק אַזוי פיל חסרונות, נעגאַטיווע שטריכן, מיאוס'ע געוואוינהייטן, כאַראַקטער־פעלערן, אַזוי ווי דאָס וואָלט באמת געווען אַן „אתה בחרתנו"־פאָלק אויף דער לינקער זייט. און אונדזערע בריידער רעדן דאָס אַרויס מיט אַזאַ אַבסאָלוטער זיכערקייט, מיט אַזאַ פול־קלינגענ־דיקן טראָפּ, און מיט אַזאַ אומברחמנות'דיקער קאַטעגאָרישקייט אַזוי ווי עס וואָלט געווען ממש אַן אומזין צו וואַרפן דעם מינדסטן ספק אינם אמת פון די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. אָבער דער פאַקט וואָס יידן אַליין טוען עס רופט אַרויס ניט בלויז די פראַגע וועגן פאַקטישן אמת נאָר אויך וועגן דער פּסיכאָלאָגישער מעגלעכקייט פון אַזאַ מאַזאָכיסטישער באַציאונג צום לעבן פון דער אייגענער סביבה.

אין זיין בוך „דער יידישער זעלבסט־האָס" (1930) באַהאַנדלט דער טראַגיש־אומגעקומענער טעאָדאָר לעסינג די צווייטע פראַגע, די פּסי־כאָלאָגישע רעטעניש פון דעם וואָס ער רופט גאַנץ אָפן „יידישער אַנטיסעמיטיזם". לעסינג זעט אין דעם אַ מין אינווייניקסטע צעשפּאַל־טונג פון דער יידישער פּערזענלעכקייט, ממילא הייבט ער אָן מיט דער פראַגע: ביי וועלכע פּראָצעסן און ביי וואָסערע צושטאַנדן צעשפּאַלט דער מענטש זיין אָרגאַנישע איינקייט? ביי וועלכע פּראָצעסן און ביי וואָסערע צושטאַנדן קען דער מענטש אויפהאַלטן זיין אינווייניקסטע גאַנצקייט? כדי צו ענטפערן אויף אָט די פראַגן צעטיילט לעסינג די מענטשלעכע איבערלעבענישן אויף צוויי סאָרטן: אַזעלכע וואָס ליגן אין סאַמע וואָרצל פון זיין איינהייטלעכן „איך", זיי געפינען זיך אויף יענער זייט וואו סוביעקט און אָביעקט זענען נאָך ניט צעטיילט. דאָס

זענען די רעליגיעז־עסטעטישע איבערלעבענישן. די צווייטע גרופּע — די לאָגיש־עטישע — האָבן שוין צו טאָן מיט די מאָמענטן ווען מיר דערפילן אַן אינערלעכע טאָפּלטקייט אַזוי אַז איין טייל פון דער פּערזענלעכקייט האָט אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצופרעמדן פון דער צווייטער און קוקן דערויף ווי עפּעס דרויסנדיקס. אַזוי קומט אויס אַז רעליגיעזע איבערלעבענישן זענען מחייב אַ געבונדנקייט צום אבסאָלוט. עס איז דער ווילנדיקער „איך", עס איז דער „עס זאָל זיין", און דאָס איז אין גאַנצן אַנדערש פונם ווייסנדיק „איך", פונם „אַזוי איז עס".

די אַנטוויקלונג פונם יידישן מענטשן ווייזט אז ביי אים וועגט אריבער דאָס גייסטיק־באַוואוסטע לעבן איבער דעם רעליגיעז־עסטעטישן. אָבער אין דעם גופא איז ביי יידן שטאַרקער דאָס עטיש־ווילנדיקע איידער דאָס לאָגיש־דענקענדיקע. די דאָזיקע טענדענצן ווערן נאָך פאַרשאַרפט צוליב דער ספּעציעלער יידישער לאַגע. אַ פאָלק וואָס זיין לעבן איז אַרומגערינגלט מיט סכנות דאַרף תמיד שטיין אויף דער וואַך. ממילא פאַרלירט עס די לעבנס־דירעקטקייט, עס מוז ווערן איבערגעשפּיצט. דאָס פירט צו דער נייגונג פון ביטערקייט און איראָניע, פון אַזאַ גייס־טיקן צושטאַנד ביז זעלבסט־איראָניע און אפילו זעלבסט־האָס איז שוין דער וועג ניט צו ווייט. די אַנגעוויזענע נייגונגען אין דער יידישער פּערזענלעכקייט האַלטן דעם דאָזיקן וועג תמיד פריי. איז שוין קיין חידוש ניט ווען דאָס ברענגט צו אַן איבער־קריטישער באַציאונג צו זיך אַליין. לעסינגס באַוויז־מאַטעריאַל באַשטייט פון אַ צאָל ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענטשן פון יידישן אָפּשטאַם וואָס האָבן ארויסגעוויזן שנאה צו יידן, למשל אַזעלכע ווי אָטאָ ווייניגער, מאַקסימיליאַן האַרדען, אַרטור טרעביטש, און נאָך דריי.

טעאָדאָר לעסינג איז געווען אַ טיפער דענקער. דאָס ציטירטע בוך פאַרדינט בלי ספק מען זאָל עס געניי באַטראַכטן. אָבער איך האַלט ניט אַז מיר קענען זיין צופרידן מיט די הויפּט־מאַטעריאַלן אויף וועלכע ער שטיצט זיך. דער וועג פון אָפּגעפרעמדטע, אָפּגעריסענע אַנט־יידישטע יידן קען ניט גענומען ווערן ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער פּסיכיק. עס איז אויך לחלוטין ניט נייטיק. וואָרים, ווי שוין באַמערקט, געפינען מיר ענלעכע אויסדרוקן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון פאָלק. ניט בלויז פאָלקלאָר — וואָס אויך לעסינג נוצט אויס צוביסלעך — נאָר אין שטענדיקן אומגאַנג מיט יידן קען מען זען, הערן, פילן, ממש אָנטאַפּן, אַז די באַציאונג פון זיך לוסטיק מאַכן איבער יידישע חסרונות,

אָדער פון אונטערשטרייכן זיי אויפן האַרבסטן אופן דורך באַדויערן זיי. איז דאָך בעסער צו פאַרשן דעם ענין אין פאַרבינדונג מיטן טאָג־טעגלעכן פאָלקס־לעבן, איידער דורך ביכער פון גרויסע אויסגעוואָרצלטע יחידים.

אָבער דאָס ברענגט אונדז צו דער ערשטער פראַגע: וויפיל אמת איז בכלל פאַראַן אין די דאָזיקע מיינונגען? דער ענטפער אויף אַזאַ פראַגע פאָדערט דורכויס אַ ריין וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג. אויב עס איז מעגלעך דאַרף מען דאָס פעסטשטעלן מיט ספּעציעל־אויסגעאַרבעטע מיטלען, און אויף אַזאַן אופן זאַמלען ניט בלויז מיינונגען נאָר אויך אָביעקטיווע מאַטעריאַלן וואָס באַשטעטיקן זיי אָדער לייקענען זיי אָפּ. סוף כל סוף האָט דאָך קיין זינען ניט צו פילאָזאָפירן וועגן יידישן „אַנטיסעמיטיזם” איידער מיר געפינען אויס אויף ווי ווייט די דאָזיקע יידישע באַציאונגען צו יידן שטיצן זיך אויף פאַקטן אָדער אויף אויס־געטראַכטע סברות. דאָס איז זיכער ניט קיין לייכטער וועג — די ריין מעטאָלאָגישע פּראָבלעמען זענען אומגעהייער שווערע — עס איז אָבער ניט דער איינציקער פאַל וואו דער לייכטער וועג איז בשום אופן ניט דער בעסטער.

2

אַן אָביעקטיווער צוגאַנג פאָדערט קודם כל אַ גענעריקע קלאַסיפי־קאַציע פון די דערשיינונגען וואָס מען וויל אויספאָרשן. מען דאַרף דערגיין וואָס איז כאַראַקטעריסטיש און וואָס ניט, וואָס טרעפט זיך מער און וואָס וויניקער, וואָס זעט אויס צו זיין פאַרבונדן מיט געוויסע באַדינגונגען און וואָס מיט אַנדערע, וואו עס זענען פאַראַן בולט'ע דרויסנדיקע סימנים און וואו עס קומט מער אריין דער פאַקטאָר פון אויסטייטשונגען, אאז"וו. אָבער אין יידישע אויגן האָבן יידן אַזוי פיל כאַראַקטעריסטישע שטריכן וואָס ווייזן זיך אַרויס אין אַזאַ ריזיקער צאָל סיטואַציעס אַז זיי שפּרייטן זיך אויס אויפן גאַנצן שטח פון לעבן. הייסט פאָלגט מיך אַ גאַנג און קלאַסיפיצירן דאָס גאַנצע לעבן. דערצו האָבן מיר נאָך צרות מיט שפּראַך. די טערמינען וואָס באַצייכענען אייגנשאַפטן זענען גענעראַליזירטע שילדערונגען, בעת די געלעגנהייטן ביי וועלכע די שטריכן ווייזן זיך אַרויס זענען דורכויס ספּעציפיש, אָבער ניט אַלע מענטשן גענעראַליזירן אויפן זעלביקן אופן, זיכער באַנוצן ניט אַלע

די זעלביקע טערמינען. אַזוי קומט אויס אַז בעת אַ ייד וועט האַנדלען אויף אַ געוויסן אופן אין אַ באַשטימטער סיטואַציע, וועט דאָס איין צוקוקער רופן עמאָציאָנעל, אַ צווייטער — איינגעשפּאַרט, אַ דריטער — קאָנסערוואַטיוו, אַ פערטער — אינדיווידואַליסטיש, היינט דערגיי אַ טאָלק. עס איז דעריבער שווער זיך בכלל צו פאַרלאָזן אויף אייגנשאַפט־טערמינען. גיכער דאַרף מען טראַכטן וועגן די געלעגנהייטן ביי וועלכע די האַנד־לונגען קומען פאָר, און ניט וועגן די גענעראַליזירטע ווערטער מיט וועלכע זיי ווערן באַצייכנט.

אחוץ דעם איז פאַראַן נאָך אַ שוועריקייט. כדי צו דערגיין צי געוויסע אייגנשאַפטן טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער איז נייטיק צו פאַרגלייכן די האַנדלונגען פון מענטשן פון געגעבענעם פאָלק אין געגע־בענע סיטואַציעס מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקער אין די זעלביקע סיטואַציעס. ווען מיר וואָלטן זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף דעם „וואָס מען זאָגט" וואָלט די לאַגע געוואָרן געוואַלטיק קאָמפּליצירט. כדי צו מאַכן אַ ריכטיקן פאַרגלייך וואָלט מען געדאַרפט פאַרצייכענען וואָס יידן זאָגן וועגן יידן און וואָס גוים זאָגן וועגן יידן, און דאָס זעלביקע אויך פאַר גוים. אַזאַן אויספאָרשונג וואָלט אויסגעקומען צו טרעטן אויף דינעם אייז, און וואָלט זיך געדאַרפט אַרומהילן מיט אַזוי פיל טאַקט אַז מען וואָלט שוין אפשר דעם אמת אין גאַנצן ניט געקענט אַרויסזען.

ווען מיר באַשליסן אָבער צו שטודירן האַנדלונגען אין קאָנקרעטע סיטואַציעס איז שוין לייכטער אויסצוקלייבן אַזעלכע וואו מען קען באַ־געגענען אי יידן, אי ניט־יידן. מען קען דאָס אויך טאָן מיט אַ גרעסערער מאָס אָביעקטיווקייט ווייל דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן דעם וואָס מענטשן זאָגן נאָר וועגן דעם וואָס זיי טוען. מען דאַרף בלויז קוקן פון דער זייט און פאַרצייכענען האַנדלונגען, דאָס איז טאַקע ניט לייכט, עס פאַרלאַנגט אַסך אַרבעט און קאָנטראָל, אָבער דערפאַר זענען די רעזולטאַטן מער פאַרלאָזלעך.

פאַראַן אָבער אין דעם אַ באַגרענעצונג אויף וועלכער מיר דאַרפן איינגיין באַלד אין אָנהייב. אויב האַנדלונגען און סיטואַציעס, דעמאָלט דאַרפן זיי אַלע זיין פון איין געוויסן טיפּ, ביי וועלכע מענטשן גייען דורך אַ כאַראַקטעריסטישע פּראָצעדור, און ביי וועלכע עס קענען זיך אַרויס־ווייזן בלויז געוויסע שטריכן און ניט קיין אַנדערע. אַזאַ מעטאָדע טרייבט אַריין די פאָרשונג אין אַן איינציק ווינקל וואָס ווערט ספּעציעל אויס־געקליבן פאַר דעם צוועק. דאָס איז זיכער אַ באַגרענעצונג, אָבער אַ

נייטיקע און אַ פּרוכטבאַרע. וואָרים אַחוץ אַלע אַנגעוויזענע טעמים איז גלאַט גוט זיך צו קאָנצענטרירן אויף וואָס ווייניקער פּונקטן כדי מען זאָל זיי בעסער און זיכערער קענען דורכנעמען. דער פּרינציפּ פון „תפסת מרובה לא תפסת" איז פּראַקטיש און ניצלעך כמעט אומעטום.

מיר הערן אַזוי אָפט אין אונדזער סביבה וועגן ספּעציעלע יידישע שטריכן אין דער האַנדל־סיטואַציע אַז עס וועט מסתמא קיינעם ניט חידושן ווען איך האָב דאָס אויסגעקליבן פאַר מיין פּראָבלעם. אָבער די דאָזיקע סיטואַציע איז צו ברייט און צעשוואומען. איך האָב זיך בלויז אָפּגעשטעלט אויף געוויסע שטריכן וואָס זענען פאַרוויקלט אין פּראָצעס פון קויפן. עס איז זייער אַ פאַרשפּרייטער איינדרוק אַז א ייד איז אַ ביטערער קונה. פאָלק־ווערטלעך זאָגן דאָס דירעקט, למשל: „אַ ייד האָט זיך ליב צו דינגען", אָדער אומדירעקט: „דער גוי איז טריף אָבער זיין גראָשן איז כשר", וואָס לויט דעם קומט אויס אַז דער ייד איז דער היפּוך דערפון. די דאָזיקע מיינונג איז אַזוי פאַרשפּרייט און אַזוי איינגעוואָרצלט אַז איך האָב ניט באַגעגנט קיין איין יידישן סוחר וואָס האָט אַן אַנדער איינדרוק. די אינטעליגענטערע צווישן זיי גיבן בלויז צו אַז עס זענען פאַראַן ניט בלויז חסרונות נאָר אויך מעלות ביים יידישן קונה, אָבער סיי אין ערשטן פאַל סיי אין צווייטן איז קיין ספק ניטאָ אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ „יידישער קונה" וואָס איז אַנזעעוודיק אַנדערש פונם „גויאישן קונה".

כדי דאָס פעסטצושטעלן זענען נייטיק עטלעכע תנאים וואָס מען דאַרף אָפּהיטן. קויפן אַרטיקלען איז פּסיכאָלאָגיש זייער אַ קאָמפּלי־צירטער פּראָצעס. די האַנדלונגען פון אַ קונה זענען אָפּהענגיק אַן אַסך זאַכן, צווישן זיי אויך פון דעם אויף וויפיל דאָס אַרטיקל איז נייטיק, ווי טייער עס איז, אאז"וו. ממילא דאַרף זיך אַזאַ אַרבעט קאָנצענטרירן אויף געשעפטן וואָס פאַרקויפן די זעלביקע אַרטיקלען. אַנדערש קען דאָך דער פאַרגלייך זיין אַ פאַלשער. מען דאַרף אויך געדענקען אַז דאָס קויפן איז אַסך פאַרבונדן מיט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע קלאַסן צו וועלכע די קונים געהערן. דעריבער — כדי אויסצומיידן דעם דאָזיקן פאַקטאָר — איז נייטיק צו טאָן די אַרבעט אין געשעפטן וואָס געפינען זיך אין פאַרשיידענע געגענטן, צענטראַלע און לאָקאַלע, אָרימערע און רייכערע. עס וועלן זיך שפּעטער אַרויסזען נאָך אַנדערע באַדינגונגען וואָס דער גאַנג פון דער אַרבעט האָט באַוויזן אַז מען דאַרף זיך מיט זיי שטאַרק רעכענען.

גייענדיק אויף אַט דעם וועג האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט צען אייגנטימער פון פינף געשעפטן וואָס פאַרקויפן די זעלביקע פּרויען אַרטיקלען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַלע אַן שום אויסנאַם האַלטן אַז דער יידישער קונה איז אַנדערש פונם גויאישן, און אַז ער ווייזט דאָס קלאָר אַרויס דורך ספּעציעלע האַנדלונגען אין פּראָצעס פון קויפן. די מער־דערפאַרענע צווישן די צען האָבן דאָס נאָך שטאַרקער אונטער־געשטראָכן. זיי האָבן אויך צוגעגעבן אַז יידישע קונים באַזיצן געוויסע מעלות — פון שטאַנדפּונקט פונם סוחר — וואָס גויים האָבן ניט. אָבער אין לעצטן סך הכל זענען דאָס רוב יידישע קויף־שטריכן פון ערגערן סאָרט.

זיי האָבן גערעדט מיט אַזאַ איבערצייגונג, מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן דעם, אַז עטלעכע האָבן אפילו זיך ניט געשראָקן אָנצוגעבן גענוי די אָפטקייט וואָס מען קען באַגעגענען ביי יידן און ביי גויים אַ געוויסע האַנדלונג. למשל, ארום 90־95 פּראָצענט יידישע קונים האַלטן זיך פאַר מבינים אויף דער סחורה וואָס זיי קויפן. בעת ביי גויים קען מען דאָס טרעפן בלויז ביי אַרום 15־20 פּראָצענט. ענלעכע פּראָצענט־גרענעצן זענען אויך אָנגעגעבן געוואָרן פאַר אַנדערע שטריכן. אָבער וואָס מער איך האָב גערעדט מיט די דאָזיקע געשעפטסלייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין כאַראַקטעריסטיק וואָס האָט געוואָרפן אַ שטיקל חשד אויף דער אָביעקטיווער זיכערקייט פון זייערע מיינונגען. ווארים אַזוי לאַנג ווי מען האָט גערעדט אַבסטראַקט, וועגן דעם יידישן קונה בכלל, איז די הסכמה געווען כמעט אַן איינשטימיקע. ווען מען האָט אָבער גענומען אָנוואָרפן קאָנקרעטע האַנדלונגען און סיטואַציעס, און די פראַגע איז געווען ווי יידן און גויים האַנדלען אין אַזעלכע ספּעציפישע פאַלן, דעמאָלט האָבן זיך שוין די מיינונגען גענומען צעטיילן. די פריערדיקע אַלגעמיינע הסכמה איז ווייט ניט געווען אַזוי אַלגעמיין אויף יעדן באַזונדערן אויס־גערעכנטן פּונקט.

די געשעפטסלייט האָבן אויך געהאַלטן אַז אַלע יידישע קונים ווייזן אַרויס ענלעכע שטריכן. עס מאַכט גאָר ניט אויס צי זיי זענען אַלט אָדער יונג, קולטורעל העכער אָדער נידעריקער, פולשטענדיק אַמעריקאַניזירט אָדער אימיגראַנטיש אין שפּראַך און באַנעמונג. טייל האָבן בלויז געהאַלטן אַז ס'איז פאַראַן אַ קליינער אונטערשייד אין די עקאָנאָמישע קלאַסן. די רייכערע זענען אַביסל ערגער פון די אָרימע. בנוגע גויים, האָבן זיי געזאָגט, איז שוין די זאַך אין גאַנצן אַנדערש,

ביי זיי איז פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן הי־געבוירענע אָדער אַמעריקאַניזירטע אַלט־געזעסענע, און די ווייניקער־אַמעריקאַניזירטע.

אין די פֿינף געשעפֿטן זענען דאָס רוב קונים ייִדן, ניט־ייִדישע אַמעריקאַנער, נעגער און אימיגראַנטישע איטאַליענער. לויט דער מיינונג פֿון די אייגנטימער — מענטשן מיט לאַנג־יאָריקער דערפֿאַרונג אין אומגיין מיט די פֿאַרשיידנסטע קונים — זענען פֿאַראַן געוויסע כאַראַקטעריסטישע קויף־שטריכן ביי יעדן פֿאָלק, און אויך ביי נעגער. דאָך איז פֿאַראַן, האַלטן זיי, אַ קלאָרע צעשייד־ליניע צווישן זיי אַלע און די ייִדן. אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויספֿאָרשן די ריכטיקייט פֿון די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פֿון די וואָס זענען עקספּערטיש געניט אינם ענין, איז ממילא אָנגענומען געוואָרן די קלאַסיפֿיקאַציע וואָס די דאָזיקע מיינונגען שליסן איין אין זיך. מיר וועלן דעריבער פֿאַרשטיין אונטער ייִדן אַלע סאָרטן אָן שום אונטערשייד. עס מאַכט ניט אויס וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן, ווי לאַנג אין לאַנד, אָדער צו וואָסער שיכט זיי געהערן. דאָס שטימט דאָך מיט די מיינונגען פֿון די געשעפֿטס־לייט אַז ייִדן, אַלע ייִדן, באַזיצן כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין פּראָצעס פֿון קויפֿן. ווען מיר רעדן וועגן ניט־ייִדישע אַמעריקאַנער האָבן מיר אין זינען אַזעלכע וואָס ווייזן ניט אַרויס קיין שום אימיגראַנטישע סימנים, אָדער סימנים פֿון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אין זייער האַלטונג, וואקאַ־בולאַר, אַקצענט, אאַז״וו. אַזעלכע וועלן באַצייכנט ווערן ווי אַמעריקאַנער. דאָס וואָרט איטאַליענער וועט באַצייכענען בלויז די וואָס לאָזן זיך דער־קענען ווי אַזעלכע. דאָס זעלביקע איז אויך ריכטיק בנוגע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

אין מיינע שמועסן מיט די צען געשעפֿטסלייט האָט זיך עס גע־האַנדלט דער עיקר וועגן אויסאַרבעטן אַ פֿאָרמולאַר וואָס זאָל איינשליסן אַ צאָל כאַראַקטעריסטישע האַנדלונגען אין קויף־פּראָצעס. די פּונקטן דאַרפֿן זיין אַזעלכע ביי וועלכע עס קענען זיך אַרויסווייזן די אונטער־שיידן צווישן קונים פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און פֿון ייִדן. פֿון די אַלע פֿאָרגעלייגטע פּונקטן האָבן מיר אַרויסגענומען די וואָס מען קען לייכטער פֿאָרמולירן, וואָס אַ מיינונג וועגן זיי קען זיין מער אָביעקטיוו, און וואָס פֿאָדערן ווייניק צייט מען זאָל זיי אַרויסזען. צוליב פֿאַרשטענד־לעכע טעכנישע סיבות איז דער פֿאָרמולאַר אויסגעאַרבעט געוואָרן אַזוי אַז מען זאָל אים קענען שנעל אויספֿילן, אַז מען זאָל ניט דאַרפֿן באַנוצן קיין ווערטער — וואָס קענען אָפֿט זיין פֿאַרפֿירעריש אָדער אַ שטער

אין פאַרגלייכן מיינונגען פון צוויי מענטשן, — בקיצור, דער פאַרקויפער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיקע ליסט האַנדלונגען און ער האָט בלויז געדאַרפט פאַרצייכענען מיט אַ פּלוס אָדער א מינוס, צי ער האָט זיי יאָ אָדער ניט באַמערקט ביים קונה. לאָמיר שוין אויך מוסיף זיין אַז די קונים וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ זענען אַלע פרויען. דער פאַר־גלייך איז דעריבער צווישן יידישע פרויען און פרויען פון אַנדערע עטנישע אָדער ראַסישע גרופּעס.

עטלעכע ווערטער וועגן די געשעפטן וואו די אַרבעט איז דורכגע־פירט געוואָרן. געשעפט „א" געפינט זיך אין אַ געדיכטער יידישער געגנט. די גרעסטע צאָל קונים זענען דאָרט פון יידישן נידעריקן און העכערן מיטל־קלאַס. די קליינע צאָל גויים וואָס קויפן דאָרט זענען אויך על פּי רוב פון זעלביקן קלאַס. געשעפט „ב" איז אין אַ דערבייאיק שטעטל, האַרט לעבן ניו יאָרק. דאָרט זענען פאַראַן זייער ווייניק יידישע קונים, און די גויאישע זענען על פּי רוב פון ארבעטער היימען, אָדער פון אָרימערן מיטלקלאַס. געשעפט „ג" געפינט זיך אין אַ צענטראַלער האַנדל־געגנט אין ניו יאָרק. עס קומען אַהין יידן און ניט־יידן כמעט אין דער זעלביקער צאָל. זיי זענען על פּי רוב פון העכערן מיטלקלאַס. געשעפט „ד" איז אין ניו יאָרקער דאַון־טאַון וואו די קונים זענען מערסטנס אָפיס־אַרבעטער, און געשעפט „ה" האָט צו טאָן מיט קראַנקן־שוועסטער פון אַ דערבייאיק שפּיטאָל און רייכע קונים פון פאַר־שיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס דאָזיקע געשעפט איז אַ טייל פון אַ גרויס אַפּאַרטמענט־הויז וואו מען צאָלט 28־30 דאָלער א חודש דירה געלט פאַר אַ צימער. אַ גרויסע צאָל קונים פון אָט דעם געשעפט זענען טאַקע איינוואוינער פונם הויז. מען קען גלייך זען פון דאָזיקן באַריכט אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ גאַנץ געמישטער באַפעלקערונג אין יעדן זינען פון וואָרט. מען מעג דעריבער אָננעמען אַז דער פאַקטאָר פון איינ־זייטיקייט וועט אונדז דאָ ניט זיין קיין ערנסטער אבן נגף.

נאָך אַ באַמערקונג. מיר וועלן באַלד זען אַז אַחוץ יידן, אַמעריקאַנער, איטאַליענער און נעגער, איז אויך פאַראַן אַ רובריק „געמישטע" אין געשעפט „ד". דאָס נעמט אַריין 39 קונים, וואָס 21 זענען פּאָלאַקן, 11 אירלענדער, 6 סיריער און 1 דייטש. אַזוי ווי דאָ זענען די באַזונ־דערע נאַציאָנאַליטעט־צאָלן צו קליין האָבן מיר אַלע צוזאַמען באַצייכנט מיט „געמישטע".

טאַבעלע I

די באַטייליקטע לויט געשעפטן און עטנישע אָדער ראַסישע גרופּעס

געשעפטן	יידן	אמעריקאנער	איטאַליענ.	נעגער	געמישטע	סך הכל
א	61	10	6	5	0	82
ב	11	65	35	37	0	148
ג	113	172	27	15	0	327
ד	17	71	0	3	39	130
ה	35	46	28	0	0	109
סך הכל........	237	364	96	60	39	796
%...........	29.78	45.72	12.07	7.53	4.90	

ווי מיר זענען זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן 796 קונים, צעטיילט אויף פינף גרופּעס לויט נאַציאָנאַליטעט און ראַסע. יעדער פאַרקויפער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיקן פאָרמולאַר וואו עס זענען אָנגעגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס ווי אַזוי אים אויסצופילן; אויפן פאָרמולאַר ווערן אויסגערעכנט 12 סאָרטן האַנדלונגען וואָס קענען פאָרקומען ביים קויפן אַן אַרטיקל. ווען דער קונה האָט אַ געוויסע האַנדלונג ארויסגעוויזן האָט מען געדאַרפט אויפן באַטרעפנדיקן פּלאַץ אוועקשטעלן אַ פּלוס־צייכן, אויב ניט — אַ מינוס־צייכן. דער ווייטער־געבראַכטער פאָרמולאַר וועט קלאָר מאַכן ווי אַזוי די אַרבעט איז צוגעגאַנגען.

Salesman's Name : ....

a) Under the heading of nationality of customer make a plus sign if behavior is present, a minus sign if absent.

b) Do not wait for extreme cases. It is the "moderate" ones that we are chiefly interested in.

c) If you are not sure about nationality of customer, do not fill out the form at all.

d) Fill out form immediately after customer leaves. Don't rely upon memory.

AMERICAN	JEW	ITALIAN	NEGRO	
				1. Inspects merchandise closely.
				2. Sceptical about condition of article.
				3. Demands that selection be displayed.
				4. Willing to name price.
				5. Wants branded article.
				6. Attempts to get reduction (even as much as sales tax).
				7. Considers h e r s e l f judge of quality.
				8. Suspicious of honesty of salesman.
				9. Willing to spend more for better quality.
				10. Insists upon leaving small deposit.
				11. Asks for "special".
				12. Emphasizes desire "to give show" or insists upon conditions offered by warning "I won't come again", or by promise to bring friends if offer is complied with.

פאַרשטייט זיך אַז מיר זענען דער עיקר פאַראינטערעסירט אין די פלוס־צייכנס, און אין דער צאָל קונים פון יעדער גרופּע וואָס האָט אַזעלכע געגעבן. וואָרים דאָס דאַרף דאָך באַווייזן אויף וויפיל די דאָזיקע שטריכן ביים קויפן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן אין פאַרגלייך

מיט די אנדערע גרופּעס. די ווייטערדיקע טאַבעלעס וועלן אָנגעבן די דאָזיקע ציפערן, און אויך דעם פּראָצענט פּלוס צייכנס פאַר די פינף גרופּעס אין יעדן פון די פינף געשעפטן פאַר יעדן פונקט פון פאָרמולאַר.

טאַבעלע II — יידן

פּלוס און מינוס צייכנס און פּראָצענט פּלוס צייכנס ביי יידן אין די פאַרשיידענע געשעפטן.

פונקטן	געשעפט „א" צאל +	געשעפט „א" צאל −	געשעפט „א" % +	געשעפט „ב" צאל +	געשעפט „ב" צאל −	געשעפט „ב" % +	געשעפט „ג" צאל +	געשעפט „ג" צאל −	געשעפט „ג" % +	געשעפט „ד" צאל +	געשעפט „ד" צאל −	געשעפט „ד" % +	געשעפט „ה" צאל +	געשעפט „ה" צאל −	געשעפט „ה" % +	אלע יידן צאל +	אלע יידן צאל −	אלע יידן % +
1	15	46	24.59	6	5	64.55	102	11	90.27	13	4	76.47	15	20	42.86	151	86	63.71
2	12	49	19.67	5	6	45.45	56	57	49.56	12	5	70.58	4	31	11.43	69	148	37.55
3	17	44	27.87	4	7	36.36	68	45	60.18	11	6	64.71	21	14	60.00	121	116	51.06
4	16	45	28.23	8	3	72.72	72	41	63.72	11	6	64.71	12	23	34.29	119	118	50.21
5	19	42	31.15	0	11	0.00	41	72	36.28	12	5	70.58	5	30	14.29	77	160	42.49
6	22	39	36.07	0	8	0.00	30	83	26.55	9	6	60.00	3	32	8.57	64	168	27.59
7	12	49	19.67	7	3	63.63	94	19	83.19	13	4	76.47	29	6	82.86	155	81	65.68
8	8	53	13.11	1	8	9.09	28	84	24.78	2	15	11.76	2	33	5.71	41	193	17.52
9	10	46	17.86	6	3	64.54	31	82	27.43	9	8	52.94	29	6	82.86	85	145	36.96
10	4	51	7.27	0	1	0.00	8	105	7.08	1	1	50.00	5	30	14.29	18	188	7.63
11	5	51	8.93	0	7	0.00	43	68	38.74	4	13	23.53	1	34	2.86	53	173	23.45
12	6	51	10.53	1	10	9.09	12	96	11.11	6	11	35.29	4	31	11.43	29	199	12.72

טאַבעלע III — אַמעריקאַנער

פּלוס און מינוס צייכנס און פּראָצענט פּלוס צייכנס ביי אַמעריקאַנער אין די פאַרשיידענע געשעפטן.

פונקטן	געשעפט „א"			געשעפט „ב"			געשעפט „ג"			געשעפט „ד"			געשעפט „ה"			אלע אמעריקאַנער		
	+ צאַל	− צאַל	+ %	+ צאַל	− צאַל	+ %	+ צאַל	− צאַל	+ %	+ צאַל	− צאַל	+ %	+ צאַל	− צאַל	+ %	+ צאַל	− צאַל	+ %
1	2	8	20.00	11	54	16.92	137	35	79.65	34	37	47.89	27	19	58.66	211	153	57.97
2	0	10	0.00	7	58	10.77	37	135	21.51	40	30	57.14	9	37	19.57	93	271	35.23
3	2	8	20.00	11	54	16.92	67	105	38.95	32	39	45.07	23	23	50.00	135	229	47.09
4	3	7	30.00	59	5	92.19	115	57	66.86	46	25	64.79	20	26	43.48	243	121	66.48
5	2	8	20.00	3	61	4.69	49	123	28.49	19	52	26.76	16	30	34.78	89	274	24.52
6	1	9	10.00	1	55	1.79	19	153	11.05	19	52	26.76	5	41	10.87	45	310	12.33
7	0	10	0.00	9	52	14.75	116	56	67.44	30	41	42.25	40	6	86.96	195	165	54.17
8	1	9	10.00	2	62	3.13	19	153	11.05	10	60	14.29	3	43	6.52	35	327	9.67
9	1	9	10.00	15	37	28.85	44	128	25.58	30	40	42.86	27	19	58.70	117	233	33.43
10	0	9	10.00	0	10	0.00	4	168	2.33	3	6	33.33	2	44	4.35	9	237	3.66
11	0	10	0.00	2	49	3.92	45	127	26.16	12	57	17.39	6	40	13.04	65	283	18.68
12	0	9	0.00	0	52	0.00	11	161	6.40	9	60	13.07	4	42	8.70	24	324	6.90

טאַבעלע IV — איטאַליענער

פלוס און מינוס צייכנס און פּראָצענט פלוס צייכנס ביי איטאַליענער אין די פאַרשיידענע געשעפטן.

פונקטן	געשעפט „א"			געשעפט „ב"			געשעפט „ג"				געשעפט „ה"			אַלע איטאַליענער		
	צאָל +	צאָל −	% +	צאָל +	צאָל −	% +	צאָל +	צאָל −	% +		צאָל +	צאָל −	% +	צאָל +	צאָל −	% +
1	1	5	16.67	9	26	25.71	18	9	66.67	אין געשעפט „ד" ניט געווען קיין איטאַליענישע קונים	14	14	50.00	42	54	43.75
2	0	6	0.00	4	31	11.43	12	15	44.44		5	23	17.86	21	75	21.88
3	0	6	0.00	7	28	20.00	16	11	59.26		19	9	67.86	42	54	43.75
4	0	5	16.67	31	4	88.56	20	7	74.07		14	14	50.00	66	30	68.75
5	0	6	0.00	0	35	0.00	7	20	25.93		7	21	25.00	14	82	14.58
6	0	6	0.00	4	28	11.43	10	17	37.04		10	18	35.71	24	69	25.81
7	0	6	0.00	9	26	25.71	17	10	62.96		22	6	78.57	48	48	50.00
8	0	6	0.00	1	33	2.94	4	23	14.81		3	25	10.71	8	87	8.42
9	0	6	0.00	9	20	31.03	9	18	33.33		18	10	64.29	36	54	40.00
10	0	6	0.00	1	5	16.67	0	27	0.00		2	26	7.14	3	64	4.48
11	0	5	0.00	2	27	6.90	9	18	33.33		6	22	21.43	17	72	19.10
12	0	5	0.00	0	29	0.00	3	24	11.11		8	20	28.57	11	78	12.36

טאבעלע V — נעגער

פלוס און מינוס צייכנס און פראצענט פלוס צייכנס ביי נעגער אין די פארשיידענע געשעפטן.

פונקטן	געשעפט „א"			געשעפט „ב"			געשעפט „ג"			געשעפט „ד"			אין געשעפט „ה" ניט געווען קיין נעגער קונים	אלע נעגער		
	+ צאל	— צאל	+ %	+ צאל	— צאל	+ %	+ צאל	— צאל	— %	+ צאל	— צאל	+ %		+ צאל	— צאל	+ %
1	1	4	20.00	9	28	24.32	9	6	60.00	1	2	33.33		20	40	66.67
2	0	5	0.00	4	33	10.81	2	13	13.33	2	1	66.67		8	52	13.33
3	0	5	0.00	9	28	24.32	6	9	40.00	2	1	66.67		17	43	28.33
4	2	3	40.00	34	3	91.89	11	4	73.33	2	1	66.67		49	11	81.67
5	0	5	0.00	2	35	5.41	5	10	33.33	0	3	0.00		7	53	11.67
6	0	5	0.00	0	34	0.00	1	14	6.67	3	0	100.00		4	53	17.02
7	0	5	0.00	4	33	10.81	10	5	66.67	0	3	0.00		10	46	17.86
8	1	4	20.00	1	36	2.70	0	15	0.00	1	2	33.33		3	57	5.00
9	1	4	20.00	8	24	21.62	4	10	28.57	1	2	33.33		14	40	25.93
10	0	5	0.00	0	7	0.00	4	11	28.57	0	0	0.00		4	23	14.81
11	0	5	0.00	0	36	0.00	8	7	33.33	1	2	33.33		9	50	15.25
12	0	5	0.00	0	33	0.00	2	13	13.33	1	2	33.33		3	53	5.36

תיקון טעות: אין געשעפט „ג" דארף זיין % + אנשטאט % —

טאַבעלע VI — געמישטע

פּלוס און מינוס צייכנס, און פּראָצענט פּלוס צייכנס ביי די „געמישטע".

געמישטע פון געשעפט „ה"

פונקטן	צאָל +	צאָל —	% +
1	21	81	53.85
2	23	16	58.97
3	31	8	79.49
4	23	16	58.97
5	12	27	30.77
6	28	11	71.79
7	12	27	30.77
8	17	10	62.96
9	12	27	30.77
10	0	2	0.00
11	17	22	43.59
12	19	20	48.72

אפילו אַן אויבערפלעכלעכער בליק אויף די פריערדיקע טאַבעלעס וועט גלייך באַמערקן אַז אין רוב פונקטן גיבן די יידן אַ גרעסערע צאָל פּלוס־צייכנס ווי די אַנדערע גרופּעס. די דאָזיקע דערשיינונג וועט נאָך שפּעטער באַטראַכט ווערן. אָבער אַ מער דעטאַלער אַנאַליז ברענגט אַרויס אַן אינטערעסאַנטן פאַקט. ווען מיר פאַרגלייכן די האַנדלונגען פון מיטגלידער פון דער זעלביקער גרופּע אין די פאַרשידענע געשעפטן איז זייער אָפט דער אונטערשייד גרעסער ווי דער אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס אין זעלביקן געשעפט. קאָנקרעטע ביישפּילן וועלן דעם דאָזיקן געדאַנק קלאָרער אַרויסברענגען. לאָמיר פאַרגלייכן די אונטערשיידן וואָס מיר געפינען ביי אַמעריקאַנער צווישן זיך, און ביי יידן צווישן זיך. אין די פאַרשיידענע געשעפטן. דערנאָך וועלן מיר באַטראַכטן די אונטערשיידן צווישן די אַמעריקאַנער און יידן אין יעדן געשעפט באַזונדער. וואָס באַקומט זיך דעמאָלט?

עס איז פאַראַן אַ גוטע סיבה פאַרוואָס דער ביישפּיל שטעלט זיך אָפּ גראָד אויף אמעריקאַנער און יידן. מילא, וועגן יידן איז דאָך אָפּגע־רעדט, זיי זענען דאָך דער עיקר אין דער דאָזיקער אַרבעט. אָבער אויך

אַמעריקאַנער שפּילן אַ באַזונדער ראָלע, און דער באַוויז־מאַטעריאַל וועגן זיי דאַרף פאַר אונדז זיין וויכטיקער. דער אמת איז אַז אין יעדן לאַנד, ווען מיר זאָגן „גוים" מיינען מיר די מיטגלידער פון הערשנדיקן פאָלק. זיי זענען די מערהייט אין לאַנד, זיי שטעלן אַוועק די נאָרמען פון אויפפיר און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, און דאָס גאַנצע לעבן איז אַזוי געבויט אַז עס זאָל זיך אריינפּאַסן אין אַט די נאָרמען, כללים און אַלגעמיינע מנהגים. דער פּראָצעס פון קויפן און פאַרקויפן איז פול מיט סטאַנ־דאַרטן און נאָרמען וואָס מיר באַצייכענען מיט עטישע און עסטעטישע טערמינען, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער קולטור און דעם לעבנס־שטייגער פון לאַנד.

אפילו ווען מיינע געשעפטסלייט האָבן גערעדט וועגן גויאישע קונים בכלל, האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאַלטן אַז די ניט־יידישע אמעריקאַנער זענען די „בעסטע". עס איז דאָך קלאָר אַז די עצם מאַשינעריע און דער געבוי פון די געשעפטן זענען לכתחילה מאָדעלירט לויט די אָנגענומענע סטאַנדאַרטן פון לאַנד. ממילא דאַרף אויסקומען אַז די וואָס זענען מער אַריינגעוואַקסן אין די לעבנס־אופנים פון לאַנד זאָלן בעסער קענען נאָכ־קומען די פאָדערונגען וואָס די היגע האַנדל־סיסטעם שטעלט אַרויס. ווען מיר וועלן אויך אין זינען האָבן אַז די אַמעריקאַנער זענען די גרעסטע גרופּע, און דערפאַר סטאַטיסטיש זיכערער, וועט שוין זיין פאַרשטענד־לעך פאַרוואָס איך נעם זיי פאַר אַ ביישפּיל.

עס איז אויך פאַראַן אַ קלאָרע סיבה פאַרוואָס דער ביישפּיל וועט זיך באַציען אויף די פּונקטן 6, 7, 10 און 12. כמעט אַלע זענען ביי זיך זיכער אַז ווען עס קומט צו דינגען זיך (פּונקט 6) זענען אַמעריקאַנער און יידן שאַרף צעטיילט צווישן זיך, און יידן זענען נאַטירלעך ערגער. דאָס זעלביקע ווערט געזאָגט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַרויסווייזן מבינות (פּונקט 7). אפילו ווען עס פאָדערט זיך צו לאָזן האַנט־געלט פאַר אַן אַרטיקל (פּונקט 10) וועלן יידן באַשטיין אַז די סומע זאָל זיין וואָס קלענער, בעת אַנדערע, דער עיקר אַמעריקאַנער, האָבן ניט אַזאַ טבע. פאַראַן קונים וואָס פירן זיך אויף אַזוי ווי זיי וואָלטן דעם סוחר געטאָן אַ טובה דערמיט וואָס זיי קומען צו אים קויפן (פּונקט 12) און פאַרלאַנגען דעריבער ספּעציעלע פּריווילעגיעס. יידן, זאָגט מען מיר, זענען אין דעם פּרט אַסך מער זינדיק פון אַנדערע.

אַזוי האָבן מיר פאַר זיך צוויי קריטישע גרופּעס און זייערע האַנד־לונגען אויף פיר קריטישע פּונקטן פון דער גאַנצער ליסט. יעדער אמת

דארף זיך נאַטירלעך דאָ אַרויסווייזן מיט באַזונדער קלאָרקייט. מיר ווייסן שוין פון פריערדיקע טאַבעלעס דעם פּראָצענט פּלוס־צייכנס וואָס מיר געפינען ביי אַמעריקאַנער און יידן אין די פאַרשיידענע געשעפטן. לאָמיר איצט זעען וואָס איז דער חילוק אינם פּראָצענט פּלוס־צייכנס וואָס אַמעריקאַנער גיבן ווען מיר פאַרגלייכן, לשם משל, די דאָזיקע פּראָצענטן צווישן עטלעכע געשעפטן איינעם מיטן צווייטן. לאָמיר דאָס זעלביקע אויך אויסגעפינען פאַר יידן.

טאַבעלע VII

אונטערשיידן אין פּראָצענט פּלוס־צייכנס ביי אַמעריקאַנער צווישן זיך און ביי יידן צווישן זיך

	ביי אַמעריקאַנער פונקטן פונם פאָרמולאַר				ביי יידן פונקטן פונם פאָרמולאַר			
געשעפטן	6	7	10	12	6	7	10	12
צווישן „א" און „ב"	8.21	14.75	0.00	0.00	36.07	43.96	7.27	1.44
" „ב" און „ג"	10.26	52.69	2.33	6.40	26.55	19.56	7.08	2.02
" „ג" און „ד"	17.71	25.19	31.00	6.69	33.45	6.72	42.92	24.18
" „ד" און „ה"	15.89	44.71	28.98	4.34	51.43	6.39	35.71	23.86

איצט לאָמיר באַטראַכטן די אונטערשיידן אין די פּראָצענטן פּלוס־צייכנס צווישן אַמעריקאַנער און יידן אין יעדן געשעפט באַזונדער אין שייכות צו די זעלביקע פיר פונקטן.

טאַבעלע VIII

אונטערשיידן אין פּראָצענט פּלוס־צייכנס צווישן אַמעריקאַנער יידן.

פונקטן פון פאָרמולאַר

געשעפטן	6	7	10	12
א	25.93	19.67	7.27	10.53
ב	1.79	48.88	0.00	9.09
ג	15.50	15.75	4.75	4.71
ד	33.24	34.22	16.67	22.25
ה	2.30	4.10	9.44	2.73

ווען מיר פאַרגלייכן די פּראָצענט־אונטערשיידן פון די ערשטע פיר געשעפטן אין דער לעצטער טאַבעלע מיט די 16 פּראָצענט־אונטערשיידן פון דער פריערדיקער טאַבעלע, געפינען מיר אַז אין 8 פאַלן זענען די אונטערשיידן ביי אמעריקאנער צווישן זיך גופא גרעסער ווי די אונטערשיידן צווישן זיי און די יידן און אין 8 פאַלן זענען זיי קלענער. אַסך בולט׳ער איז דער דאָזיקער רעזולטאַט ביי די יידן. פון די 16 פּראָצענט־אונטערשיידן זענען ביי יידן בלויז אין 5 פאַלן די אונטערשיידן צווישן זיי און די אַמעריקאנער קלענער ווי די אונטערשיידן צווישן זיך גופא, און אין 10 פאַלן זענען זיי גרעסער. אין איין פאַל זענען זיי אַקוראַט גלייך.

אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטן איז זייער שווער אָנצונעמען אי די מיינונג פון דערפאַרענע געשעפטסלייט, אי דעם איינדרוק פון אלגעמיינעם עולם, אז עס זענען פאַראַן איינהייטלעכע און כאַראַקטעריסטישע שטריכן וואָס עטנישע און ראַסישע גרופּעס ווייזן אַרויס אומעטום אין קויף־פּראָצעס.

דער דאָזיקער רעזולטאַט איז באמת געגוג וויכטיק אַז מען זאָל ניט אָפּקומען בלויז מיט אָנגעוויזענע ביישפּילן. עס וואָלט זיך געלוינט אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַר אַלע גרופּעס און אין אַלע פאַלן. אָבער דאָס איז ניט דער ציל פון דער דאָזיקער אַרבעט, כאָטש דער מאַטעריאַל איז דאָ פאַראַן, און מיר וועלן אים קענען אויסנוצן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. מיר דאַרפן זיך דאָ דער עיקר קאָנצענטרירן אויפן פאַרגלייך צווישן יידן און גוים.

מען קען, נאַטירלעך, טענהן, אַז דער עצם באַגריף „גוים" האָט דאָ קיין זינען ניט. וואָרים אויב עס זענען פאַראַן אַזעלכע גרויסע אונטערשיידן צווישן אַמעריקאנער גופא מכל שכן ביי אַזאַ געמישטן צונויפשטעל ווי „גוים", אַ וואָרט וואָס נעמט אַריין אין זיך פאַרשיידענע עטנישע און קולטורעלע סביבות, מיט זייערע פאַרשיידענע סטאַנדאַרטן אין לעבנספיר. אָבער לאָמיר געדענקען אז די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער ארבעט איז אויסצוגעפינען די ריכטיקייט פון איינגעוואָרצלטע און זייער פאַרשפּרייטע איינדרוקן. און אויב „גוים" איז אויך אַן איינדרוק, און באמת אַ פונדאַמענט פאַר אַלע אַנדערע איינדרוקן, דעמאָלט איז שוין מעטאָדיש נייטיק צו אָפּערירן מיט אָט דעם באַגריף ניט אריינגייענדיק אין גאַנצן אין דער פראַגע אויף וויפיל ער איז וויסנשאַפטלעך באַרעכטיקט.

לאָמיר איצט באַטראַכטן די טאַבעלע וואָס טיילט איין אַלע 796 קונים אויף צוויי צדדים, יידן און גוים, און גיט איבער אין דער דאָזיקער פאָרם די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט אין די פינף געשעפטן.

טאבעלע IX—א

פלוס און מינוס צייכנס און פראָצענט פלוס צייכנס ביי יידן און גוים אין אַלע געשעפטן.

פונקטן	געשעפט „א"						געשעפט „ב"						געשעפט „ג"					
	יידן			גוים			יידן			גוים			יידן			גוים		
	צאל +	צאל −	% +	צאל +	צאל −	% +	צאל +	צאל −	% +	צאל +	צאל −	% +	צאל +	צאל −	% +	צאל +	צאל −	% +
1	15	46	24.59	4	17	19.05	6	5	64.55	29	108	21.17	102	11	90.27	164	50	76.63
2	12	49	19.67	0	21	0.00	5	6	45.45	15	122	10.95	56	57	49.56	51	163	23.78
3	17	44	27.86	2	19	9.52	4	7	36.36	27	110	19.61	68	45	60.18	89	125	41.59
4	16	45	26.72	6	15	28.56	8	3	72.73	124	12	19.18	72	41	63.72	146	68	68.22
5	19	42	31.15	2	19	9.52	0	11	0.00	5	131	3.69	41	72	36.28	61	153	28.50
6	22	39	36.07	1	20	4.76	0	8	0.00	5	129	4.09	30	83	26.55	30	183	14.08
7	12	49	19.67	0	21	0.00	7	3	63.64	22	111	16.54	94	19	83.19	143	71	67.76
8	8	53	13.11	2	19	9.52	1	8	9.09	4	131	2.96	28	84	24.78	23	191	10.75
9	10	46	17.86	2	19	9.52	6	3	64.65	32	81	28.31	31	82	27.43	57	157	26.70
10	4	51	7.27	0	20	0.00	0	1	0.00	1	22	4.35	8	105	7.08	8	206	3.69
11	5	51	8.93	0	20	0.00	0	7	0.00	4	112	3.45	43	68	38.74	62	152	28.97
12	6	51	10.53	0	19	0.00	1	10	9.09	0	114	0.00	12	96	11.11	16	198	7.38

טאַבעלע IX—ב

פלוס און מינוס צייכנס און פּראָצענט פלוס צייכנס ביי יידן און גוים אין אַלע געשעפטן.

פּונקט	געשעפט „ד" יידן + צאָל	יידן - צאָל	יידן + %	גוים + צאָל	גוים - צאָל	גוים + %	געשעפט „ה" יידן + צאָל	יידן - צאָל	יידן + %	גוים + צאָל	גוים - צאָל	גוים + %	אַלע צוזאַמען יידן + צאָל	יידן - צאָל	יידן	גוים + צאָל	גוים - צאָ	גוים + %
1	13	4	76.47	56	57	49.56	15	20	42.86	41	33	55.41	151	86	63.71	294	265	52.59
2	12	5	70.59	65	47	58.04	4	31	11.42	14	60	18.92	89	148	37.55	145	413	25.94
3	11	6	64.71	67	48	59.29	21	14	60.00	42	32	56.76	128	116	51.06	227	334	40.46
4	11	6	64.71	71	42	62.83	12	23	34.29	34	30	45.90	119	118	50.21	381	167	69.52
5	12	5	70.59	31	82	27.43	5	30	14.29	23	51	31.08	77	160	42.49	122	436	21.83
6	9	6	60.00	50	63	47.77	3	32	8.57	15	69	20.27	64	168	27.59	101	459	18.53
7	13	4	76.47	42	71	37.16	29	6	82.85	62	12	83.78	155	65	65.68	269	286	48.09
8	2	15	11.76	28	72	25.00	2	33	5.71	6	68	8.11	41	193	17.52	63	481	11.58
9	9	8	52.94	43	69	38.30	29	6	82.86	45	29	60.81	85	145	36.96	179	355	33.52
10	1	1	50.00	3	8	27.27	5	30	14.28	4	70	2.86	18	188	7.63	16	326	4.68
11	4	13	23.43	30	81	27.02	1	34	2.86	12	62	16.22	53	173	23.45	108	427	20.19
12	6	11	35.29	29	82	26.12	4	31	11.43	12	62	16.22	29	199	12.72	57	475	10.71

תיקון טעות: אונטער „אַלע צוזאַמען", ביי „יידן" פעלט דער סימבאָל % + איבער דער דריטער רובריק.

די דאַזיקע טאַבעלע לערנט אונדז דריי זאַכן:

1) די אַלגעמיינע טענדענץ איז די זעלביקע סיי ביי יידן, סיי ביי גויים. דאָרט וואו ביי די יידן פאַלט די אַלגעמיינע צאָל פּלוס־צייכנס, פאַלט זי אויך ביי גויים. דאָרט וואו זי שטייגט ביי יידן שטייגט זי אויך ביי גויים.

2) ווען מיר פאַרגלייכן די צוויי גרופּעס, יידן און גויים, באַמערקן מיר אַז ביי יידן איז דער פּראָצענט פּלוס־צייכנס כמעט אלעמאָל אַביסל העכער ווי ביי גויים. מיט געוויסע אויסנאַמען געפינען מיר דאָס סיי אין די איינצלנע געשעפטן, סיי אין אַלגעמיינעם סך הכל.

3) כאָטש אין לעצטן סך הכל שטייען יידן העכער אין פּראָצענט פּלוס־צייכנס לגבי די גויים, איז דאָס אָבער ניט ריכטיק בנוגע פּונקט 4. דאָס איז דער איינציקער פּונקט וואו די גויים שטייגן אַריבער אין אלגע־מיינעם סך הכל, כאָטש ניט אין אַלע איינצלנע געשעפטן.

דאָס איז דער פּונקט וואָס פאָדערט ביים קונה, איידער ער קויפט, צו זאָגן וויפיל ער איז ווילִיק אויסצוגעבן פאַרן אַרטיקל. טייל קונים ווייזן אָן וויפיל זיי האָבן בדעה אויסצוגעבן. אַנדערע זאָגן: „ווייזט מיר פאַרשיידענע קוואַליטעטן וועלן מיר זען". יידן, ווערט אָנגענומען, גע־הערן צום לעצטן קלאַס. די געשעפטסלייט האָבן מיר לכתחילה אָנגעוויזן אויף דער דאָזיקער פונדאַמענטאַלער יידישער כאַראַקטעריסטיק. זיי האָבן דאָס דערקלערט דערמיט וואָס גויים לעבן לויט אַ פעסטגעשטעלטן ביודזשעט, יידן — ניט. ממילא האָבן גויים תמיד דעם חשבון אין קאָפּ, בעת יידן זאָרגן זיך מער פאַר דער קוואַליטעט פונעם אַרטיקל וואָס זיי קויפן. פונדעסטוועגן איז אויך דאָ דער אונטערשייד ניט אזוי זיכער. ערשטנס, ווייזט זיך ארויס אַז אין די געשעפטן „ד" און „ה" שטייגן די יידן אַריבער די גויים אין דעם פּרט. צווייטנס, זענען פאָרט פאַראַן 50.2% יידן וואָס זענען „ווילִיק אָנצוגעבן אַ פּרייז", כאָטש ביי גויים איז דער פּראָצענט 69.52.

מען קען אויך צווייפלען אין דער דערקלערונג פון די געשעפטסלייט. דאָס ווערט קאָנטראָלירט דורך פּונקט 9. דער דאָזיקער פּונקט זוכט צו באַשטימען דעם פּונקט 4 נאָר פון אַן אַנדער זייט, פון אַזאַ זייט וואָס דאַרף וואַרפן אַ ליכט אויף דער אָנגעגעבענער דערקלערונג. עס האַנדלט זיך וועגן דעם צי דער קונה איז „ווילִיק צו באַצאָלן מער פאַר אַ בעסערער

קוואַליטעט״. עס ווייזט זיך אַרויס אַז כאָטש אין אַלע געשעפטן גיבן יידן ביי דעם פּונקט אַ העכערן פּראָצענט פּלוס־צייכנס, איז אָבער דער אונ־טערשייד צווישן יידן און גויים אין לעצטן סך הכל אַ גאַנץ קליינער. דער פּראָצענט פּלוס־צייכנס ביי יידן פאַר פּונקט 9 איז 36.96, און ביי גויים 33.52. אויב יענע דערקלערונג וואָלט געווען אַ ריכטיקע וואָלט ניט געווען צו פאַרשטיין פאַרוואָס די אונטערשיידן צווישן יידן און גויים זאָלן זיין אַזוי אַנדערש ביי די פּונקטן 4 און 9.

די דאָזיקע אַלע פאַקטן ווערן בילדלעך אַרויסגעבראַכט אין דער קרומע פון דיאַגראַם I. מיר זעען דאָ דעם אַריבערשטייג פון גויים לגבי יידן אין פּונקט 4, זייער נאָענטקייט אין פּונקט 9, און אויך די נאָענטקייט און ענלעכקייט אין די אַלגעמיינע טענדענצן בנוגע אַלע אַנדערע פּונקטן. (זע ווייטער, דיאַגראַם I).

עס איז וויכטיק מיר זאָלן באַטראַכטן די שייכותן צווישן יידן און אַלע אַנדערע ניט־יידן פון נאָך אַ שטאַנדפּונקט. וואָרים די וואָס האַלטן אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ „יידישער קונה״ און אַ „גויאישער קונה״ ווילן דאָך דערמיט באַצייכענען קאָמפּלעקסן פון אַסך אייגנשאַפטן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר באַזונדערע יידישע און גויאישע פּסיכישע קאָנ־סטעלאַציעס. הייסט עס אַז יעדע באַזונדערע אייגנשאַפט איז פאַרבונדן מיט די אַנדערע סיי ביי יידן, סיי ביי גויים. אויב מיר נעמען אָן, למשל, אַז יידן דינגען זיך מער, און האָבן וויניקער צוטרוי צום פאַרקויפער, וועט עס הייסן אַז די צוויי האָבן אַן אינערלעכע שייכות און אַז די פּאָזי־טיווע ריכטונג פון ערשטן שטריך איז פאַרבונדן מיט דער נעגאַטיווער ריכטונג פון צווייטן. דאָס פאָדערט מיר זאָלן אָפּשאַצן ניט יעדן פּונקט באַזונדער ביי די פאַרשיידענע גרופּעס, נאָר אויך יעדן פּונקט אין שייכות צו די איבעריקע. אויף אַזאַן אופן ווערט אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען וואָס עס איז דער ראַנג, אָדער די פּאָזיציע פון יעדער גרופּע, אָדער פון אַלע גויים אין פאַרגלייך מיט יידן אויף יעדן פּונקט פון שטאַנדפּונקט פון זיין פאַרבונדנקייט מיט די איבעריקע פּונקטן.

דאָס ווערט פאַרענטפערט ווען מיר שטעלן אויס אַ סטאַטיסטישע ראַנג־טאַבעלע. דאָרט וועלן מיר זען די פּאָזיציעס פון יעדער נאַציאָנאַ־ליטעט אָדער ראַסע, ווי הויך אָדער ווי נידעריק זיי זענען ביי יעדן פּונקט. דאָס וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ פאַרגלייך ניט אויפן באַדן פון פּראָצענט פּלוס־צייכנס נאָר לויטן אַלגעמיינעם ראַנג וואָס איט פאַרנעמט יעדע גרופּע ביי יעדן פּונקט בעת אַלע צוועלף ווערן געבראַכט אין שייכות איינער צום אַנדערן.

דיאגראַם I

קרומע וואָס ווייזט די פּראָצענטן פּלוס צייכנס פון יידן און גויים אין די 12 פּונקטן פון פּאָרמולאַר.

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די יידן, די געבראָכענע — די גויים.



טאַבעלע X — אָביעקטיווע און סוביעקטיווע

ראַנג־טאַבעלע לויט די פאַרשיידענע גרופּעס און אַלע גויים צוזאַמען

פונקטן	יידן	אמעריק.	איטאַל.	נעגער	געמישטע	אַלע גויים
1	2	2	3.5	2	6	2
2	6	5	7	9	4.5	6
3	3	4	3.5	3	1	4
4	4	1	1	1	4.5	1
5	5	7	9	10	10	7
6	8	9	6	6	2	9
7	1	3	2	5	10	3
8	10	10	11	12	3	10
9	7	6	5	4	10	5
10	12	12	12	8	12	12
11	9	8	8	7	8	8
12	11	11	10	11	7	11

די דאָזיקע ראַנג־טאַבעלע ברענגט אַרויס עטלעכע פאַקטן וואָס זענען ביז גאַר אינטערעסאַנט. ווי מיר האָבן שוין פריער דערקלערט וואָלטן מיר געדאַרפט אוועקשטעלן די אַזוי־גערופענע אַמעריקאַנער ווי דעם סטאַנדאַרט בעת מיר ווילן אויסגעפינען אויף ווי ווייט יידן זענען אַנדערש. איצט, ווען מיר האָבן פאַר זיך די ראַנג־פּאָזיציעס פון אַלע גרופּעס וועט דאָס וואַרפן אַסך ליכט אויפן גאַנצן ענין ווען מיר וועלן אויסגעפינען די שייכותן צווישן די אַמעריקאַנער און יעדער פון די איבעריקע גרופּעס. מיר וועלן דעמאָלט זען צו יידן טרעטן טאַקע אָפּ פון דעם נאָרם (בנוגע ראַנג), און אויף ווי ווייט. די ווייטערדיקע טאַבעלע וועט ווייזן, ערשטנס, וויפיל עס באַטרעפט די סומע פון אַלע אונטערשיידן צווישן די אַמערי־קאַנער און יעדער אַנדער גרופּע. צווייטנס, ווי אָפט עס קומט פאַר אַ פולער צונויפטרעף צווישן די אמעריקאנער און די אַנדערע. דריטנס, וואָס עס איז דער העכסטער אונטערשייד צווישן די אַמעריקאַנער און די אַנדערע אויף וואָסער ניט איז פונקט. פערטנס, ווי אָפט עס ווייזן זיך אָפּ די העכסטע אונטערשיידן.

טאַבעלע XI

אונטערשיידן אין ראַנג צווישן אַמעריקאַנער און יעדער אַנדער גרופּע

	א מ ע ר י ק א נ ע ר			
	און יידן	און איטאַל.	און נעגער	און געמישטע
סומע פון אונטערשיידן...........	12	15	23	43
אָפּטקייט פון צונויפטרעף.........	4	2	3	2
העכסטער אונטערשייד	3	3	4	7
אָפּטקייט פון העכסטן אונטערשייד..	1	1	2	3

מיר זעען פון דער לעצטער טאַבעלע אַז בנוגע דער סומע פון אַלע אונטערשיידן צווישן די אַמעריקאַנער און די אנדערע שטייען די יידן נעענטער צו די אַמעריקאַנער. דאָס איז אויך אמת אין אָפּטקייט פון צונויפטרעף, ד"ה, יידן פאַרנעמען אָפּטער (4 מאָל) די זעלביקע פּאָזיציע וואָס די אַמעריקאַנער אין דער ראַנג־טאַבעלע ווי יעדע אַנדערע גרופּע. בנוגע די לעצטע צוויי פּרטים, „העכסטער אונטערשייד" און „אָפּטקייט פון העכסטן אונטערשייד", זענען יידן גלייך מיט איטאַליענער אין זייער נאָענטקייט צו אַמעריקאַנער, און נעענטער צו אַמעריקאנער אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע צוויי גרופּעס.

דאָס ווערט נאָך זיכערער אַרויסגעבראַכט ווען מיר באַרעכענען די קאָרעלאַציעס צווישן יידן און יעדער פון די אַנדערע גרופּעס. די ווייטערדיקע טאַבעלע וועט ווייזן די פּירסאָן־קאָרעלאַציעס צוזאַמען מיטן מיטלפעלער.

טאַבעלע XII — קאָרעלאַציעס

יידן און אַמעריקאַנער	$.93 \pm .03$
יידן און איטאַליענער	$.86 \pm .05$
יידן און נעגער	$.68 \pm .11$
יידן און געמישטע	$.68 \pm .17$
יידן און גויים	$.93 \pm .03$

מיר געפינען דאָ אַז די קאָרעלאַציעס זענען אומעטום אי פּאָזיטיוו, אי זייער הויך, ד"ה, די זעלביקע טענדענצן אין דער זעלביקער ריכטונג ווייזן זיך אַרויס ווען מיר פאַרגלייכן די יידן מיט די אַנדערע. די העכסטע מדרגה ווערט דערגרייכט צווישן יידן און אַמעריקאַנער, און צווישן יידן און גויים, וואָס דאָס שטרייכט נאָך מער אונטער דעם פריערדיקן פאַקט.

דער איינציקער יוצא מן הכלל איז בלויז די קאָרעלאַציע צווישן יידן און געמישטע. דאָס איז, אגב, אויך דער איינציקער פֿאַל וואו מען קען זען אַז די קאָרעלאַציע איז סטאַטיסטיש ניט פֿאַרלאָזלעך. אַ בליק אויף דער טאַבעלע פֿון די געמישטע (טאַבעלע VI) וועט באַווייזן פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי. דאָס איז אַ גרופּע וואָס האַנדלט באמת אַנדערש פֿון אַלע איבעריקע, כאָטש עס איז זייער שווער צו זאָגן פֿון וואַנען דאָס נעמט זיך.

ווען מיר שטעלן אויס אַ סעריע פּאָזיציעס לויט די צייכנס אין די פֿאָרמולאַרן, אָדער ווען מיר באַרעכענען סטאַטיסטיש די שייכותן צווישן די טענדענצן ביי די פֿאַרשיידענע גרופּעס, דעמאָלט זעען מיר קלאָר אַז ס׳איז ניטאָ קיין שאָטן פֿון קיין סימן פֿון קיין ספּעציעלן „יידישן קונה״. דאָך טאָר מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די פּראָצענטועלע אונטערשיידן צווישן יידן און אַנדערע אויף די פֿאַרשיידענע פּונקטן פֿון פֿאַרמולאַר. אמת, די אונטערשיידן זענען אַסך קלענער ווי די דערפֿאַרנסטע סוחרים האָבן פֿאַרויסגעזאָגט; זיי ווייזן זיך ניט אַרויס מיט אַזאַ זיכערקייט אין אַלע געשעפֿטן; און — דאָס איז דער עיקר — צווישן די יידן גופֿא, אָדער צווישן אַמעריקאַנער גופֿא, איז אָפֿט דער אונטערשייד גרעסער ווי צווישן די צוויי גרופּעס, דאָס אַלץ איז טאַקע אמת, דאָך קען מען בשום אופֿן ניט אָפּלייקענען אַז יידן גיבן פֿאַרט אַ גרעסערע צאָל פּלוס צייכנס. וואָרים ווען מיר צעטיילן די 796 קונים סיי לויט נאַציאָנאַליטעט און ראַסע, סיי לויט די באַזונדערע געשעפֿטן, באַקומען מיר 168 פֿאַרשיידענע סומעס פֿון די פּראָצענטן פּלוס צייכנס. פֿון אַט די 168 האָבן יידן געגעבן דעם זעלביקן פּראָצענט אין 6 פֿאַלן. אין 53 פֿאַלן איז זייער פּראָצענט נידעריקער, און אין 109 פֿאַלן איז ער העכער ווי ביי די אַנדערע גרופּעס אין די פֿינף געשעפֿטן. ווען מען אַנאַליזירט דעם ענין גענויער איז דאָס טאַקע אי ווייט, אי עפּעס אַנדערש דערפֿון אויף וואָס די געשעפֿטסלייט האָבן זיך לכתחילה גערעכנט. דאָך איז דאָס אַ פֿאַקט וואָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן. ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס דערקלערן?

די ערשטע זאַך וואָס מיר דאַרפֿן טאָן אין אַזאַ פֿאַל איז צו באַשטימען אויף ווי ווייט די אָפּשאַצונגען אין די פֿאָרמולאַרן האָבן טאַקע אַן אָביעקטיוון ווערט. וואָרים אויב עס איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט אַז די פּלוסן און מינוסן זאָלן טראָגן אַ סוביעקטיווע באַפֿאַרבונג, דעמאָלט איז דאָך מעגלעך אַז יידישע אָנגעשטעלטע זאָלן אַנדערש אָפּשאַצן יידישע און גויאישע קונים צוליב דעם פֿאָראורטייל וואָס זיי טראָגן אין זיך קעגן די יידישע. אַזעלכע זאַכן ווערן נאַטירלעך געטאָן אָן כוונה. דער עיקר איז צו די

פאַרמולאַרן דערלאָזן בכלל אַז סוביעקטיווע פאַקטאָרן זאָלן זיך אַריינ־מישן אין די אָפּשאַצונגען.

קיין גרינגלעכע פאַרשונג איז וועגן דעם ניט אונטערגענומען געוואָרן. אָבער דאָס ביסל וואָס איז יאָ געטאָן געוואָרן איז, דאַכט זיך מיר, גענוג צו פאַרענטפערן די פריערדיקע פראַגע. אין איין פאַל האָבן צוויי אָנגע־שטעלטע פאַרצייכנט די האַנדלונגען פון איין קונה, און דערנאָך פאַרגליכן זייערע פּלוס און מינוס צייכנס. אין אַ צווייטן פאַל האָבן פינף אָנגע־שטעלטע פאַרצייכנט די האַנדלונגען פון איין קונה. אין ערשטן פאַל זענען ביידע איינשטימיק אין עלף פונקטן. זיי צעגייען זיך בלויז אין איין פונקט (פונקט 3). אין צווייטן פאַל גיבן די פינף אַקוראַט די זעלביקע רעזולטאַטן אין פינף פונקטן, זיי צעגייען זיך אָבער אין די איבעריקע 7 (פונקטן 2, 4, 5, 6, 8, 9, 11).

עס איז קלאָר אַז דאָס קען ניט זיין קיין הוילער צופאַל. וועגן דעם ערשטן פאַל איז איבעריק צו רעדן. ווען צוויי מענטשן, אָן שום פריער־דיקן אָפּרייד צווישן זיך, טרעפן זיך צונויף אין זייערע אָפּשאַצונגען אין עלף פאַלן פון צוועלף, מוז דאָ זיין מער שכל ווי צופאַל. אויך אין צווייטן פאַל קען מען ניט זאָגן אַז „ס'האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט". וואָרים על פּי געזעץ וואָלט געדאַרפט אויסקומען — אויב אַלץ וואָלט געווען צופעליק — אַז די פינף אָנגעשטעלטע וואָלטן זיך צונויפגעטראָפן אין זייערע פּלוס אָדער מינוס צייכנס איין מאָל אויף יעדע 32 פונקטן. כדי זיי זאָלן זיך צונויפטרעפן פינף מאָל וואָלטן געדאַרפט זיין 160 פונקטן. אָבער אַזוי ווי דאָ זענען בלויז געווען 12 פונקטן הייסט עס אַז די פאַרמולאַרן פאַרמאָגן אַן אָביעקטיוון ווערט וואָס איז 38.53% העכער פון צופאַל.

פון דער אַנדערער זייט טאָר מען ניט פאַרגעסן אַז אין 7 פון די 12 פונקטן האָבן ניט אַלע פינף מסכים געווען צווישן זיך. דאָס עפנט אַ מעגלעכקייט פאַר אריינברענגען אַ געוויסע סוביעקטיווע באַפאַרבונג אין דער אַרבעט פון אָפּשאַצן די האַנדלונגען פון די קונים. פאַרשטייט זיך אַז דאָרט וואו עס איז פון פריער שוין פאַראַן אַ פאַראורטייל וועט זיין שווער צו פאַרשטעלן דעם וועג דער נאָר וואָס דערמאָנטער מעגלעכקייט. ווען מיר האָבן אין זינען אַז אין לעצטן סך הכל זענען די אונטערשיידן צווישן יידן און גוים ניט קיין גרויסע, לייגט זיך אויפן שכל אַז זיי האָבן אַסך צו טאָן מיט די יידישע נייגונגען אַרויסצוטראָגן אַ האַרבערן פּסק דין ווען עס קומט צו האַנדלונגען פון אייגענע, פון יידן. מען מעג

זיין ווי אַפּגעהיט אין אַרויסברענגען די פּונקטן פון אַזאַ מין פאָרמולאַר, דאָך וועט ניט זיין שווער זיך משער צו זיין אַז עס זענען פאַרט פאַראַן אָפענע שפּאַלטן פאַר פּערזענלעכע נייגונגען. עס איז גענוג ווען אַזאַ פאָרמולאַר קען זיך גרייסן אַז זיין אָביעקטיווער ווערט גייט היפּשלעך ווייט ניט צו דערלאָזן אַז די דאָזיקע טענדענץ זאָל אָנטאָן צופיל שאָדן.

3

ווי ווייט גרייכט דער יידישער פאָראורטייל בנוגע די אייגנשאַפטן פון יידישע קונים? קען מען געפינען עפּעס אַ וועג וואָס זאָל דאָס וויסנ־שאַפטלעך פעסטשטעלן? יאָ, מיר דאַכט זיך אַז מען קען מעטאָדאָלאָגיש געפינען אַזאַ וועג. וועגן דעם איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן אַ ספּע־ציעלע אַרבעט וואָס אירע רעזולטאַטן פאַרדינען בלי ספק מען זאָל זיי ערנסט באַטראַכטן.

דער פריערדיקער פאָרמולאַר איז געגעבן געוואָרן אין דער פאָרם פון אַן אַנקעטע אויף וועלכער 83 מענטשן האָבן געענטפערט. עס האָט זיך געפאָדערט אז יעדער זאָל פאַרצייכענען זיין מיינונג, אָדער זיין איינדרוק ווי טיפּישע יידישע קונים און טיפּישע גויאישע קונים האַנדלען אין די אָנגעגעבענע 12 פונקטן. זיי האָבן דאָס אָנגעוויזן דורך פּלוס צייכנס און מינוס צייכנס פונקט ווי פריער. עס איז בלויז צוגעגעבן געוואָרן אַ פראַגע־צייכן ווען דער ענטפערער איז ניט געווען זיכער מיט זיין מיינונג. נאָך אַן אונטערשייד איז באַשטאַנען אין דעם וואָס פריער האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן און נעגערס. אין דער אַנקעטע איז די פראַגע געווען בלויז וועגן יידן און גויים.

אין הסכם מיטן צוועק פון דער אַנקעטע זענען אַלע 83 געווען יידן, אין עלטער פון 18 ביז עטלעכע און פופציק, און פוןביידע געשלעכטער. כמעט אַלע וואָס האָבן אויסגעפילט די פאָרמולאַרן האָבן אויך געענטפערט אויף דער אַנקעטע. צוליב איינהייטלעכקייט זענען די אינסטרוקציעס אין דער אַנקעטע אויך געגעבן געוואָרן אין ענגליש. אָט איז דער אָריגינאַל.

Most storekeepers and salesmen believe that the typical Jewish customer displays certain characteristics different from those of the typical gentile customer. Do you think this is true? If so, please do the following:

Under the heading of "Jew", at the left of the twelve behavior items enumerated below, make a plus sign (+)

if you think that this item is characteristic of the typical Jewish customer. Make a minus sign (—) if you don't think so. Put a question mark (?) if you are in doubt.

In the same manner make plus and minus signs and question marks, respectively, under the heading of "Gentile".

די רעזולטאַטן פונם פאָרמולאַר זענען געבויט אויף אָפענע האַנד־לונגען אין געוויסע סיטואַציעס וואָס מען האָט באַמערקט און פארצייכנט. די אַנקעטע האָט שוין צו טאָן מיט מיינונגען און איינדרוקן. מיר וועלן דעריבער פון איצט אָן און ווייטער רעדן וועגן אָביעקטיווע ייִדן און גוים לויט ווי זיי ווייזן זיך אַרויס אין די פלוס און מינוס צייכנס פונם פאָר־מולאַר. מיר וועלן אויך רעדן וועגן סוביעקטיווע ייִדן און גוים אויף וויפיל מיר האָבן אין זינען די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע.

די ווייטערדיקע טאַבעלע וועט איבערגעבן דאָס בילד פון סוביעקטיווע ייִדן און סוביעקטיווע גוים לויט די פלוס און מינוס צייכנס און דעם פראָצענט פלוס צייכנס פאַר יעדן פון די צוועלף פונקטן פון דער אַנקעטע.

טאַבעלע XIII

פלוס צייכנס, מינוס צייכנס, און פראָצענט פלוס צייכנס אין דער אַנקעטע

	סוביעקטיווע ייִדן			סוביעקטיווע גוים		
	צאָל +	צאָל —	% +	צאָל +	צאָל —	% +
1	72	2	97.30	39	16	70.91
2	48	20	70.59	24	35	40.68
3	53	23	69.74	31	27	53.45
4	30	40	42.84	30	28	51.72
5	38	31	53.62	44	15	74.58
6	67	9	88.16	21	37	36.21
7	56	22	71.79	16	44	26.67
8	32	36	47.06	10	48	17.93
9	65	11	85.53	23	37	38.33
10	29	35	45.31	17	29	36.96
11	58	13	81.69	33	25	56.55
12	40	21	65.57	21	34	38.18

ווען מען קוקט דורך די דאָזיקע טאַבעלע וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן אַז די צאָל פּלוס צייכנס און די מינוס צייכנס, ביי יעדן פון די צוועלף פּונקטן, באַטרעפן קיינמאָל ניט קיין 83, ד"ה, די פולע סומע פון אַלע באַטייליקטע. די העכסטע צאָל איז 78, די קלענסטע — 46. וואו זענען אַהינגעקומען די איבעריקע? גאָר פּשוט, מען האָט זיך אין דער אַנקעטע זייער אָסך באַנוצט מיט פרעג־צייכנס; זיי זענען ניט געווען זיכער ביי זיך צי ייִדן אדער גויים וואָלטן יאָ אָדער ניט געהאַנדלט אויף אזא און אַזאַ אופן אין דער באַשריבענער סיטואַציע. אפילו די וואָס האָבן מיט אַ קורצער צייט פריער, בעת זיי האָבן איבערגעגעבן זייערע איינדרוקן בעל פּה, געררעדט אַזוי קלאָר און קאַטעגאָריש וועגן די אייגנ־שאַפטן פון טיפּישע ייִדישע און גויאישע קונים, האָבן איצט, בעת זיי האָבן עס געדאַרפט פאַרצייכענען שוואַרץ אויף ווייס, כסדר גע'טענה'ט אַז זיי זענען ניט זיכער, האָבן ספקות, און אַז אפשר זענען די ייִדישע קונים גאָר ניט אַזוי, ווי מען נעמט אָן. טייל האָבן שוין גענומען צווייפלען צי ס'זענען בכלל פאַראַן „טיפּישע ייִדישע" און „טיפּישע גויאישע קונים". ווייזט אויס אַז די אַנקעטע־סיטואַציע שאַפט אַ געענדערטע באַציאונג צום גאַנצן ענין.

פאַראַן זאַכן וואָס לאָזן זיך ניט איבערגעבן קוואַנטיטאַטיוו. דאָס איז אויך אמת וועגן געוויסע טענדענצן ביים ענטפערן אויף דער אַנקעטע. צום ערשטן מאָל האָב איך איצט באַגעגנט ייִדן וואָס האָבן אין גאַנצן ניט געקענט ענטפערן, ווייל זיי זענען ניט געווען זיכער אין סאַמע ערשטן תנאי אַז ס'איז פאַראַן אַ באַשטימטער אונטערשייד אין די שטריכן וואָס ייִדישע און גויאישע קונים ווייזן אַרויס ביים קויפן. בעת איך האָב געפירט לעבעדיקע שמועסן מיט ייִדן וועגן דעם ענין — ד"ה ווען די שמועסן זענען אַרויסגערופן געוואָרן פון מאָמענט, און ניט געוויזן אַז דאָס גרייט זיך אַ וויסנשאַפטלעכע ארבעט וואָס דאַרף „פאַראייביקט" ווערן — האָב איך ניט געהערט אַזעלכע אומזיכערקייטן און ספקות. אַלע זענען געווען זיכער אַז ייִדישע קונים זענען אי אַנדערש, אי ערגער.

ביים ענטפערן אויף די פאַרשיידענע פּונקטן פון דער אַנקעטע האָב איך אָפט געהערט אַזעלכע „ווייכהאַרציקייטן" ווי: „ייִדן זענען ניט אַזוי שלעכט", אָדער „גויים דינגען זיך אויך גאַנץ גענוג", בקיצור ס'איז געווען אַ קלאָרע טענדענץ דן צו זיין ייִדן לכף זכות, בייצוקומען עפּעס אין זיך און זאָגן וועגן ייִדן אַ „גוט וואָרט" וואו עס לאָזט זיך נאָר. צי ס'איז געווען אַ פאַרקערטע טענדענץ בנוגע גוויים איז שווער צו זאָגן,

געוויסע סימנים און אויסדרוקן האָבן געוויזן אויף יאָ. יעדנפאַלס איז אין אַסך פאַלן נייטיק געווען אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון זיין אבסאָלוט ערלעך און אָביעקטיוו כדי צו פאַרשטאַרקן אַ וויסנשאַפטלעך געמיט און אַן ערנסטע שטעלונג צום גאַנצן ענין.

די וויכטיקייט פון דער לעצטער טאַבעלע ווייזט זיך אַרויס גאַנץ באַזונדער ווען מיר שטעלן זי אויס אין דער פאָרם פון קרומעס (זע די וויטערדיקע צוויי דיאַגראַמען). ווי ווייט גרייכט דער אונטערשייד צווישן אָביעקטיווע יידן און סוביעקטיווע? איז אויך פאַראַן אַן ענלעכער אונטערשייד צווישן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע גויים? אין דער אמתן וואָלט מען זיך געדאַרפט ריכטן אַז ביי סוביעקטיווע יידן וועט די גאַנצע קרומע ליגן נידעריקער ווי ביי אָביעקטיווע. ליגן נידעריקער באַטייט אין אונדזער פאַל אַז ס'זענען פאַראַן קלענערע פּראָצענטן פּלוס צייכנס, ד"ה, יידן פאַרמאָגן ווייניקער די אייגנשאַפטן וואָס ווערן דערמאָנט אין די פּונקטן. וואָרים אויב ס'איז, ווי געזאָגט, געווען אַ טענדענץ דן צו זיין יידן לכף זכות, וואָלטן דאָך ביי די סוביעקטיווע יידן געדאַרפט זיין נאָך ווייניקער אָנזעעוודיק די קויף־חסרונות ווי מיר געפינען זיי ביי אָביעקטיווע יידן.

פּונקט פאַרקערט וואָלט געדאַרפט זיין ביי די גויים. די טענדענץ ביי די ענטפערער אויף דער אַנקעטע צו מאַכן די גויים פאַר „ערגערע" קונים ווי מען האָט וועגן זיי דעם איינדרוק האָט ביי די סוביעקטיווע גויים געדאַרפט אויפהייבן דעם פּראָצענט פּלוס צייכנס אין פאַרגלייך מיט די אָביעקטיווע. וואָס־זשע באַווייזן אונדז די קרומעס וואָס פאַרגלייכן די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע יידן און גויים? (זע ווייטער, דיאַגראַם II און III).

ביי די יידן זעען מיר אַז דער פאַרלאַנג דן צו זיין לכף זכות האָט ניט געהאָלפן. וואָרים די קרומע פון די סוביעקטיווע יידן ליגט דווקא העכער, און אַ היפּש ביסל העכער, פון דער קרומע פון די אָביעקטיווע יידן, סיידן מיר זאָלן אָננעמען אַז אַן אָט דעם פאַרלאַנג וואָלט ביי די סוביעקטיווע יידן דער פּראָצענט פּלוס צייכנס געווען נאָך מער. ביי די גויים, זעט אויס, האָט די דאָזיקע טענדענץ יאָ געהאָלפן. ביי זיי ליגט טאַקע די סוביעקטיווע קרומע העכער פון דער אָביעקטיווער, כאָטש דער אונטערשייד איז אַסך קלענער ווי ביי די צוויי סאָרטן יידן.

עס קומט אויס אַז דער יידישער פאָראורטייל קעגן יידישע קונים איז אַזוי גרויס אַז ווי נאָר יידן האָבן זיך געפילט פריי אויסצודריקן זייערע מיינונגען און איינדרוקן זענען זיי ווייט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן

דיאַגראַם II

קרומעס וואָס ווייזן די פּראָצענטן פּלוס צייכנס פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע יידן אין די 12 פּונקטן פון פאָרמולאַר און אַנקעטע.

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די אָביעקטיווע יידן, די געבראָכענע — די סוביעקטיווע.



דיאַגראַם III

קרומעס וואָס ווייזן די פּראָצענטן פּלוס צייכנס פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע גויים אין די 12 פּונקטן פון פאָרמולאַר און אַנקעטע.

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די אָביעקטיווע גויים, די געבראָכענע — די סוביעקטיווע.



פון דער אָביעקטיווער קרומע כאָטש זייערע אינווייניקסטע טענדענצן האָבן זיי געטריבן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אַ קוואַנטיטאַטיווער חשבון פון דער גרייס פון אָט דעם פאַראורטייל ווייזט זיך אַרויס ווען מיר באַרעכענען די אונטערשיידן, אין טערמינען פון פּראָצענט פּלוס צייכנס, צווישן די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע יידן און גויים. ווען מיר פאַרגלייכן די אָביעקטיווע יידן מיט די סוביעקטיווע איז ביי די לעצטע געשטיגן דער פּראָצענט פּלוס צייכנס אין עלף פּונקטן פון די צוועלף. בלויז אין איין פּונקט (פּונקט 4) איז דער דאָזיקער פּראָצענט קלענער. ביי סוביעקטיווע גויים, אין פאַרגלייך מיט די אָביעקטיווע, איז דער פּראָצענט פּלוס צייכנס געשטיגן אין צען פּונקטן פון די צוועלף. ביי צוויי פּונקטן (4 און 7) איז ער קלענער. אויף אַזוי ווייט איז דער אונ־טערשייד צווישן יידן און גויים זייער קליין. אָבער ווען מיר באַטראַכטן די פּאַקטישע סומעס פון די געשטיגענע פּראָצענטן אין ביידע פאַלן באַ־קומט זיך שוין גאָר אַן אַנדער בילד. ביי די סוביעקטיווע יידן, אין פאַרגלייך מיט די אָביעקטיווע, באַטרעפט די שטייגונג 36.10% אין דורכשניט פּער פּונקט. ביי די סוביעקטיווע גויים — בלויז 18.45% פּער פּונקט. דאָס הייסט אַז ניט געקוקט אויף דעם וואָס די טענדענצן האָבן געאַרבעט לטובת דעם יידישן קונה און קעגן דעם גוישן איז אין לעצטן סך הכל דער פאַראורטייל אין ערשטן פאַל געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין לעצטן.

מיר האָבן זיך פריער באַנוצט מיט אַ ראַנג־טאַבעלע (טאַבעלע X) כדי צו זען די אונטערשיידן אין ראַנג צווישן די פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס און אויך די נעגער. מיר וועלן איצט אויסשטעלן אַ ראַנג־טאַבעלע כדי איינצוזען די אונטערשיידן אין ראַנג צווישן אָביעקטיווע יידן און אָביעקטיווע גויים, צווישן אָביעקטיווע יידן און סוביעקטיווע יידן, צווישן סוביעקטיווע יידן און סוביעקטיווע גויים, און צווישן אָביעקטיווע גויים און סוביעקטיווע גויים. דאָס וועט נאָך בולט׳ער אַרויסשיילן די אויבן־געבראַכטע רעזולטאַטן.

טאַבעלע XIV

ראַנג־טאַבעלע פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע ייִדן און גויים

פונקטן	אָביעקטיווע ייִדן	אָביעקטיווע גויים	סוביעקטיווע ייִדן	סוביעקטיווע גויים
1	2	2	1	2
2	6	6	6	6
3	3	4	7	4
4	4	1	12	5
5	5	7	9	1
6	8	9	2	10
7	1	3	5	11
8	10	10	10	12
9	7	5	3	7
10	12	12	11	9
11	9	8	4	3
12	11	11	8	8

דער סך הכל פון דער דאָזיקער טאַבעלע וועט זיך צום קלאָרסטן אַרויסזען ווען מיר וועלן אים טאַבולירן פונקט ווי מיר האָבן דאָס פריער געטאָן (זע טאַבעלע XI).

טאַבעלע XV

אונטערשיידן אין ראַנג צווישן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע ייִדן און גויים.

	אָב׳ ייִדן און אָב׳ גויים	אָב׳ ייִדן און סוב׳ ייִדן	סוב׳ ייִדן און סוב׳ גויים	אָב׳ גויים און סוב׳ גויים
סומע פון אונטערשיידן	12	40	42	34
אָפּטקייט פון צונויפטרעף	5	2	2	3
העכסטער אונטערשייד	3	8	8	8
אָפּטקייט פון העכסטן אונטערשייד	1	1	2	1

מיר זעען אַז די סומע פון אַלע אונטערשיידן אין ראַנג צווישן ייִדן און גויים, ווען ביידע ווערן גענומען אָביעקטיוו, איז בלויז 12, בעת צווישן ייִדן אַליין, ווען עס מישט זיך אַריין דער סוביעקטיווער עלעמענט, וואַקסט דער אונטערשייד מיט גאַנצע 28 פּונקטן, פון 12 ווערט 40. אָביעקטיווע ייִדן און אָביעקטיווע גויים האָבן אַקוראַט דעם זעלביקן ראַנג (צונויפטרעף) אין פינף פאַלן. אָבער אָביעקטיווע ייִדן און סוביעקטיווע ייִדן טרעפן זיך צונויף בלויז 2 מאָל. דער העכסטער אונטערשייד אין ראַנג צווישן ייִדן און גויים, ווען ביידע ווערן אָביעקטיוו געמאָסטן, איז בלויז 3. אָבער צווישן ייִדן און ייִדן גופא, די אָביעקטיווע און די סוביעקטיווע, איז דער העכסטער אונטערשייד גאַנצע 8. בנוגע דער אָפטקייט פון העכסטן אונטערשייד איז דאָ קיין חילוק ניטאָ.

אפילו דער אונטערשייד צווישן אָביעקטיווע גויים און סוביעקטיווע גויים איז אַלץ גרעסער, און אסך גרעסער, ווי צווישן זיי און ייִדן, ווען ביידע זענען פון אָביעקטיוון סאָרט. דאָס ווייזט זיך אַרויס אי אין דער סומע פון די אונטערשיידן, אי אין דער גרייס פון העכסטן אונטערשייד, אי אין דער אָפטקייט ווען ביידע צדדים האָבן דעם זעלביקן ראַנג. בקיצור, פון אַלע פאַרגלייכונגען אין ראַנג זענען די אָביעקטיווע ייִדן און די אָביעקטיווע גויים די נענטסטע צווישן זיך. (זע ווייטער דיאַג. IV).

די דאָזיקע געדאַנקען ווערן נאָך מער פאַרשטאַרקט ווען מיר באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע קאָרעלאַציעס וואָס צווישן די סוביעקטיווע און אָביעקטיווע אָפּשאַצונגען פון ייִדן און גויים.

טאַבעלע XVI — קאָרעלאַציעס

אָביעקטיווע ייִדן און אָביעקטיווע גויים....	.93 ± .03
אָביעקטיווע גויים און סוביעקטיווע גויים....	.39 ± .17
אָביעקטיווע ייִדן און סוביעקטיווע ייִדן	.31 ± .16
אָביעקטיווע גויים און סוביעקטיווע ייִדן	.25 ± .19
סוביעקטיווע ייִדן און סוביעקטיווע גויים....	.14 ± .17

דיאגראם IV

קרומעס וואָס ווייזן די פּראָצענטן פּלוס צייכנס פון סוביעקטיווע יידן און סוביעקטיווע גוים אין די 12 פונקטן פון פאָרמולאַר און אַנקעטע.

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די סוביעקטיווע יידן, די געבראָכענע—די סוביעקטיווע גוים.



בלויז די ערשטע קאָרעלאַציע איז אַ פּאָזיטיווע אין זייער הויך. אַזוי שנעל ווי מיר גייען אַוועק פון די אָביעקטיווע, ד"ה, פון די „אמת'ע" יידן און די „אמת'ע" גוים, הייבן אָן די קאָרעלאַציעס צו פאַלן ביז דער לעצטער — סוביעקטיווע יידן און סוביעקטיווע גוים — ווען ס'איז שוין כמעט קיין שום אַנזעעוודיקע שייכות ניטאָ. מיר זעען דאָ אויך אַז אָביעקטיווע יידן זענען זייער נאָענט צו אָביעקטיווע גוים, אָבער זייער ווייט פון סוביעקטיווע יידן; אַז ס'איז פאַראַן מער שייכות צווישן די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע גוים ווי צווישן די יידן פון די זעלביקע צוויי סאָרטן; אַז כאָטש יידן און גוים זענען אַזוי נאָענט אין דער אָביעקטיווער קאָרעלאַציע, פאַלט דאָס כמעט ביז נישטיקייט ווען אַנשטאָט די אָביעקטיווע יידן ווערן גענומען די סוביעקטיווע. דער פאַקט וואָס דער ווייטסטער מהלך באַקומט זיך אין דער קאָרעלאַציע צווישן די סוביעקטיווע יידן און סוביעקטיווע גוים לאָזט זיך צום בעסטן אויס־טייטשן דערמיט וואָס בעת די ענטפערער אויף דער אַנקעטע האָבן גע־דאַרפט פריי איבערגעבן זייערע איינדרוקן האָבן זיי לויט לאַנג־איינגע־וואָרצלטע גענעראַליזאַציעס געשאַפן אין זייערע דמיונות אַזעלכע באַזונ־דערע טיפן יידישע און גויאישע קונים וואָס האָבן אַ קנאַפּע שייכות צו די וואָס מיר געפינען אין אמת'ן לעבן. עס איז אויך וויכטיק מוסיף צו זיין אַז בלויז די ערשטע קאָרעלאַציע, צווישן אָביעקטיווע יידן און אָביעקטיווע גוים, איז סטאַטיסטיש פאַרלאָזלעך, די איבעריקע — ניט.

4

די דאָזיקע ארבעט איז אַרויסגערופן געוואָרן פון דער פאַרשפּרייטער איבערצייגונג צווישן יידן אַז יידישע קונים ווייזן אַרויס כאַראַקטעריס־טישע שטריכן אין פּראָצעס פון קויפן, שטריכן וואָס, סיי פון שטאַנדפּונקט פון פאַרקויפער, סיי לויט די אָנגענומענע האַנדל־מנהגים אין דער מערב־דיקער קולטור, רופן זיי אַרויס אַ טיפן ווידערווילן. בעוונותינו הרבים ווייסן מיר אַז דער מהלך צווישן איבערצייגונג און גלויבן איז גאָר ניט אַזוי ווייט ווי מען נעמט אָן. ממילא איז קודם כל נייטיק געווען אויסצו־פאָרשן די פאַקטן. אין דעם איז באַשטאַנען די ערשטע טייל פון דער אַרבעט. אמת, די אָנגענומענע פאָרש־מעטאָדע קען זיך ניט באַרימען מיט דעם אַז זי האָט דערפירט צו אַבסאָלוטער אָביעקטיוויטעט, אָבער, ראשית, איז אין סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע אוממעגלעך דאָס צו דערגרייכן.

שנית, ווייזן אַלע סימנים אַז די מאָס אָביעקטיוויטעט וואָס דער פאָרמולאַר האָט פאַרט אַרויסגעבראַכט איז געווען געגוג הויך אַז די רעזולטאַטן זאָלן האָבן אַן עכטן וויסנשאַפטלעכן ווערט. וויכטיק איז נאָר אין אַזעלכע פאַלן מען זאָל באַמערקן די שפּאַלטן דורך וועלכע פעלערן קענען זיך דורכרייסן, און זיך רעכענען דערמיט. דאָס איז טאַקע פריער געטאָן געוואָרן.

ווי ווייט שטימען די פאַקטן מיט דער פאַרשפּרייטער איבערצייגונג וועגן דער טבע פון יידישע קונים? כדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע איז בייטיק געווען פעסטצושטעלן, אויב מעגלעך קוואַנטיטאַטיוו, וואָס יידן טראַכטן וועגן יידישע קונים. דערין איז באַשטאַנען די צווייטע טייל פון דער אַרבעט. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די יידישע קונים ווי זיי זענען אין דער אמת'ן מיט דעם וואָס יידן טראַכטן וועגן זיי.

ווען מיר פאַרגלייכן די רעזולטאַטן פון ביידע טיילן לערנען מיר אַז ס'זענען פאַראַן גרויסע אונטערשיידן צווישן די אַזוי־גערופענע „אָביעקטיווע" און „סוביעקטיווע" יידישע קונים. דאָס האָבן מיר שוין גאַנץ קלאָר געזען. דאָך וועט ניט זיין איבעריק איצט, אין סך הכל, אַרויסצוברענגען נאָך עטלעכע שטריכן פונם בילד.

ווען איך האָב גערעדט מיט די אייגנטימער און די אָנגעשטעלטע פון די פינף געשעפטן האָב איך באַמערקט אַז געוויסע האַנדלונגען פון קונים מאַכן זיי באַזונדערס בייז. צום אומגליק, איז אויסגעקומען לויט זייער מיינונג, אַז גראָד יענע האַנדלונגען זענען שטאַרק פאַרשפּרייט ביי יידן. מען קען זיך לייכט משער זיין וואָסערע געפילן דאָס רופט ביי זיי אַרויס צו יידישע קונים. אין דער אמת'ן ווינטשן זיך אַלע צו האָבן וואָס ווייניקער יידישע קונים. אָבער איז דאָס אַלץ געבויט אויף פאַקטן אָדער בלויז אויף איינדרוקן? לאָמיר זען — און דער דאָזיקער „לאָמיר זען" איז נאָך אינטערעסאַנטער דערמיט וואָס די פאַקטן זענען גענומען געוואָרן טאַקע פון זייערע אייגענע געשעפטן לויט זייער אייגענער גבית עדות.

די פונקטן וואָס מאַכן באַזונדערס בייז זענען 6, 7, 8, 12. אין 6 רעדט זיך וועגן דער טבע זיך צו דינגען (אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע באַצייכנט מיט „דינגען"), אין 7 האַלט זיך דער קונה פאַר אַ מבין איבער דער קוואַליטעט פון אַרטיקל (באַצייכנט מיט „מבינות"). אין 8 ווייזט דער קונה אַרויס אומצוטרוי צום פאַרקויפער, איז חושד אַז מען וויל אים

אָפּנאָרן (באַצייכנט מיט „אומצוטרוי"). אין 12 וויל דער קונה מאַכן דעם איינדרוק אַז ער טוט אַ טובה מיט דעם וואָס ער קומט קויפן גראָד אין דעם געשעפט, און דאָס באַרעכטיקט אים צו פּריווילעגיעס (באַצייכנט מיט „טובה"). לאָמיר איצט זען ווי אַזוי יידן און גויים האַנדלען אין דער אמת׳ן אין די פיר פאַלן (אָביעקטיווע יידן און גויים). מיר וועלן אויך באַמערקן וואָס יידן טראַכטן וועגן יידישע און גויאישע קונים אין שייכות צו די דאָזיקע פיר פּונקטן (סוביעקטיווע יידן און גויים). דערנאָך וועלן מיר פאַרגלייכן די אונטערשיידן צווישן אָביעקטיווע יידן און גויים און צווישן סוביעקטיווע יידן און גויים.

טאַבעלע XVII

אונטערשיידן אין פּראָצענט פּלוס צייכנס צווישן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע יידן און גויים אין פיר ספּעציעלע פּונקטן.

פּונקטן	אָביעקטיווע יידן	 גויים	 אונטערשייד	סוביעקטיווע יידן	 גויים	 אונטערשייד
דינגען.......	27.59	18.53	9.06	88.16	36.21	51.95
מבינות	65.68	48.09	17.59	71.79	26.67	45.12
אומצוטרוי ...	17.52	11.58	5.94	47.06	17.93	29.13
טובה	12.72	10.71	2.01	65.57	38.18	27.39

מיר זעען דאָ אַזוי קלאָר ווי עס איז נאָר מעגלעך אַז אפילו אין די דאָזיקע פיר קריטישע פּונקטן זענען אונדזערע יידישע פאַרקויפער שרעקלעך אומגערעכט קעגן זייערע יידישע קונים, דאָס הייסט ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די ניט־יידישע. למשל, די פאַרשפּרייטע טענה אַז יידן דינגען זיך זעט זיך דאָ אַרויס ווי אַ הוילער איינדרוק. בלויז אין דער סוביעקטיווער טאַבעלע גיבן יידן 88.16% קונים וואָס דינגען זיך. אין דער אָביעקטיווער בלויז 27.59%. מיט אַנדערע ווערטער, בלויז די אויסגעטראַכטע יידן האָבן די דאָזיקע טבע, די אמת׳ע זענען אין דעם גאַנץ נאָענט צו ניט־יידן. בכלל, אין אַלע פאַלן ווייזט זיך אַרויס אַז דער אונטערשייד צווישן אידן און גויים איז אין דער אמת׳ן אַסך, אַסך קלענער ווי אין איינדרוק. ווען עס קומט צום פּונקט „מבינות" גיבן טאַקע יידן אַ גרויסן פּראָצענט אין דער אָביעקטיווער טאַבעלע, אָבער גראָד דאָ גיבן אויך די גויים דעם גרעסטן פּראָצענט פון אַלע פיר

פונקטן. ביים פונקט „טובה" האָט איינער פון מיינע געשעפט־אייגנ־טימער גערעדט מיט געוואַלטיקער ביטערקייט ווענן די יידישע קונים וואָס פאַרמאָגן דעם דאָזיקן שטריך. ווייזט זיך אַרויס אַז דאָ גיבן יידן בלויז 12.72% בעת ביי די „אומות העולם" איז פאַראַן 10.71%. דאָס איז גראָד דער פונקט וואו דער אונטערשייד צווישן אָביעקטיווע יידן און גויים איז דער סאַמע קלענסטער. אינטערעסאַנט איז וואָס פון אָט די פאַקטישע 12.72% ווערט אַן איינדרוק פון 65.57%, און פון אַ פאַקטישן אונטערשייד צווישן יידן און גויים וואָס באַטרעפט בלויז 2.01% ווערט אין דער סוביעקטיווער טאַבעלע, ד"ה, לויטן איינדרוק, 27.39%. (זע די ווייטערדיקע דיאַגראַמען).

דיאַגראַם V

קרומעס וואָס פאַרגלייכן די אָביעקטיווע יידן און אַלע אָביעקטיווע ניט־יידן אין געשעפט „א".

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די יידן, די געבראָכענע — אַלע ניט־יידן.



דיאַגראַם VI

קרומעס וואָס פֿאַרגלייכן די אָביעקטיווע יידן און אַלע אָביעקטיווע ניט־יידן אין געשעפט „ב".

די גלייכע ליניע שטעלט פֿאָר די יידן,
די געבראָכענע — אַלע ניט־יידן.



דיאַגראַם VII

קרומעס וואָס פאַרגלייכן די אָביעקטיווע יידן און אַלע אָביעקטיווע
ניט־יידן אין געשעפט „ג".

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די יידן, די געבראָכענע — אַלע ניט־יידן.



דיאַגראַם VIII

קרומעס וואָס פאַרגלייכן די אָביעקטיווע יידן און אַלע אָביעקטיווע ניט־יידן אין געשעפט „ד״.

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די יידן, די געבראָכענע — אַלע ניט־יידן.



דיאַגראַם IX

קרומעס וואָס פאַרגלייכן די אָביעקטיווע יידן, און אַלע אָביעקטיווע ניט־יידן אין געשעפט „ה".

די גלייכע ליניע שטעלט פאָר די יידן, די געבראָכענע — אַלע ניט־יידן.



ווי שוין באַמערקט בלייבט נאָך אַלץ איבער דער פֿאַקט וואָס צווישן יידן און ניט־יידן איז כסדר פֿאַראַן אַן אונטערשייד, כאָטש ער איז טאַקע גאַנץ קליין, וואָס ווייזט אַז ביי יידישע קונים איז דער פּראָצענט ווידער־וויליקע קויף־שטריכן אביסל גרעסער. אמת, ווען מען פֿאַרלאָזט זיך אויף מיינונגען און איינדרוקן איז מען דאָס שרעקלעך מגזם; אמת, בנוגע דער ריכטונג פֿון די פֿאַרשיידענע שטריכן און זייערע שייכותן צו די זעלביקע שטריכן ביי גויים, זעט לחלוטין ניט אויס עס זאָל זיין אַזאַ זאַך ווי אַ טיפּישער יידישער קונה. דאָך בלייבט אַלץ איבער אַ געוויסער עודף ביי יידישע קונים וואָס ווייזט זיך אַרויס אין יעדן פֿון די פֿינף געשעפֿטן. ניט אין אלע געשעפֿטן גלייך, ניט ביי אַלע פּונקטן גלייך, דאָך איז דער שטריך גופא קלאָר אָנזעעוודיק. ווי זאָל מען דאָס פֿאַרשטיין?

איך האָב פּריער דאָס פּרובירט צו דערקלערן מיט דער השערה אַז עס שטאַמט פֿונם איינגעוואָרצלטן פֿאָראורטייל וואָס יידן האָבן קעגן יידישע קונים. אַזוי ווי דער פֿאָרמולאַר האָט, נאָך אַלע באַוואָרענישן, דאָך געלאָזן אַ מעגלעכקייט פֿאַר געוויסע סוביעקטיווע באַפֿאַרבונגען האָט זיך דאָס ממילא אַרויסגעריסן אין שייכות צו די יידישע קונים. דאָס לייגט זיך אויפֿן שכל ווען מען האָט אין זינען אַז אַלע די וואָס האָבן אויסגעפֿילט די פֿאָרמולאַרן זענען — מיט איין אויסנאָם — געווען יידן.

מען קען אָבער ווייטער פֿרעגן: פֿאַרוואָס זאָלן יידן האָבן אַזאַ איינגעוואָרצלטן פֿאָראורטייל קעגן יידישע קונים? אויף דעם איז אייגנטלעך די דאָזיקע אַרבעט ניט מחויב צו ענטפֿערן. דאָס איז ניט געווען איר אויפֿגאַבע, און זי האָט ניט דורכגעפֿירט קיין זאַך וואָס זאָל געבן אַ וויסנשאַפֿטלעך־גילטיקן ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע. אָבער פֿאַרן פּשוטן פּסיכאָלאָגישן שכל איז דאָס נאָך אַלעמען ניט אַזוי שווער צו פֿאַרשטיין.

מיר אַלע ווייסן אַז צו אייגענע שטעלט מען גרעסערע פֿאָדערונגען ווי צו פֿרעמדע. אַ זינד וואָס ווערט באַגאַנגען פֿון אַן אייגענעם מאַכט אַ טיפֿערן און שווערערן איינדרוק ווי אַן ענלעכע זינד פֿון אַ פֿרעמדן. ממילא איז צו פֿאַרשטיין אַז אַ נעגאַטיווע האַנדלונג מצד אַ יידן רופֿט ביי אונדז אַרויס אַ שטאַרקערן אינערלעכן פּראָטעסט און וועקט אויף אַ שטאַרקערע נייגונג עס צו גענעראַליזירן, אָננעמען אַז אַלע יידן זענען אַזעלכע. דאָס פֿאַרענטפֿערט אויך די סתירה פֿאַרוואָס מיר פֿאַרטיידיקן יידן ווען פֿרעמדע פֿאַלן אָן אויף זיי בעת מיר אַליין זענען תמיד גרייט

זיי צו באַשולדיקן אין אַלע חטאים שבעולם. אַזוי האַנדלען אויך טאַטע־מאַמע בנוגע זייערע קינדער. פאַר דער וועלט וועלן זיי תמיד אַרויס־שטעלן די גרויסע מעלות פון זייערע קינדער, און וועלן זיך קעגנשטעלן מיט אַלע כוחות ווען עמיצער וועט זיי פוגע בכבוד זיין. אָבער אין דער אייגענער היים וועלן זיי טראַכטן אַז בלויז יענעמס קינדער זענען גוט, זייערע פאַרמאָגן די גרעסטע חסרונות.

די דאָזיקע דערקלערונג זעט מיר אויס צו זיין שכל'דיקער שוין צוליב דעם וואָס אונדזערע איינדרוקן וועגן יידישע קונים גלייכן זיך אויס מיט אַסך אַנדערע איינדרוקן וואָס מיר האָבן וועגן יידן בכלל. כמעט אומעטום דאכט זיך אונדז — בעת מיר זענען „אין דער אייגענער היים״ — אַז די אומות העולם זענען פיינער, בעסער, האָבן אנגענעמערע מאַ־ניערן.

טייל וואָלטן אפשר געקענט איינגיין אויף דעם אַז די גרעסערע צאָל פלוס צייכנס וואָס יידן גיבן אין די פאַרמולאַרן שטימט טאַקע מיט די אָביעקטיווע פאַקטן. זיי וואָלטן דאָס דערקלערט דערמיט וואָס אַזוי ווי מיר שטאַמען על פי רוב פון מזרח אייראָפּע, וואו די האַנדל־מנהגים זענען טיילווייז אַנדערש ווי אין מערב, ממילא איז נאָך אַביסל פון דעם מין געבליבן אין אונדזער סביבה. דאָס זעט מיר אָבער אויס צו זיין ניט קיין ריכטיקע דערקלערונג. וואָרים אונדזערע מיינונגען וועגן דעם אַז יידישע קונים פאַרמאָגן ערגערע שטריכן זענען ניט דאָ געבוירן געוואָרן. מיר האָבן זיי מיטגעבראַכט פון דער אַלטער מזרח־אייראָפּיי־אישער היים, און זיי זענען דאָרט געווען פאַרשפּרייט אַ האָר ניט ווייניקער ווי דאָ.

בכל אופן געפינען מיר זיך דאָ אין פעלד פון השערות. אַנדערש האָט עס אפשר ניט געקענט זיין ווען עס האַנדלט זיך וועגן ענינים וואָס זענען אַרומגעוויקלט מיט גראַ־אַלטע טראַדיציעס, גלויבנס, איינדרוקן און פאָלקלאָריסטישן געזאָגט־גערעדט. וואָס מער מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אויף רעזולטאַטן פון שטרענג־וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג, וואָס מער עס וועט אונדז געלינגען אויפצוהייבן דעם אָביעקטיוון ווערט פון די פאַרש־מעטאָדן, וואָס טיפער און גרינדלעכער דער אַנאַליז וועט אריינדרינגען אין אַלע שייכות'דיקע פּרטים, אַלץ מער וועלן פאַקטן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון השערות. די אַרבעט וואָס ווערט דאָ פאַרגעלייגט איז אַן אָנהייב אין אַ גרויס, ברייט און ווילד־פאַרוואַקסן פעלד. עס זענען נייטיק אַסך מער וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען כדי אַלץ אויפצוקלערן.

סך הכל

מיר זענען איצט גרייט איבערצוגעבן בקיצור די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אַרבעט.

1) דער געדאַנק אַז עטנישע אָדער ראַסישע גרופּעס ווייזן אַרויס כאַראַקטעריסטישע קויף־שטריכן ווערן לחלוטין ניט באַשטעטיקט. אַ פאַרגלייך צווישן יידן און אַמעריקאַנער באַווייזט אַז ס'איז אָפט פאַראַן אַ גרעסערער מהלך צווישן מיטגלידער פון דער זעלביקער גרופּע אין די פאַרשיידענע געשעפטן ווי צווישן פאַרשיידענע גרופּעס אין זעלביקן געשעפט.

2) די קאָרעלאַציעס צווישן יידן און אַנדערע איז תמיד (אחוץ צווישן יידן און „געמישטע") הויך און פּאָזיטיוו. די העכסטע קאָרעלאַציעס זענען צווישן יידן און אַמעריקאַנער און צווישן יידן און גויים, אוןביידע זענען סטאַטיסטיש פאַרלאָזלעך. דאָס שטרייכט נאָך מער אונטער די נאָענטע און פּאָזיטיווע שייכות צווישן פאַרשיידענע גרופּעס אין זייערע קויף־אייגנשאַפטן.

3) ווען מיר שטעלן אויס די רעזולטאַטן אין דער פאָרם פון אַ ראַנג־טאַבעלע זעען זיך ניט אַרויס קיין שום כאַראַקטעריסטישע ראַנג־פּאָזיציעס פאַר יידן.

4) בנוגע אונטערשיידן אין ראַנג־פּאָזיציע שטייען יידן צום נאָענטסטן צו די אַמעריקאַנער אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע גרופּעס.

5) ניט געקוקט אויף דעם אַלעם גיבן די יידן אַ גרעסערן פּראָצענט פּלוס צייכנס אין אַלע פּונקטן פון פאָרמולאַר, אחוץ פּונקט 4. דאָס איז אָבער ריכטיק בלויז אין אַלגעמיינעם סך הכל, כאָטש ניט אין די איינצלנע געשעפטן, אָדער גרופּעס.

6) דער פאַקט וואָס יידן גיבן אַ גרעסערן פּראָצענט פּלוס־צייכנס דערקלערט זיך צום בעסטן מיט דעם וואָס דער פאָרמולאַר דערלאָזט אַז די וואָס פילן אים אויס זאָלן טיילוויז באַפאַרבן די רעזולטאַטן מיט זייערע געפילן און מיינונגען וועגן יידישע קונים. דער דאָזיקער פאַקט ביייטיקט זיך אין מער אויפקלערונג וואָס בלויז ווייטערדיקע פאָרשונגען וועלן קענען ארויסברענגען.

7) אין דער אַנקעטע, וואָס ברענגט אַרויס בלויז מיינונגען און איינדרוקן וועגן יידישע און גויאישע קונים, ווייזט זיך אַרויס אַז די פּלוס

צייכנס ווערן מער ביי בײדן, אָבער ביי יידן וואַקסט די צאָל צו אַזאַ הויכער מדרגה אַז עס שאַפט זיך אַ שאַרפער תהום צווישן יידן און גויים.

8) דאָס ווייזט ווי גרויס עס איז דער יידישער פאַראורטייל קעגן יידישע קונים, אין פאַרגלייך מיט ניט־יידישע, ווען ער איז אין גאַנצן פריי זיך אויסצודריקן. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט פון פאַרגליי־כונגען אין ראַנג צווישן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע יידן און גויים.

9) ווען עס קומט אַריין דער סוביעקטיווער עלעמענט פון דער אַנקעטע פאַלן אַלע קאָרעלאַציעס צווישן יידן און גויים, און ער ווערט אויך קליין און אומפאַרלאָזלעך צווישן די יידן גופא, צווישן די אָביעק־טיווע און די סוביעקטיווע.

עס איז זיכער ניט אין גוטן ווייסנשאַפטלעכן טאָן צו פאַרענדיקן אַזאַן אַרבעט מיט אַ געזעלשאַפטלעכן מוסר השכל. עס איז מיר אָבער שווער דערפון זיך אָפּצוזאָגן אין איצטיקן פאַל. וואָס מער איך בין פאַראינ־טערעסירט געוואָרן אין דער פראַגע וועגן דעם וואָס יידן טראַכטן וועגן יידן אַלץ מער בין איך אָנגעפילט געוואָרן מיט פיינלעכן חידוש אי פון דער בייסיקייט און חוזק וואָס ליגן אין אונדזער טאָן בעת מיר רעדן וועגן יידישע אייגנשאַפטן, אי פון דער מאוים׳דיקער אָפּטקייט פון אַזעלכע אַטאַקעס. וואָס מער איך שטרענג אָן דעם זיכרון אַלץ מער דערמאָן איך זיך אַז דער סם פון „גיי האָב מחזקות מיט אונדזערע יידעלעך" איז איינגעקנאָטן געוואָרן אין יעדן ציגל פון מיין יידישער וועלט פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען. נאָך ערגער ווערט אויפן האַרצן ווען מען כאַפּט זיך אַז אין דעם אַלעם האָט ניט קיין קליינעם חלק דאָס וואָס אונדזערע שונאים פאַרשפּרייטן וועגן אונדז.

וואָס מער איך באַטראַכט דאָס מיט קילן ישוב הדעת אַלץ מער באַמערק איך אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט גלויבנס, אָבערגלויבנס, פאַלשע גענעראַליזאַציעס, אומקאָנטראָלירטע מיינונגען, און אין בעסטן פאַל מיט פאַנטאַסטישע גוזמאות. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט אַז דאָס האָט אַ געוואַלטיק דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויף אונדזער גאַנצן אינערלעכן לעבן. עס ווערט ממש אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען די איבערצייגונג אין אָן אייגענער שפלות, וואָס מיר דאַרפן שטענדיק באַדויערן, און גע־טריישאַפט דאַרף זיך אויסדריקן אין שטענדיקן זאָגן מוסר איינער דעם צווייטן און אין אָפּוואַשן פון זיך דעם פלעק פון זיין אַזוי פיל ערגער ווי די אומות העולם.

יידישע פּירמעס וואָס זאָגן זיך אָפּ צו באַשעפטיקן יידישע אָנגעשטעלטע באַרעכטיקן דאָס מיט די חסרונות וואָס יידישע מענטשן טראָגן אין זיך. אָבער די אַלע וואָס קענען ניט פאַרטראָגן אַזאַ אומגערעכטיקייט וועלן ביי פּאַסיקע געלעגנהייטן—אין די דלד אמות פון אייגענעם קרייז—אויסדריקן אַקוראַט די זעלביקע מיינונגען וועגן יידן. דער חילוק איז בלויז וואָס די ערשטע פילן זיך געצוואונגען צו ציען דערפון טרויעריקע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן, בעת די לעצטע קענען זיך פאַרגינען צו זיין נאָכגיביק צו דער טעאָריע און דאָך זיין מוטיק אין באַקעמפן די פּראַקטיק. אָבער קיינער האָט ניט פּרובירט וויסנשאַפטלעך פעסטצושטעלן וויפיל אמת עס איז פאַראַן אין די הנחות וואָס אויף זיי בויט זיך סיי די טעאָריע, סיי די פּראַקטיק.

ריין וויסנשאַפטלעך איז נאַטירלעך מעגלעך אַז אין אַלע איינדרוקן וועגן יידישע אייגנשאַפטן זאָלן ליגן אַ געוויסער אמת, אָדער דער גאַנצער אמת. מען קען דאָס בשום אופן ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אויס ריין עטישע סענטימענטן. אָבער פון דעם קען מען בלויז אַרויסדרינגען צוויי זאַכן: ראשית, עס ליגט אויף אונדז אי אַ וויסנשאַפטלעכער, אי אַ נאַציאָנאַלער, אי אַ מאָראַל־געזעלשאַפטלעכער חוב אויסצופאָרשן מיט שטרענג אָביעקטיווע מיטלען אָט דעם גאַנצן באַרג טראַדיציאָנעלע מיינונגען וועגן יידישע אייגנשאַפטן, און זיך סומך זיין אויף אָביעקטיווע רעזולטאַטן וואָס זיי זאָלן ניט זיין. והשנית, ביז יענער צייט דאַרפן מיר זיך באַמיען מיט אַלע כוחות ניט צו באַשווערן אונדזער אינערלעך לעבן מיט אומקאָנטראָלירטע און שעדלעכע סתם־מיינונגען. אין שייכות צו דער איצטיקער ארבעט איז גוט צו געדענקען אַז דאָס וואָס זי האָט דערגרייכט פאַרשטאַרקט בשום אופן ניט — לכל הפחות אין איין ווינקל — אָסך זייער פאַרשפּרייטע נעגאַטיווע מיינונגען וואָס יידן האָבן וועגן יידן.